STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00327

SHRIFTEN

Morris Rosenfeld

Permanent preservation of this book was made possible by
Jerome & Helen R. Stern

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק.

THE WORKS OF MORRIS ROSENFELD VOL. V

שריפטען

פון

מאררים ראזענפעלד

פינפטער באנד

(פראזא)

ארויסגעגעבען פון
די אינטערנאציאנאלע ביבליאטהעק פערלאג קאמפ.
ניו־יארק.

Copyright, 1910.
By The International Library Publishing Co.

אינהאַלטס-פערצייכניס

בעזונדערע שריפטען

איבערהעם לינקאָלן 5
פאנטאזיע (נביא'יש) 13
דעם סטאָליאַר'ס אינגעלע (סקיצע) 21
ציוט-פערטרייב 30
שרייבען בריעף 37
אויף די אלטע יאהרען 42
אבגעגאַרט 48
א סטרייק 52
וועמעס בלוט? 58
פון טהאָל צו'ם באַרג 64

ליטעראטור

קונסט און לעבען 73
קהלת און דער פאַרטשריט 82
דער גאָלדענער רענדעל 90
„אמעריקאניזמוס“ 97
דער גייסטיגער הונגער 103
אויסגעשריעבענע שרייבער 108

בײ די ברעגען פון ים 113
איבער פרוג׳ס ליעדער 137

גלויבען

אבגעשמיסענע געטער 145
אמונה מיט גלעקלאך 151
תורה־געדאנקען 157
פאסטען 169
משומדים און פרייע דענקער 174

פאמיליע

רייד מיט א אידענע 183
מיט יעקעל שפרינצעס 189
פרויען וואס ווילען „אויסגעפינען“ 195
דארפען זיך פרויען פארבען? 201
גט און קדושן 205

ארטיקלען און פעליעטאנען

די אינדיקעס און די רויטע 213
פארק־טראגעדיעס 221
א פערשפעטיגטער „אשמנו“ 227
סוכות און דער האדסאן־פולטאן פאראד 233
די יונגע טערקען 245
גיט מיר שונאים (פאלעמישעס) 252
אין די יאגדעס־בערג 258
דער מלמד און איך 266
אין אידישען גארטען 272

ערפינדונגען און מענשען 278
בילדער און הגדה 283
קנעפלעך 289

בערל דער פיסקאטער

ערשטער קאפיטעל 297
צווייטער „ 304
דריטער „ 311
פיערטער „ 317
פינפטער „ 325
זעקסטער „ 333
זיעבטער „ 341

בעזונדערע שריפטען

אייבּרעהעם לינקאָלן

צו זיין הונדערט יעהריגען געבורטסטאג.

זיפצענד האָט דער אָר'מער נעגער
זיין פערלאָרענקייט געמיינט,
און האָט אויף זיין וויסטען ג'לעגער
דורך די שטילע נעכט געוויינט.

מיט די ווייסע צייהנער בייסען
פלעגט ער אָפּט זיין שווארצען לייב,
פלעגט אויף זיך די הויט צורייסען
און דעם סוד פערטרויט זיין ווייב...

נאָר דעם יאָך האָט ער געטראָגען
שטיל און רוהיג, ווי א לאם.
פלעגט קיין הויכען וואָרט ניט זאָגען,
שטיל געשטיקט אין זיך די פלאם.

אפריקא האָט איהם געצויגען,
נאָך זיין היים האָט ער גענארט,

דורך די מידע זעהנזוכטס אויגען
האָט דער וועה זיך דורכגעשפּאַרט.

דאָך דער הימעל האָט פערנומען
דעם פערלאָרענעם'ס געבעט.
און א מלאך איז געקומען
און האָט פריי דאָס וואָרט גערעדט.

אויף קענטאַקי'ס גרינע וויזען,
אין א שטיבעל אויפ'ן פעלד,
איז דער ריעז פון פרייהייטס ריעזען
אָנגעקומען אויף דער וועלט.

„לאָזט איהם לויז!" האָט ער געליארמט,
„ווערט דורך זיין פערגעהן ניט רייך!
„גאָט האָט זיך אויף איהם דערבארמט,
„שווארץ צי וויס, מיר זיינען גלייך!"

און ער האָט די קייט צוריסען,
און געלאָזען געהן דעם קנעכט,
און בעפרייט א פאָלקס־געוויסען,
און געקרוינט דאָס מענשען־רעכט.

ניט נאָר איז די פרייהייט אַליין פערעהרט און פער־
הייליגט, נאָר אַפילו איהרע פריינד. יעדער מיטגליעד
פון איהר נאָבעלער משפחה לעבט אייביג. אַ פאָלק פער־

געסט קיינמאָל דעם אויסערוועהלטען, וואָס האָט איהם צונויפגעפיהרט מיט דיעזער הימלישער פרינצעסין.

איינער פון יענע אויסערוועהלטע, פון יענע אייביגע גייסטער איז אייברעהעם לינקאָלן, וועמעס הונדערט יעהריגער געבורטסטאָג עס איז יעצט דער יום טוב פון א מעכטיגע נאַציאָן.

א קינד פון די אָפענע פעלדער איז ער געווען. צווישען די גרינע לאַנקעס פון דער זוניגער קענטאָקי האָט ער זיינע אויגען געעפענט.

ער האָט טויזענד פערשיעדענע פויגעל זינגען געהערט און האָט זיי אָפּלאַדירט מיט דער נשמה; ער האָט זיך פון אָלע בעגייסטערט.

ער האָט געזעהן ווי בוימער פון אַלערהאַנדיגע קאָלירען און געשטאַלטען בילדען א גאַנצען וואַלד און ער האָט דעם וואַלד בעוואונדערט און זיך געקוויקט מיט זיין פראַכט.

מיליאָנען בלימעלאך, קוויטלאך און גראָזען האָבען געשמייכעלט צו איהם, ער האָט זיי אָלעמען געבענשט. זיי זיינען אָלע שען אויף זייער שטייגער און נאַטור האָט זיי אָלע בעשאַפען און געלאָזט פריי בליהען און וואקסען.

טייכלאך, טייכען, שטראָמען, קרעניצעס, וואַסערפאַלען האָבען געראַשט, געלאַכט, געמורמעלט און ער האָט פון אָלץ פערנומען איין גאַנצע, מעכטיגע ערהאַבענע מעלאָדיע.

אין דער הויך האָט ער זיינע בליקען אויפגעהויבען און בעטראַכט די פּנים'ער פון די וואָלקען: ווייסע,

שוואַרצע, ברוינע און געלע, אַלע האָבען זיי זיך געטראָגען אונטער איין הימעל; אַלע האָבען זיי געטהאָן די שליחות פון דער נאַטור און געגאַנגען דאָרט, וואו איין געזעץ האָט זיי געהייסען.

דער פעך־שוואַרצער זשוק, דער געשפּרינקעלטער שמעטערלינג, די גרין־זיידענע טומעל־פליעג, די גאָלדענע ביהן און די פייער־גליהעריין האָבען געטאַנצט אין איינעם דעם צויבער־קאַדריל פון זומער, און ער, דער פּראָפעט פון אחדות, האָט געקוקט און געקוואָלען.

דער שוואַרצער בוהאַי האָט זיך געפיטערט אויף די וויזען פונקט ווי דער ווייסער און דער רויטער. זיי האָבען געגעסען די זעלביגע פאַשע, געטרונקען די זעלביגע וואַסער, געאָטהעמט די זעלביגע לופט.

ער האָט די ערד פּראָבירט: דער שוואַרצער באָדען האָט געטראָגען רייכערע פרוכט ווען מען האָט איהם גוט אַרומגעזעהען...

מיט קלאָרע, ליכטיגע אויגען, מיט אַ ריינעם געוויסען און אַ שכל גלייך ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע, — האָט ער אין אַלע טהיילען פון דער בריאה געפיהלט איין דופק, איין נשמה, איין גרויסען, מעכטיגען פערבאַנד.

ער האָט ניט געזעהן קיין יחסנים אין דער נאַטור און האָט זיי ניט געליעבט ביי די מענשען. ער האָט בעגריפען זיין לעקציאָן, פערשטאַנען זיין בערוף און אַ גאַנצע אומה פייערט זיין אַנדיינקען.

לינקאָלן איז ניט געווען אַמעריקא׳ס ע ר ש ט ע ר פּאָליטישער בעפרייער, די מעדאַל פאַר דיעזען נצחון

טראָגט דזשאָרדזש וואשינגטאָן. לינקאָלן איז געווען זיין פּאָטערלאַנד'ס צווייטער ערלייזער.

וואשינגטאָן איז גרויס, ער האָט געפיהרט צו די אונאבהענגיגקייט פון אַ מדינה. דאָך דיעזע מדינה, וואָס האָט צובראָכען די אייזערנע רוט פון איהרע פייניגער, האָט אליין געפייניגט מענשען, זיי געקויפט און פערקויפט אויפ'ן מאַרק ווי בהמות.

ביי דער נאַציאָנאַלער לויה פון וואשינגטאָן איז נאָכגעגאַנגען די פרייהייט מיט אַ בייטש אין דער האַנד, ביי לינקאָלן'ס אָרון האָט זי געטראָגען אַ לאָרבער־קראַנץ.

וואשינגטאָן האָט געטאָן דאָס, וואָס זיין מיסיאָן האָט פון איהם געפאָדערט. ער איז געווען אַ העלד, אַ טאַפּפערער בעל־מלחמה, אַן עהרליכער מענש. קעמפּפענדיג מיט ענגלאַנד פאַר די גאולה פון זיינע מיט־מענשען, האָט ער ניט געקענט פעראיינס קעמפּפען געגען זיי. זיין צייט האָט דאָס פון איהם ניט פערלאַנגט.

ער האָט געלאָזט דעם שווארצען שקלאַוו אויף זיין טרויעריגען אָרט, ביי זיין ברוטאַלען בעזיצער. ער האָט אליין געקויפט אַפריקאַנער קנעכט צו בעאַרבייטען זיינע גיטער. ער האָט בעלאַנגט צו דעם שבט לוי פון דער געזעלשאַפט און איז געווען דער משה רבינו פון דער נייער וועלט, וועלכער האָט בעפרייט אַ פערשקלאַפּט פאָלק און האָט אליין אָנגעשריעבען דעם דין ווי צו האַנדלען מיט שקלאַפען...

די הייליגע אַרבייט אָבצואווישען פון דער יונגער מדינה דעם אַלטען פלעק פון קנעכטשאַפט איז געבליעבען

פאר דעם זוהן פון אַן אָרימען בויער. קומענדיג פון אונ־בעמיטעלטע עלטערען איז ער געווען נעהענטער צו די געדריקטע. ער האָט זיי טיעפער געפיהלט און בעסער אָבגעשאַצט. זיין וויעג איז געשטאַנען אין אַ שטיבעלע פון קלעצער, וואו מען זויגט איין דעם רחמנות מיט די מוטער־מילך.

די געשיכטע האָט אויסגעקליבען דעם ריכטיגען מאַן פאַר די ריכטיגע אַרבייט.

אין לינקאָלן ווערט ניט נאָר פערעהרט דער פריי־הייטס קעמפפער, דער גוואַלדיגער רעדנער, דער שאַרפער פּאָליטיקער און דער גוטמוטהיגער וויצלינג, נאָר אויך דער אמת'ער שונא פון גאוה, דער מאַן, וועמען די פּראָסט־קייט, די ניט־געמאַכטע איינפאַכקייט האָט געציערט ווי אַ קרוינונגס־מאַנטעל.

לינקאָלן וואָלט אפשר ניט געמאַכט קיין גוטען איינ־דרוק אין פירסטליכע פּאַלאַצען, מען האָט איהם אָבער געמאַכט קייזערליכע אָוואַציעס אין די הערצער פון די געטרעטענע. דער גרויסער פּאַרמער פון האַרדין קאַונטי, קענטאַקי, איז ניט געווען קיין „קאַוואַליער" ווי זיין אונ־שטערבליכער פאָרגעהער פון מאַונט ווערנאָן, ווירדזשי־ניא, ער האָט ניט געטראָגען דעם זילבער־ווייסען פּאַריק פון די אַדעליגע, די אַריסטאָקראַטען, דערפאַר אָבער זיי־נען זיינע מאָנומענטען די שענסטע.

ווי הערליך ער זעהט אויס אין זיין געוועהנליכען פּאָלקס־ראָק! ווי שען זיין קאָפּ איז פערקאָממט אויפ'ן עולם'שען אופן!

אַ קרוין וואָלט איהם מיאוס געמאַכט.

גאָלדענע עפּאָלעטען פון אַ פעלד־מאַרשאַל וואָלטען איבערגעפיהרט זיינע סטאַטוען.

שטעלט זיך פאָר לינקאָלן מיט אַ שווערד ביי דער זייט!

דאָס האָט געפּאַסט אַמעריקאַ׳ס ע ר ש ט ע ן פּרעזי־דענט אָבער ניט דעם זעכצעהנטען.

ער איז געווען אַ גליקס־קינד, דער גרויסער קאַפּיטאַן אונזערער: זיין מזל האָט איהם אויסגעוועהלט אַ טויט, וואָס פערגרעסערט נאָך זיין קבר.

אין פאָרד׳ס טהעאַטער פון דער הויפּט־שטאָדט וואַ־שינגטאָן איז דאָס געווען, אין דעם ערשטען מאָמענט פון פריהלינג ווען די ערשטע גרעזער שפּראָצען—יאָ, ד אָ ר ט און ד אָ ן האָט דאָס פּאַסירט ווען אַ קויל איז הייליג געוואָרען אין זיין קערפּער.

ד אָ ר ט און ד אָ ן איז דאָס געשעהן, ווען אַ רע־וואָלווער האָט אַרויפגעשאָסען אַ נשמה אין הימעל אַרויף, אין זיעבעטען הימעל.

דזשאָהן ווילקס בוטה, דער מערדער, איז געווען אַ בעסערער אַקטיאָר ווי זיין געניאַלער ברודער, ער האָט געשפּיעלט אַ ראָלע וואָס די מענשהייט וועט ניט פערגע־סען: זיין ט מ א האנד האָט בעשאַפען אַ ק ד ו ש.

אַ דאנק דיר, בעזער שיקזאַל, וואָס דו האָסט איהם געשיינקט דאָס מאַרטירערטהום! זיין פ ע ר ג ע ה ן איז דער לעצטער, פאָלענדעטער שטריך אין זיין ב ל י י ב ע ן.

אין אכצעהן הונדערט נײן האָט ער דערזעהען די וועלט און אין נײנצעהן הונדערט נײן הויבט שוין אָן די וועלט איהם צו זעהן.

און אַלע זעהען איהם.

אַזוי ווי ער האָט אַנערקענט דאָס גלײכע רעכט פאַר אַלע קאָלירטע מענשען, אַזוי אַנערקענען די מענשען פון אַלע קאָלירען זײן אײביגען נאָמען.

פאַנטאַזיע

(נביא'יש).

דאָס איז געווען אין דעם יאָהר נייַנצעהן הונדערט און פינף, אויף קאָלומבוס'עס ערד, צו דער צייט, וואָס מיין פאָלק האָט פערלאָרען זיין וועג און געלייקענט אין אַלץ, וואָס איז רעכט און אין אַלץ וואָס איז הייליג.

און אַ האַנד האָט פון די וואָלקען זיך אַראָבגעלאָזט און האָט מיך אָנגעגריפען און אַוועקגעשטעלט אויפ'ן קאָפּ פון דער סטאַטוע דער פרייהייט, ביי דעם אָפענעם פאָרט פון דער מוטער־שטאָדט פון די פעראייניגטע שטאַאטען.

און מיינע אויגען האָבען זיך געעפענט ווייט און איך האָב געזעהןביידע וועלטען: די אַלטע וועלט און די נייע.

איך האָב געזעהן דעם גאַנצען אַטלאַנטישען מעער פון ברעג צו ברעג, האָב געזעהן די מיליאָנען שיפען, וואָס שניידען דורך זיין רוישענדען בוזים, און געפיהלט דעם בייטש פון שטורם, וואָס מאַכט שפּרינגען זיינע וועלען.

און די שווארצע פלוטען האָבען געלויכטען פאר מיר ווי קריסטאָל, און איך האָב דורכגעקוקט דעם ים'ס האַרץ ביז'ן תהום און האָב דאָרט געזעהן זיינע סודות.

און דער הימעל איבער מיין קאָפּ איז געווען אָפען און איך האָב געזעהן די גערעכטיגקייט טהראָנענדיג אויף א וואָלקען פון פייער.

און איך האָב געזעהן די צייט זיצענדיג ביי איהר וועב־שטוהל, וועבענדיג דעם שטאָלץ פון די קומענדע דורות.

און מיין ברוסט איז געוואָרען שטאַרק ווי א פאַנציר, מיין בליק — ריין און פלאַמענד.

און מיין ערנסטער פנים האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין די קלאָרע יריעות פון די אויבערשטע וועלטען.

איך האָב בעטראַכט דעם שנעלען גאַנג פון די פלאַנעטען.

מיינע אויערען האָבען פערנומען דעם געזאַנג פון מאָרגענשטערן...

איך האָב געהערט דעם הייליגען כאָר פון די כרובים, וואָס בעגלייטען די זון.

און איך האָב געזעהן די געבורט פון די אינגסטע שטראַהלען, וואָס ברעכען דורך די געצעלטען פון די הימ־לען צו בעלייכטען די וועלט.

און באַלד האָב איך דערהערט א מעכטיגען רוישען פון פליגלען איבער מיין קאָפּ.

און עס האָט זיך געעפענט פאר מיר נאָך א עפענונג אין דער הויך. און איך האָב דערזעהן א שווארצען הי־

מעל, און זיין שווארצער שאַל האָט אַבגעטונקט די פינ־
סטערע ברעגען אין אַטלאַנטיק.

און ווייט, ווייט פון אַן אונבעשטימטען אָרט הינ־
טער דעם שלייער האָט זיך געזעהן אַ מאַטע ליכט און
איהר פלאַם האָט זיך געוויעגט און געצאַנקט ווי אַ גוסס...

און די פליגלען איבער מיין קאָפּ האָבען גענומען
מעכטיגער רוישען.

און פלוצלונג איז ערשיענען אַ געפליגעלטע פיגור,
דאַכט זיך אין דער געשטאַלט פון אַ פרוי, מיט אַ גליהענ־
דען פאַקעל אין האַנד. און זי איז געבליבען שוועבען
צווישען מיר און צווישען דעם שווארצען שלייער, און אַ
שטימע האָט פון ערגעץ געזאָגט צו מיר:

— פרעג!

און מיינע ליפּען האָבען געציטערט ווי אין פיעבער
און איך האָב געפרעגט:

— פאַרוואָס איז דער הימעל פערצויגען מיט
שווארצען?

און אַ שטימע האָט מיר געענטפערט:

— ווייל דאָס איז דער אידישער הימעל.

דער ענטפער האָט דורכגעלעכערט מיין נשמה און אַ
דיקע שווארצקייט האָט זיך אויסגעצויגען פאַר מיינע
בליקען, אַז איך האָב קוים געזעהן די פיגור.

— און פאַרוואָס איז דער אידישער הימעל שווארץ?
האָב איך ווייטער געפרעגט.

און די שטימע האָט געזאָגט:

— זעה!

און איך האָב געזעהן.

די געפליגעלטע פיגור האָט מיר געוויזען מיט איהר פאַקעל אויף די גערעכטיגקייט.

פאַר איהר טהראָן איז געשטאַנען אַ פרוי. איהרע באָרוועסע פיס זיינען געווען פערגאָסען מיט בלוט, איהרע לאַנגע שוואַרצע האָר צופלאָכטען און צושויבערט, אויף איהר שטערען האָט זי געטראַגען אַ קראַנץ פון פערבלו־טיגטע דערנער, און איהרע הענד זיינען געווען אויסגע־שטערקט געגען די גערעכטיגקייט...

און די פרוי האָט ביטער, זעהר ביטער געוויינט.

— ווער איז די אונגליקליכע? האָב איך געפרעגט מיט אַ קול פון אונגליק.

און די שטימע האָט געענטפערט:

— דאָס אידישע פאָלק.

— און ווער האָט איהר געבראַכט צו אַזאַ מדרגה? האָב איך אויסגעציטערט און מיין הארץ האָט געקאָכט ווי דער ים, און די שטימע האָט געזאָגט:

— קוק זיך איין, וועסטו וויסען.

און איך האָב געקוקט.

די געפליגעלטע פיגור האָט מיר געצייגט מיט איהר ברענענדיגען פאַקעל און איך האָב געזעהן.

פון אונטער דעם שוואַרצען שלייער האָבען זיך אַרויסגערוקט אַ מחנה דונקעלע געשטאַלטען.

אַנדערע מיט הוילע קעפּ און אַנדערע אין יאַרמול־קעס, אַנדערע געגאָלטע, אַנדערע מיט בערדלאך און אַנ־

דערע — מיט קאַלטאַנאָוואַטע, לאַנגע בערד ווי די בעזימער.

אַנדערע מיט שרייב־פעדערס אין די הענד... אַנדערע מיט פּושקעס, אַנדערע מיט אָנגעבלאָזענע לונג און לע־בערס, און אַנדערע מיט ווייסע בויגענס פּאַפּיער אויף וועלכע עס זיינען געשטאַנען מיט בלוט־געשריעבען די אותיות:

„שתדלנות“ און „צדקה“...

און אויף יעדענס שטערען פון די דונקעלע געשטאַל־טען זיינען געשטאַנען אויסגעברענט די ווערטער „כשר“... „כשר“...

איינער האָט געהאַט אויף זיין שוואַרצען ראָק אַ לענטע אויף וועלכע עס איז געווען אויסגענייט מיט מענש־ליכע אָדערען די ווערטער „כל ישראל“...

און פאר די העלע שיין פון דעם ברענענדיגען פאַקעל האָב איך געזעהן אַז זיי האָבען קיינער ניט קיין הערצער.

דאָס איז געווען אַ לוסטיגע חברה, אַ פרעהליכע געזינדעל!

באַלד זיינען זיי געשפרונגען איינציגווייז און באַלד האָבען זיי זיך געהאַלטען פאר די הענד און געטאַנצט אַ קאַראַהאָד. באַלד האָבען זיי געשפּיגט מיט גאַל איינער דעם צווייטען אין געזיכט, און באַלד האָבען זיי זיך גע־האַלזט און געקושט און געלאכט מיט אַ משונה־ווילד געלעכטער.

וועה! ווער זיינען זיי? האָב איך געפרעגט פער־וואונדערט און ערשטוינט ניט וויסענדיג וואָס איך זעה.

און די שטימע האָט געזאָגט:
— זעה און הער!
און איך האָב דערזעהן ווי הינטער דער שוואַרצער שייקע זיינען ערשיענען גרופּעס, גרופּעס פּערזעהענישען מיט לאַנגע אויערען, דינע עקען און פּערדישע פּנים'ער. און יעדע גרופּע איז נאָכגעלאָפען מיט אַ הירזשעריי נאָך איינעם פון די דונקעלע געשטאַלטען.
אַט האָבען זיי זיך געבריקעט, געשלאָגען מיט די פיס, מיט די קעפּ און מיט די ווידלען און אַט זיינען זיי געשפּרונגען צוזאַמען און געקיכערט: „קדוש, קדוש, קדוש".
און די גרופּעס פּערזעהענישען האָבען געטראָגען אויף אַ געדרייטען שנור פון שלאַנגענפעל אַ בינטעל שוואַרצע הערצער... און שפּרינגענדיג און טומלענדיג און גרילצענדיג האָבען זיי זיך געדרייט אַרום די דונקעלע געשטאַלטען... און פון גרונד ים האָבען האַסטיג אויפגעטויכט אַ מחנה ברואים מיט היהנערשע פיסלאך און שפּיציגע בערדלאך מיט הערנערלאך און האָבען געזונגען:

„מיר זיינען צופריעדען
מיט איך, ליעבע אידען,
ישראל'ס רעגיערער,
און אידישע פיהרער
פון דיעזער זייט ים.

איהר זייט אונז א ברכה,
פערשפּאַרט אונז מלאכה,

גאנץ גוט, ליעבע ברידער!
נו, ווידער און ווידער!
מיט חשק, מיט טעם!

מיר קומען פון אונטען,
פון פינסטערע גרונטען,
דאָרט וואקסען מיר, קוועלען,
פון מארטערען זעעלען
אין פייער און פלאם.

מיר קומען אייך בענשען,
איהר טייפעלשע מענשען,
אייך ברייגנען געשאנקען
און לויבען און דאנקען
אים נאָמען פון סם".

און אַזוי ווי די מלאכי חבלה האָבען געענדיגט זייער ליעד, האָבען זיי זיך פאַנאַנדערגעלאַכט מיט אַ ווילדען געלעכטער, וואָס האָט אָבגעקלונגען אין דער לופטען.

און די גערעכטיגקייט האָט זיך איינגעהילט אין אַ מאַנטעל פון פלאַמען און דער שוואַרצער הימעל איז שוואַרצער געוואָרען, און די באָרוועסע, צובלוטיגטע פרוי מיט'ן דערנער קראַנץ איז געפאַלען מיט'ן פנים צו דער ערד. און די מאַטע ליכט אונטער'ן שוואַרצען שלייער האָט זיך אָנגעהויבען צו לעשען...

און איך האָב געפיהלט ווי מיין הארץ צוברעכט זיך. ווי אַ ליימענער שאַרבען און מיט די לעצטע קרעפטען האָב איך געפּרעגט.

— וועט דאָס נאָך לאַנג אַזוי דויערען?

און איך האָב געהערט אַ לאַנגען זיפץ וואָס האָט זיך געצויגען דורך די וועלטען...

און די סטאַטוע דער פרייהייט האָט מיך אַראָבגע־וואָרפען פון זיך...

דעם סטאָליאר'ס אינגעלע

(סקיצע).

פריי נאָכ'ן דייטשען.

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָב איך געוואוינט אין אַ סטאָליאר'ס הויז, אין יענעם טהייל פון שטאָדט, וואו עס פערבלאָנדזשען זעהר זעלטען גרויסאר־טיגע עקיפאַזשען און אויסגעפוצטע ליידיג־געהער.

דורכ'ן פענסטער פון מיין צימער פלעג איך שטענ־דיג אַרויסקוקען אין אַ קליינעם גערטעל, וואָס זיין גאַנץ פערמעגען זיינען געווען צוויי גרינע גראָז־פלעקען, צוויי־בענס פון צוויי אויסגעהאַקטע בוימער.

געגען איבער איז געשטאַנען אַ הינטער הויז. זיין ערשטער שטאָק האָט געדיענט פאר אַ סטאָליארנע, וואו מיין ווירטה פלעגט אַרבייטען, און אַ טרעפּ העכער האָט ער געוואוינט מיט זיין פרוי און קינד.

זי איז געווען אַ שטילע, אָרענטליכע, טהעטיגע פרוי און זייער קינד, אַ אינגעלע פון אַ יאָהר פיער־פינף, איז געווען אַ קליין מלאך'יל אָהן פליגעלאך, מיט אַ פּאָר

ג־ויסע, בלויע אויגען, וואָס האָבען שטענדיג טיעף און צושראָקען אריינגעקוקט אין דער וועלט...

מיין ווירטה איז געווען אַ שווערער, פלייסיגער אר־בייטער. יעדען טאָג האָב איך איהם געזעהען דורך מיין פענסטער אין דער סטאָליארנע, מיט דריי געזעלען, הוב־לען, זעגען און האַמערען.

אָבער אויך ביי נאַכט, ווען די שטימען פון די מייד־לאך, בחורים און קינדער פלעגען פערשטומען אין די הויפען, ווען דער אונרוה, דער הוהאַ און דער קאָך פון אַט דער קליינער וועלטעל פלעגט אויפהערען און אַ טיעפע, מעלאַנכאָלישע שטילקייט האָט זיך אויסגעשפרייט אר־מעטום; ווען דאָס זשומען פון דער גרויסער שטאָדט האָט געקלונגען ווי דער ווייטער גערויש פון ים; ווען אין די קיכען און קאַמערען פון מיינע שכנים פלעגען אָנגע־צונדען ווערען די ליכט און שפעטער זיך פערלעשען, — יאָ, אויך ביי נאַכט האָב איך געזעהען מיין פלייסיגען ווירטה אין סטאָליארנע צווישען די ווערקשטעלען הוב־לען, האַמערען און זעגען.

דער גערויש פון זיינע געצייג פלעגט אריבערדירנ־גען צו מיר און די שטראַהלען פון זיין לאָמפּ האָבען זיך פערייניגט מיט דעם שימער, וואָס איז געפאַלען פון מיין פענסטער און האָבען געוועבט אַ בריק פאַר מיינע גע־דאנקען.

איך האָב אין אַזעלכע מינוטען מקנא געווען דעם בעל מלאכה דאָרט געגענאיבער, זיין זעלטענע ענערגיע און טהעטיגקייט! וואָרום איך — אַ, איך האָב געלעבט

אין איינזאַמקייט און אַט די איינזאַמקייט איז געווען וויסט און ניט פרוכטבאַר... איך האָב געקעמפּפט, אָבער נאָר מיט שאַטען, מיט ווינד־מיהלען האָב איך זיך גע־שלאָגען, געאַרבייט, אָהן ערפאָלג...

נאָר אָט דער פּראָסטער בירגערליכער מאַן, מיין ווירטה, האָט מיך אין יענע טעג אַרויסגעריסען פון מיין ווינד־מלחמה. פון זיין ביישפּיעל האָב איך מיך געפונען געשטאַרקט און איך האָב דעמאָלט געלערנט די גרעסטע קונסט פון לעבען, „צופריעדען זיין“...

מיין אויער האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צום ביינאַכ־טיגען פאַמעלאַכדיגען רוישען און מיין אויג איז שוין געווען אַזוי פער'חבר'ט מיט מאַטען שיין פון דעם לאָמפּ געגען איבער, אַז אַ געוויסע יוני נאַכט, ווען די סטאָליאַר־נע איז אַ מאָל געבליבען שטיל און פינסטער, האָט אויפ־געוועקט אין מיר אַ זעלטענעם שמערץ, וואָס האָט ניט געהאַט קיין פּירוש.

נאָך יענע יוני נאַכט אויף מאָרגען, האָבען די געזע־לען געאַרבייט אַליין. זיי האָבען דאָס מאָל בעצייטענס אָוועקגעלעגט די אַרבייט און די וואַרשטאַטען זיינען גע־בליבען שאַ און פער'יתום'ט.

אויף מאָרגען האָט דאָס נאָך אַ לאַנגע היץ און טרו־קענעם וועטער גערעגענט, מיט זון אונטערגאַנג האָט דער רעגען אויפגעהערט, אָבער דער הימעל איז געבליבען פערוואָלקענט...

איך האָב דעמאָלט מעהר מיין שטוב ניט פערלאָזען, האָב געשריבען און צוריסען, וואָס איך האָב אָנגעשריי־

בען. — קורץ, מיר איז עפּעס געווען אויפ'ן הארצען ער־
גער ווי אַלע מאָל. איך האָב, ווי ניט וויסענדיג וואָס איך
טהו, אַראָבגעדרעהט מיין לאָמפּ, צוגערוקט מיין וויעג־
שטול צום אָפענעם פענסטער, און אַראָבלאָזענדיג מיין
קאָפּ אויף דער רעכטער האַנד בין איך, האַלב אין שלאָף
האַלב אין וואָכען, פערזונקען אין אַלערהאַנדיגע חלומות.

אין אָט דעם דומפּפען צושטאַנד האָב איך געהערט
אין די שטילקייט פון דער נאַכט אַלע טהורם־זייגערס
שלאָגען צוועלף. אַפּילו די מעלאָדיע פון דעם גלאָקען־
שפּיעל אין דער ווייטער תיפלה גאם האָט די לופט אויך
איבער די דעכער אַריבערגעטראָגען צו מיר. אין אַ פּאָר
מינוט שפּעטער האָט מיך איבערגעשראָקען און אויפגע־
וועקט דאס רחמנות'דיגע געבעט פון אַ קראַנקעס קינד.
איך האָב אויסגעריבען די אויגען, האָב זיך זעהר אנגע־
שטרענגט און געהערט.

„טאַטוניו, טאַטוניו, ראַטעווע מיך! העלף מיר, העלף
מיר, טהייערער טאַטעניו מיינער!"

אָט אַזוי האָט דאָס געקלונגען צוויי דריי מאָל.

פערשלאָפען און אין ספקות פון וואַנען אָט דער
הארצענס וועה איז געקומען, האָב איך זיך אַרויסגעבוי־
גען דורכ'ן פענסטער.

די דופטיגע, קוויקענדע לופט האָט מיך אַרומגענאָ־
סען און ערפרישט. דער רעגען האָט, ווי ס'האָט געשיינט,
אָוועקגעוואַשען יעדע פּיצעלע שטויב. די הויפען זיינען
געלעגען שטיל און ריין ווי נאָך אַ טהרה... און די שטומע
ווענט וואָס האָבען פערבאָרגען הינטער זיך די שטילע

שלאָפּער, זיינען געשטאַנען צונויפגערוקט איינע צו די אַנדערע און האָבען געשיינט אונטער דעם אויסגעשטער־רענטען הימעל ווי מצבות...

די וואַרשטאַטען אין מיין ווירטה'ס סטאָלאַרנע זייּ־נען געשטאַנען שטום, דאָך ביי איהם אין הויז האָט גע־ברענט פייער.

„ אַ, נעהם אַוועק דאָס פייער... נעהם אַוועק דאָס פייער, טאַטעניו, איך וועל שוין גוט און פרום זיין... אָה, מיין קאָפּ, מיין קאָפּ — פייער... היים... טאַטוניו, טהייע־רער טאַטוניו"...

אָט די יללות, פון אַ קראַנק, גוסס'דיג קינד, זיינען געקומען פון מיין ווירטה'ס הויז...

אַ רגע איז געווען שטיל און באַלד האָט זיך דערהערט דעם פאָטער'ס קול. ער האָט גערעדט אַזוי ווייך, אַזוי האַרצעדיג!

מיט זיין נאַטירליכען, רויהען קול, פון אַ מאַסנע וואָס ווייגט אין אַ הערבסט־נאַכט, האָט ער געטרייסט דאָס אָרעם, קראַנק קינד און האָט איהם צוגעזאָגט צו ברייננגען אַלע צאַצקעס און גוטע זאַכען פון דער וועלט...

ער האָט איהם פערזיכערט אַ גיכע און גאַנצע רפואה און אַ באַלדיגען, לוסטיגען יום טוב... און באַלד האָב איך איהם געהערט זינגען:

מיין טייערס, דו זאָלסט לוסטיג זיין,
זאָלסט טאַנצען און זאָלסט לאַכען,

דאָס וועט די בעקלאַך רויט ווי ווײַן
און העל די אויגען מאַכען!...

אַ ווײַלע איז דאָס געבליבען שטיל און גלײַך האָט זיך ווידער אָנגעהויבען דאָס קלאָגען פון דעם קינד. עס האָט גערעדט פון רויטע פײַערן און ווילדע מענער, פון שטורם ווינדען און פויגעלעך, וואָס פלאַטערען אין דער לופטען. אָט די שמערצליכע יללות און ריידען, און בעטען, און וויינען, און קלאָגען האָבען מיר צוריסען דאָס האַרץ. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער יאָמערן, דורך די דונקעלע שטומקייט, די נשמה פון דער וועלט.

און ווידער האָט זיך אָנגעהויבען דעם פאָטער'ס געזאַנג וויעגענדיג אין שלאָף זיין קראַנקען זוהן, כמעט ווי פערגעסענדיג זיינע שמערצען:

„און ווען דו מאַכסט אַ טיש, אַ טיש,
געזעל, זיי פרעהליך, מונטער, פריש!
דען אָט דער טיש פערגליווערט, קאַלט
ס'געווען אַ מאָל אַ בוים אין וואַלד,
וואו ס'האָבען פויגעלעך אין גום
געזונגען דיר דעם לעבענס־גרום"...

איך האָב ניט געקענט לייגגער הערען דעם יאָמער, כ'האָב האַסטיג פערמאַכט דעם פענסטער און האָב זיך אַ וואָרף געטאָן אויף מיין געלעגער...

— — — — — — — — — — — — — — — —

זיינען דאָס געווען די „זינגענדיגע פויגעלאך", וועלכע האָבען מיר דעם שלאָף אַזוי דומפּף און אונרוהיג געמאַכט? הער איך דאָס אונבעוואוסט דאָס ריידען פון דעם פיבער־קראנקען קינד, אָדער הער איך נאָך דעם פרעהליכען ליאַרם פון די וואַרשטאַטען? איך האָב זיך אויפגעכאַפּט צוויי, דריי מאָל און בין ווידער געזונקען אין פערגעסענהייט. ווען איך בין ענדליך אויפגעשטאַנען, האָב זיך אָנגעטאָן און בין מיט האַלבע פערמאַכטע אויגען צוגעגאַנגען צום פענסטער, — האָט שוין לאַנג די זון מיט איהר גנעדיג ליכט אַנגעטרונקען דעם הימעל. אפילו אויף די אָרעמע, פערוואָרפענע און רויכיגע הייזלעך פון מיינע שכנים האָט זי אויסגעגאָסען איהר הייליגען שימער.

דאָך כאָטש עס איז שוין געווען אַ שטיק אויפ'ן טאָג האָט זיך פון דער הינטער־הויז ניט געהערט דער הערליכער גערויש פון דער ארבייט. אין דער סטאָליארנע זיינען געווען אָפען די פענסטער. צוויי געזעלען זיינען געזעסען אויף אַ הובעל־באַנק און האָבען געשפּיעלט אין קאָרטען. דער דריטער איז געזעסען רייטענדיג אויף אַ שטוהל, און צוגעקוקט ווי זיינע חברים שפּיעלען, אַלע ווײלע אַ רויכער טהוענדיג זיין לולקע און אַרויסבלאָזענדיג פון מויל אַ שוואַרצען רויך. דערביי האָט אויך ניט געפעהלט דער ביער־קרוג, וועלכער האָט אַלע מינוט געוואַנדערט פון מויל צו מויל.

און דאָך איז דאָס ניט געווען קיין יום טוב. אין די ווערקשטעלען האָט מען אומעטום געאַרבייט; אין די

הויפֿען האָבען מיידלאך און ווייבער געהאנגען וועש און אויסגעקלאַפּט די קאָלדרעס. אויך מיין שכן, אַן אַלטער, איינגעהויקערטער שניידער איז געזעסען ביים פֿענסטער און געוואָרפֿען מיט דער נאָדעל... ס'איז ניט קיין יום טוב.

„מאַמע, טאָר איך ניט אַרויפֿגעהן צו יוסף'לען?" האָט אַ קליינע, בלאָנדע מיידעלע געפֿרעגט ביי איהר מוטער, וועלכע איז געשטאַנען ביי אונז אויפֿ'ן הויף. יוסף'ל האָט געהייסען מיין ווירטה'ס קראַנקער זוהן.

„אָ, גאָט!" האָט די מוטער געענטפֿערט. „צו יוסף־לען, מיין קינד, וואָלסטו געדאַרפֿט געהען הויך, זעהר הויך אַרויף"...

איך האָב יעצט אַ קוק געטאָן אין דער הויך, אָבער ביים סטאָלער אין הויז זיינען געווען פֿערהאַנגען די פֿענ־סטער, איך האָב דאָרט קיינעם ניט געזעהען.

ערשט יעצט האָב איך פֿערשטאַנען וואָס די פֿרוי האָט געמיינט ווען זי האָט געזאָגט „הויך אַרויף".

דער קליינער יוסף'ל האָט צוגעמאַכט זיינע צושראָ־קענע, גרויסע אויגען אויף אייביג, דער קליינער זיסער יוסף'ל איז געווען טויט.

אין אָבענד האָב איך געזעהן דעם פֿאָטער זיצענדיג אין גערטיל און וויינען. איך בין צוגעגאַנגען צו איהם, האָב אָנגענומען זיין רויהע, וואַרעמע ארבייטס־האַנד און האָב גערעדט, וואָס איך האָב נאָר געהאַט אויף דער נשמה און מיינע טרערען האָבען אויך ניט געשוויגען...

פֿון יענער צייט אָן זיינען מיר געווען פֿריינד.

ניט זעלטען בין איך יעצט אליין געזעסען ווי דער קליינער יוסף'על אויף א האלב־פארטיגען קאסטען אדער שלאף־באנק און פלעג צוקוקען ווי מיין ווירטה שטעהט אפט טרויעריג און פערטראכט, און לאזט אלץ טיעפער און טיעפער אריין דעם שארפען, אייזערנעם עקבער אין דאס שטומע, קאלטע הארץ פון דעם צושניטענעם בוים...

צייט-פערטרייב

צו „פערטרייבען די צייט" האָבען זיך אידען אויסגע־לערענט אין גלות.

ווען ישראל איז געזעסען אויף זיין באָדען און האָט געזויגען די פולע, פעטע ברוסט פון זיין אייגענער ערד, האָט ער ניט געהאַט קיין איבעריגע צייט צו „פער־טרייבען".

אַ פּאַרמער אין ארץ ישראל האָט געהאַט צוויי מאָל אין יאָהר צו בעאַרבייטען זיינע פעלדער. בייטאָג פלעגט ער אַקערען, זייען, שניידען און דרעשען, און ביינאַכט פלעגט ער ארויסרייטען מיט זיינע קעמלען אויף די לאַנ־קעס פאַזע ירדן, ביים לבנון און אַרום די קלאָרע וואַסער פון „שלוח", וואָס האָט זיך געגראָבען מיט אַ פער'חלום־טען געררויש דורך די גרינע וויזען.

דער איד האָט דאַן געלעבט און געהאַט לעבעדיגע אינטערעסען. ווען ער האָט בעזאָרגט זיין הויז און זיין פעלד, האָט ער געטראַכט וועגען זיין לאַנד און זיין פאָלק. אין די שטילע, רוהיגע אבענדען איז דער איד געזעסען ביי זיין טיש מיט זיין פרוי און קינדער, וואָס האָבען געבליהט ווי עלבערט־בוימער געפלאַנצט נעבען בעכען

וואַסער... ער האָט זיך מיט זיי מישב געווען וועגען זיין אַרבייט און האָט זיי דערצעהלט, וואָס ער האָט געהערט ביים נביא און וואָס דער שופט האָט געזאָגט ביי דער אַסיפה פון גוט־בעזיצער. דער איד האָט דאַן ניט גע־קענט בעשטעהן צו „פערטרייבען די צייט", פערקעהרט, ער האָט איהר געזוכט מיט אַלע כחות אַנצוהאַלטען, ווייל זי איז איהם זעהר ניצליך געווען.

לאַנגווייליג און שלעפעריג איז דעם אידען געוואָרען די צייט ערשט דאַן, ווען ער האָט גענומען אַבריכטען גלות. די שטונדען האָבען זיך איהם געצויגען ווי יאָה־רען, ער האָט אין זיי קיין אינטערעס ניט געפונען. ער האָט געזוכט זיך אין עפּעס וואָס פערטיעפען, אום צו פּאַרגעסען אַ ווײַלע אָן די שרעקען פון זיין בעשטאַנד.

די פאַנטאַזיע האָט געאַרבייט.

די האַנד האָט זיך אויסגעשטרעקט צום אַקער־אייזען, אָבער ער איז געלעגען אַ פערזשאַווערטער טויזענדער מיילען ווייט; דעם אויער האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט דעם געטליכען געזאַנג פון די לויים, אָבער דאָס האָט געשפּיעלט דער אָרגעל צו פרעמדע תפילות און דער כאָר פון גלחים האָט געררישט אַ טויטען־געזאַנג פאַר אידישע קהלות; דאָס אויג האָט געמיינט, אַז עס זעהט פון דער וויטענס דעם הייליגען מזבח, וואו דער כהן גדול איז מקריב דעם קרבן תמיד, אָבער דאָס איז גאָר געווען דער פלאַם פון שייטער־הויפען...

דעם אידען איז דאַן נמאס געוואָרען דאָס לעבען און ניט וועלענדיג זיך אומברייננגען... האָט ער אָנגעהויבען

זוכען אַ מיטעל ווי „צו פערטרייבען די צייט“, ווי זיך צו בערוישען, צו בעטרינקען און צו פערטומלען, און זיך אויף אַ ווײלע פערלירען אין אַן אַנדער וועלט.

ווען די אידען האָבען זיך געפונען אין דיעזער שרעקליכער לאַגע זיינען זיי מעהר ניט געווען די „שכרי אפרים“, וועלכע דער פּראָפעט האָט אַזוי שטאַרק גע־מוסר'ט, דאָס זיינען ניט געווען די „הלומי יין“, די פער־טומעלטע פון וויין, ווי ישעיה האָט זיי גערופען, אַ, ניין! אין גלות איז דער איד געוואָרען וואָס דער מקונן זאָגט אין קנות „שכרת ולא מיין“, פער'שכר'ט פון פיין, אָבער ניט פון וויין.

און ישראל האָט אָנגעהויבען צו „פערטרייבען די צייט“.

אַ, נישט איין מיטעל האָט אונזער פאָלק אָנגעווענ־דעט זיין צייט צו פערטרייבען! עס זיינען געבאָרען גע־וואָרען מעשיות פון שדים, רוחות, גלגולים, לצים און ל"ו'ניקעס, דער „קב הישר“, דער „נופת צופים“ מיט זייני צויבערהאַפטע מעשה'לעך און סטראַשונקעס, דער „חיי אדם“ מיט זיין פערביסענקייט, דער „מנורת המאור“ מיט זיינע זיסע פאַנטאַזיעס און דער „זוהר“ מיט זיינע מיסטישע און סימבאָליסטישע וועלטען א. ז. וו.

דאָך אַ חוץ אין דיעזע אַלע גייסטיגע פערדולענישען און פערטומלענישען האָט זיך דער איד אויך איינגעביר־גערט אין אַן אַטמאָספערע פון אַנדערע, ניט־נוציגע, פער־פיהרערישע און גראָבע פערגעניגענס, און איינע פון דיע־

זע שעדליכע און שענדליכע „פלעזשורס“ איז דער קאָר טענשפיעל.

עס איז ניט געזאָגט, דאָס אידען האָבען אין פאַלעס־טינאַ גאָר ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו אַמוזירען, אַז זיי האָבען גאָר קיינמאָל ניט געזוכט קיין צערשטרייאונג. איין זאַך איז אָבער זיכער, „געגעמבעלט“ האָבען זיי ניט. זייערע שפּיעלערייען זיינען מעהרסטענס בעשטאַנען אין פיזישע איבונגען, לויט די זיטען און דעם גייסט פון יע־נער צייט. אין ירושלים גופא זיינען שפּעטער געווען הולטאַיעס אויך, וועלכע זיינען געווען, פּונקט ווי זייערע שכנים די געצען־דיענער, פערקאָכט אין פערשיעדענע אונ־נוציגע און אויסגעלאַסענע שפּיעלעריי. אָבער דאָס איז טאַקע געווען איינע פון די סיבות פון חורבן.

דאָ ליעגט אונזער גרויסער אונגליק! מיר זוכען צער־שטרייאונגען און פערגעניגענס, וואָס זיינען ניט אידיש און ניט לייטיש. מיר נעהמען זיך שנעל אָן די מאָראַלישע צרעת פון די אומות, מיר אַדאָפּטירען זייערע מיאוסע מידות.

אין דער אַלטער וועלט, אין אייראָפּאַ, וואו דעם אי־דענ׳ס צייט־פערטרייב פלעגט זיין די קלויז און דער בית־המדרש, פלעגט מען קענען בעשטעהן צו האָבען אַזעלכע „אידעלאַך“, וואָס „מאַכען אַ קערטעל“ אויך אַ מאָל אין אַ שמיטה „צו פערטרייבען די צייט“. דאָרט האָט דער איד ניט געקענט „צו וויט אַוועק“. ער האָט געמוזט זיין אָדער אַ לייטישער איד און לעבען מיט אידען צוזאַ־מען, אָדער ווערען אַ „כל בו“ און אַבטרעטען פון אונז.

דאָ אין אַמעריקאַ אָבער, וואו עס זיינען קיין גדר און קיין אידישע ספערע ניט פאַראַן און דער הפקר איז בעל־הבית, דאָ טהוט דאָס זעהר וועה, ווען מען זעהט ווי טויזענדע אידישע פאַמיליעס „פערטרייבען די צייט" נעבען אַ קאָר־טען־טיש, וואו זייערע קינדער און קינדס־קינדער לערנען זיך „געמבלען". און אונזערע קלאָגעדיגע אַמעריקאַני־זירטע פרויען און מיידלאַך שטייגען נאָך כמעט איבער אין דעם פרט די מענער.

עס וועט זיין אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט צו ריידען מיט פראָפעסיאָנעלע „געמבלערס", וועלכע דער שד פון די קאָרטען האַלט שוין ביי דער טשופרינע. דיעזע פער־לאָרענע קען מען נאָר בעדויערן אבער ניט בעלעהרען. זייער פינסטערער סוף איז פערזיגעלט. זיי וועלען אויסצי־הען ערגעץ־וואו זייערע פיס אין אַ קאָרטעוונע מיט אַ קויל אָדער אַ מעסער אין הארצען. די פראַגע שטעלט זיך נאָר ביי בעל־הבית'ישע מענשען, ווי קומען זיי ביי זיך אין דער היים, אין געגענוואַרט פון זייערע קינדער שפי־לען אין קאָרטען?

ווייסען די לייט ווי ווייט אונגליקליך זיי מאַכען זיי־ער יונגוואַרג מיט זייער טרויעריגען ביישפיעל? ווייסען דיעזע צייט־פערטרייבער אַז דערמיט מאַכען זיי זייערע קינדער פאַר געמבלערס? דען ווי זאָלען די קינדער ניט שפיעלען אין קאָרטען, אַז דער טאַטע און די מאַמע שפי־לען? די קינדער געהען נאַטירליך ווייטער פון די עלטע־רען, זיי זוכען זיך שפּעטער אויס אַ „פול רום", אַ „רייס טרעק" און געמבלען דאָרטען. אין מאַנכע הייזער גיט

מען שוין דאָס קינד אין וויעג זיך שפּיעלען מיט'ן טאַטענ'ס פּעקיל קאָרטען, און די נאַרישע מאַמעס קוועלען אַז ווי „בייבי" פערשטעהט שוין וואָס אַ קאָרט איז.

אידישע „פּול רומס", אידישע „געמבלערס", אידישע אַפּיאום רויכערער, אידישע מעסער און רעוואָלווער-העלדען, — דאָס איז יעצט אַ גאַנץ געוועהנליכע ערשיינונג אין די אידישע קוואַרטאַלען פון די גרויסע שטעדט אין אַמעריקאַ, און דער קאָרטען-שפּיעל איז דאַ כמעט געוואָרען דער נאַציאָנאַלער אידישער פערגעניגען. דא ווערט „אוועקגעגעמבעלט" קהלות וויים, גאַנצע אידישע געמיינדעס טרינקען זיך אין דיעזען שענדליכען צייט-פערטרייב.

צייט-פערטרייב, קאָרטען און קאָרטען-שפּיעל! אַט וואָס עס לאָזט זיך זאָגען וועגען דעם:

דער, וואָס זוכט פערגעניגען אין אַ טאוז איז קיין „שיפּע זיעבעטיל" ניט ווערטה, און דער וואָס טראָמפּפט אַוועק זיין צייט מיט גוטע ברידער, פערשפּיעלט מעהר ווי ער קען געווינען.

דער קאָרט האָט אַ „האַרץ", וואָס פיהלט דיך ניט, און אויף זיין „קרייץ" קענסטו פערלירען דעם לעבען.

ווען דו ווערסט צוקאָכט ביים קאָרטען-שפּיעל, ביסטו „אַלץ וואָס אין קאָרט". ווער קען דיך דאַן האַלטען פאר אַ מענשען?

ווען דו שטעלסט איין אַ סענט אויף אַ קאָרט, ביזטו אַ שוטה, און ווען דו שטעלסט אַ דאָלאר — ביסטו אַ געמבלער.

ווען דו בלעטערסט אַ בוך ווערסטו רעספּעקטירט,
און ווען דו בלעטערסט קאָרטען ביסטו פערדעכטיגט.

דער „פויער" פון די קאָרטען איז מעהר יחסן פון דיר ווען דו זעצט זיך שפּיעלען מיט איהם.

דער קאָרט איז דין, אָבער דו ווערסט נעבען איהם פערגרעבט.

אַ נאָבעלער מענש שפּיעלט ניט קאָרטען, און מיט אַ שלעכטען דאַרפסטו זיך ניט חבר'ן.

ווען דו שפּיעלסט אין קאָרטען ביי טאָג, ביסטו אַ פוילענצער, און ווען דו שפּיעלסט ביי נאַכט — ביסטו אַ פערברעכער.

„פערטרייבען די צייט"! דאָס ביסטו ניט אימשטאַנד.

די צייט איז עלטער ווי גאָט. ניט דו האָסט איהר געשאַפען, ניט דו קאָנטראָלירסט איהר און ניט דו וועסט איהר פערטרייבען.

עס איז געווען אַ צייט ווען דו ביסט ניט געווען און עס וועט קומען אַ צייט ווען דו וועסט ניט זיין, דו קענסט אָבער לאָזען דיין שפּור דורך אַלע צייטען, ווען דו זאָלסט וויסען ווי די צייט צו געברויכען.

מיט'ן פערטרייבען די צייט פערטרייבסטו זיך אַליין. דען ווען דו פערשפּיעלסט זיך, עקזיסטירסטו ניט, און אַז דו עקזיסטירסט ניט, שאַפסטו ניט, און ווען דו שאַפסט ניט מעקסטו זיך אַליין אויס פון ספר החיים.

דער עדעלסטער „צייט פערטרייב" איז די צייט ריכ־טיג צו געברויפען.

שרייבען בריעף

איבערהויפט צו די מאמע.

האָט איהר אימיצען פון דער אַנדער זייט ים, וואָס האָט אייך ליעב, וואָס אינטערעסירט זיך מיט אייך מיט'ן גאַנצען הארצען און וואָס וויל וויסען ווי אייך געהט און וואָס איהר מאַכט? אויב יא, טאָ זייט ניט פויל און שיקט אַ בריעף!

בריעף פון אַ וויטען לאַנד זיינען די טהייערסטע מתנות. זיי קומען ווי אַ הייליגער ברכה־רעגען אויף פערשמאַכטע פעלדער און ערוועקען נייע געפיהלען און געדאַנקען. ניט אַלעמען האָט דער מזל בעשערט אויס־צודריקען די צייכענס פון פריינדשאפט דורך מאַטעריעלע פרעזענטען, אין אַ בויגעלע פאַפּיער אָבער איז יעדערער אַ נגיד.

האָט עס אייך געגליקט און אייך איז גוט, טאָ שיקט אַ בריעף און דערפרעהט אייערע פריינד! האָט אייך חלילה דער שיקזאַל אָבגענאַרט און איהר זייט אַ קרעכ־צער — טאָ שיקט אַ בריעף און פערלייכטערט אייערע ליידען. אייער אמת'ער פריינד איז שטענדיג גרייט צו

טהיילען אייער שמערץ ווי זיך צו פרעהען מיט אייער גליק.

פערנאַכלעסיגט ניט אייערע בריעף ווען איהר זייט זיכער, דאָס מען וואַרט אויף זיי און מען איז זיי גערן צו לעזען, דען איהר ווייסט ווי איהר אליין פיהלט אויסקו־קענדיג די אויגען נאָכ'ן פּאָסטמאַן און ער קומט און לייגט אַריין בריעף אין אַלע קעסטלאך און אייער קעסטיל בלייבט ליידיג.

עס איז שרעקליך צו דיינקען ווי מאַנכע מענשען פערנאַכלעסיגען זייער קאָררעספּאָנדענץ מיט עלטערען, שוועסטער און ברידער, מיט קרובים און טהייערע חברים, וועלכע מען איז פערפפליכטעט צו שרייבען.

ווען איהר שרייבט אַ בריעף צו אַ געליעבטען חבר אָדער אַ גינציגען קרוב פיהלט איהר אַ זעלטענעם גענוס; איהר פיהלט די טיעפע נשמה־הנאה פון פריינדשאפט, וועלכע איז איינע פון די גרעסטע פּריווילעגיעס אין לע־בען. איהר זיצט אַריבערגעבויגען איבער דעם שטומען שטיקעל פּאַפּיער און הערט ווי אייער זעלע רעדט, אייע־רע ליפּען ריהרען זיך ווי פון אַ זיסען טרוים בעוועגט און אייער גייסטיגער בליק זעהט דעם ליעבען פּנים פון די פּערזאָן, פאַר וועלכע די פען שליסט אויף אייער האַרץ. איהר קוקט נאָכאַמאָל דורך אייערע טיעף־דורכגעלעבטע ווערטער און זייט איבערגליקליך.

איהר טרעפט אָפטמאָל אָן אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען שוין ניט געשיקט אַ בריעף „אַהיים" צייט חדשים און אפשר יאָהרען, דאָך אָט די נאַכלעסיגע מענשען האָ־

בען ביי זייער פערלאָזען די היים געשוואָרען ביי אַלע הייליגקייטען צו שרייבען אַזוי אָפט ווי מעגליך און ניט אונטערצוברעכען זייער קאָרעספּאָנדענץ אויף אַ לאַנגע צייט. די גרעסטע פערברעכער אין דעם פּרט זיינען די וועלכע פערגעסען צו שרייבען צו זייער מוטער.

די וועלט זאָגט: „אַוועק פון די אויגען איז אַוועק פון הארצען". דאָס איז ביז אַ געוויסען גראַד אמת אויף אַזוי ווייט ווי געוועהנליכע גוטע פריינדשאַפט אנבעטרעפט, אַנדערש איז דאָס אָבער מיט בלוט-פערוואַנדשאַפט, מיט אייגען בלוט. אַ מאַמע פערגעסט ניט. אַ מאַמעס אויגען און אַ מאַמעס הארץ זיינען שטענדיג מיט איהרע קינדער. זיי מעגען אַפילו זיין אין עק וועלט. לעבען איהרע קינדער, איז דער מאַמעס גייסט מיט זיי און זיינען זיי טויט — דאַן שוועבט דער מאַמע'ס יאָמער איבער די געליעבטע קברים. זי פערליערט זיי קיינמאָל ניט פון הארצען. די מענשליכקייט איז דערפאַר ניט מוחל אַזעלכע קינדער, וואָס שרייבען קיין בריעף צו דער מאַמען.

דער מענש, וואָס שרייבט ניט צו פריינד, וועלכע ערוואַרטען דאָס פון איהם, איז ניט ווערטה צו האָבען אַ פריינד און ער האָט טאַקע ניט. דער בריעף-וועקסעל צווישען גוטע פריינד בלייבט אַן אייביגער דאָקומענט פון איניגסטע פערבינדליכקייט. דאָס האַלט אויף די התקרבות צווישען פאַמיליעס דורך לאַנגע דורות.

דער כאַראַקטער פון מענשען דריקט זיך צום בעס־טען אויס אין בריעף צו זייערע פריינד. אַ מענשענס

בריעף איז דער וויכטיגסטער טהייל פון זיין ביאָגראַפיע, אָבער ניט געשעפטס-בריעף, זאָנדערן פאַמיליען־בריעף און בריעף צו נאָהענטע פריינד און חברים.

ווען ניט היינע'ס בריעף צו זיין מוטער, צו זיין שוועסטער און צו זיינע פריינד און צייט־גענאָסען, וואָל־טען מיר נאָר געוואוסט אַ העלפט פון זיין גרויסער, ליכ־טיגער זעעלע. ערשט יעצט זעהט מען אַז נאָר אַ מענש וואָס האָט געקענט אַזוי שטאַרק ליעבען אַ מאַמען און אַ שוועסטער, האָט געקענט דיכטען אַזעלכע געטליכע ליע־דער. היינע'ס בריעף צו זיין מאַמען זיינען אַ פירוש אויף זיין „בוך דער ליעדער". היינע האָט זעהר ליעב געהאָט יונגע קעצעלאך. אין אַ בריעף צו זיין מאַמען שרייבט ער, אַז ער האָט איהר מעהר ליעב ווי צעהן קעצעלאך. וואָס פאַר אַ טיעפקייט פון ליעבע, וואָס פאַר אַ רייכער היינישער איינפאַל! ווען ניט זיינע בריעף וואָלט דאָס אונז געפעהלט.

מאָלטקע וואָלט געבליעבען פאַר דער וועלט בלויז דער פערקערפערטער מיליטעריזם און ביסמאַרק — די פערקערפערטע פאָליטיק, מענשען פון בלוט און אייזען, ווען ניט זייערע בריעף צו פריינד און חברים. ערשט פון זיינע בריעף דערוויסט מען זיך דאָס דער בעזיעגער פון עלזאַס לאָטערינגען, וועלכער האָט גענומען נאַפּאָלעאָן דעם דריטען אין פלען, האָט געשריעבען בריעף מיט לי־רישע ליעבע־ליעדער, אין וועלכע ער צוגיסט זיין האַרץ אין די צאַרטעסטע געפיהלען. דאָס זעלבע געפינט מען אויך ביי ביסמאַרק'ן.

די נאַכלעסיגקייט צו שרייבען בריעף איז ניט מעהר ווי אַ געוואָהנהייט. פון אָנפאַנג פיהלט מען זיך עפּעס ניט היימליך, עס רופעט, סטייטש מען דאַרף שרייבען אַ בריעף, שוין אַזוי לאַנג ניט געשריעבען; שפּעטער אָבער געוואָהנט מען זיך אַזוי איין און מען שרייבט ניט מעהר. כאַראַקטערנע מענשען אָבער האָבען זייער צייט אַזוי איינגעטהיילט פונקט ווי זייערע מאָלצייטען און זיי ווייסען ווען צו צאָהלען זייער שריפטליכען חוב צו זייערע פריינד און פאַמיליאַנטען.

די איינציגע מענשען, אויף וועלכע מען וואָלט געקענט געפינען אַ זכות פאַר'ן ניט שרייבען קיין בריעף, זיינען די אונגעשולטע, וואָס קענען נעבאַך אַליין ניט פיהרען קיין פעדער און מוזען אָנקומען צו אַ צווייטען ער זאָל שרייבען פאַר זיי. ניט אַלע מאָל איז אָנגענעהם יענעם צו פערטרויען מיט שטריינג־פריוואַטע פאַמיליען־אָנגעלעגענהייטען. דאָך, מערקווירדיג, דאָס אַט די־זע מענשען זיינען דוקא פּינקטליך מיט זייערע בריעף און די, אויף וועמעס ערציהונג די עלטערען האָבען זיך געבלוטיגט, יא, די פערגעסען גראד צו שיקען דעם טאַטען צי די מאַמען אַ שטיקעל פערשריעבענעם פּאַפּיער.

ווי וויט בריעף זיינען ניצליך און דאַרפען ניט פערנאַכלעסיגט ווערען, קענען מיר זעהן דערפון, וואָס פּראַקטישע לעהרער לערנען אַ קינד די ערשטע זאַך שרייבען אין אַ בריעפליכער פאָרמע. שרייבען בריעף איז אַ טוגענד. דער, וואָס היט דאָס ניט, זינדיגט געגען זיטליכקייט און עס פעהלט איהם איינע פון די שענסטע מידות.

אויף די אַלטע יאָהרען

די געזעלשאַפט און איהרע אַלטע לייט.

ווען איהר בענשט אימעצען ער זאָל דערלעבען אַלט ווערען, זאָלט איהר ניט פערגעסען די אַנדער האַלבע ברכה, אַז די עלטער זאָל זיין אַ רוהיגע און בעזאָרגטע, עס זאָל אומוועניגסטענס ניט פעהלען דאָס נויטיגסטע, דען וו ע ה דעם יונגען אָרעמאַן, דעם אַלטען איז אָך און וו ע ה.

דער געטליכער זינגער פון די פסאַלמען זאָגט, „וואויל איז דעם מענשען, וואָס איז איינגעוואָהנט צו ליידען פון קינדהייט אָן“, דאָס איז אָבער נאָר אַ פּאָעטישער געפיהל, דען וואויל איז טאקע דעם, וואָס האָט אַ גליקליכע יוגענד און נאָך אַ גליקליכערע עלטער. מען גלויבט, אַז דער פּאָעט האָט געמיינט דאָס ווען מען הויבט זיך אָן פּלאַגען באַלד אין וויעגעלע, געפאַלט דאָס שפּעטער ניט אַזוי שווער. ליידער אָבער איז דאָס ניט אזוי! ווי געוואהנט מען זאל זיין מיט צרות, ווי מורגל מען זאל זיין מיט זייערע פינסטערע געזיכטער און ווי געאיבט מען זאל זיין, זיי צוטראגען אויף זיך, זיינען זיי דאך א צו שווערע משא אויף די אלטע יאהרען.

צום ערגסטען איז דעם אלטען טאטען און די אלטע מאמען, וואס מוזען אויסקוקען אויף די הילף פון זייערע קינדער. משלי דערצעהלט אונז, אז „עטרת זקנים בני בנים ותפארת בנים אבותם“, דאס הייסט, די קרוין פון אלטע לייט זיינען זייערע אייניקלאך און די ציערונג פון קינדער — זייערע עלטערן. ווי שען, ווי רייך דאס קלינגט! דאך ווען די אייניקלאך מאכען חוזק פון דעם זיידען און די באבען, ווייל די עלטערן קוקען אויף די זקנים מיט׳ן רוקען, דאן ווערט פערפינסטערט די קרוין פון דער על־טער און קינדער ווערען א שווערע קללה.

עס ליעגט אין דער נאטור פון יעדען עהרליכען מענ־שען צו זיין שטאלץ אויף דעם פערדיענסט פון זיינע איי־גענע הענד; אן אייגענער גראשען האט מעהר ווערטה, מעהר מזל ברכה ווי א געשיינקטער רענדעל; ניט אנ־צוקומען צו דער „מתנה“ פון א „בשר ודם“ איז דער וואונש פון יעדער זעעלע, טא ווי טרויעריג און ווי שרעק־ליך איז דער עלענד ווען מען דארף אנקומען אויף דער עלטער צו פרעמדע מענשען, אדער צו אונדאנקבארע, שלעכטע קינדער!

עס איז גוט צו זיין אלט ווען מען האט מיטעל צו מילדערן די רשעות פון די ענטזאגענדע יאהרען און די געלעגענהייט צו בעפריעדיגען די נערוועזע קאפריזען פון דער עלטער, אבער ווען די דינע, ביינערנע הענד ציהען זיך נאך ערקוויקונג און דאס איז ניטא; ווען דאס שוואכע הארץ חלש׳ט נאך א קרעפטיגונג און קען דאס ניט קרי־גען, און די מידע, מאטע בליקען בלאנדזשען אום נאך א

זיסען שמייכעל און זיי געפינען דאָס ניט, דאַן — דאַן נייגט זיך דער ווייסער קאָפּ צו דר'ערד, וואו אַלץ איז גע־ענדיגט און מען ברויכט מעהר קיין זאַך ניט האָבען.

ווי גרויזאַם איז די זאַוויערוכע פון דער עלטער ווען זי פערוואַליעט די וועגען פון לעבען מיט איהר דיקען שנעע, וועלכער שמעלצט ניט מעהר!

דאַן איז גוט ווען מען איז פערזאָרגט מיט חיונה און וואַרימקייט.

ווען אַבער ווען מען בלייבט שטעהן אין מיטען פון דעם לעצטען פראָסטיגען שטורם מיט באָרוועסע פיס און אַ נאַקעטען רוקען, ווען אונטען גליווערען די טריט און אויבען צוקט דאָס הוילע לייב!

ווי שוידערהאפט, ווי געוואַלד־שרייענד, ווי אונדער־באַרעמדיג איז אַזאַ עלטער!

און ווען מען געלינגט דאָס צו פערזאָרגען זיך אַ רו־היגע און בעקוועמע היים אויף די עלטערע יאָהרען?

אפשר איינעם פון טויזענד.

די בעסטע צייט פון זיין לעבען איז דער מענש מקריב פאַר זיינע קינדער. ער האָט קיין צייט אַ טראַכט צו טאָן וואָס עס וועט זיין מיט א י ה ם, ווען ער וועט בלייבען אויסגעאַרבייט און אליין, און זיינע קינדער וועלען דאַר־פען זאָרגען פאַר ז י י ע ר ע קינדער.

ווי בעיאַמערען דאַרף מען אַ עלטער, וואָס איז ניט געראָטען.

אין אַ בעטראַגענעם, אַבגענאַרטען לעבען בלייבט מען אָפט באַלד אין אָנהויב פון די עלטערע טעג אליין.

אין גאַנצען אַליין!

דער ערשטער זיווג, מיט וועלכען מען איז דורכגע־גאַנגען די ווילדעסטע מדבריות פון שיקזאַל, געהט זיין אייביגען וועג און פון די שענסטע חלומות ווערט אַ בער־געלע זאַמד...

ביי אַזאַ פערפעהלטען ציעל ווערט מען נאַר אַלט אום צו קענען לייגגער ליידען אַלס נע ונד׳ניק.

עס איז ניטאַ קיין ערגערע זאַך אויף דער וועלט ווי ווען אַן אַלטער מענש געהט זוכען אַרבייט צו פערדיע־נען אויף ברויט.

ער זעהט ווי אַלץ בעוועגט זיך, אַרבעט, שאַפט, רוישט און טומעלט, ער איז אַמאָל אויך געווען אַן אַר־בייטער, אַ שאַפער, אַ טוער און אַ מאַכער, ער האָט זיך אויך אַזוי געטומעלט, אָבער איצט איז ער „אויסגע־שפיעלט“ און מען דאַרף איהם ניט מעהר...

מען דאַרף איהם ניט, אָבער ער איז נאָך דאַ... ער איז דאַ אויף זיין אייגענע צופוקענים...

עס איז אַ גרויסע ערפאַהרונג דורכצוגעהן אַ „מושב זקנים“, אַ „היים“ פון אַלטינקע און הערען זייערע נאַ־איווע, ריהרענדע לעבענס־געשיכטען, וועלכע דרינגען דורך אַלע אברים.

דער האָט קיין היים צוליעב אַ שלעכטע שנור און יענער — צוליעב אַ שלעכטען איידים. איינער האָט ארימע קינדער, וואָס קענען זיך אַליין ניט העלפען און דער צווייטער האָט רייכע „בנים סוררים“, וואָס ווילען איהם ניט האַלטען און ניט שטיצען. דער איז אַן אָבגעקומענער

אלטער עושר און געשעפטס מאַן, און יענער האָט נאָך קיינמאָל קיין גוטען טאָג ניט געהאַט. אָפט זעהט איהר דאָרט אַ פעראָרעמטען אַלטען, שטאָלצען בעל הבית און זיין אַמאָליגען ארבייטער; ביידע זיצען זיי אין דער אָר־מעטיגער, מעלאַנכאָלישער צדקה־היים און טענה'ן פון אַמאָליגע צייטען...

אַזעלכע זאַכען טרעפען זעלטען, אָבער זיי טרעפען.

עס איז דערפאַר קיין וואונדער וואָס די, וועלכע ווי־לען שאַפען אַ בעסערע געזעלשאַפט, זוכען דורכצופיהרען דאָס מענשליכע געזעץ צו פערזאָרגען אַלטע אָרימע־לייט, וועלכע האָבען פערבראַכט אַ ניצליכען לעבען.

עס איז אַ פערברעכען צו בעטראַכטען אַלטע לייט פאַר אַ משא אויף דער געזעלשאַפט. יעדער עהרליכער מענש האָט זיך געווים פערדיענט געמאַכט ביי זיינע מיט־בירגער זיי זאָלען איהם פערגעלטען אויף דער עלטער, ווען די קרעפטען דיענען איהם ניט מעהר.

אַן אַלטער מענש איז ניט אַן אַלטער וואש־קעסעל, וואָס דאַרף ארויסגעוואָרפען ווערען אין מיסט און ער איז אויך ניט אַזאַ מין אַלטע כלי, וואָס זאָל אריינגענומען ווער־רען מיט רחמנות אין אַ „דזשאַנק־יארד" פון פילאַנ־טראָפיע.

די געזעלשאַפט איז שולדיג איהרע אַלטע ארבייטער אַ חוב און זי דאַרף דאָס זיי בעצאָהלען, אָהן אַ מינע פון צדקה און ניט אין אַנשטאַלטען, וואו מען גיט זיי ניט עסען און מען קוקט אויף זיי ווי אויף אַן איבעריגע זאַך.

די גראָהע האָר זיינען דער סימבאָל פון ערפאַהרונג און אין די טיעפע קנייטשען פון דער עלטער, וועלכע די צייט האָט דורכגעאַקערט, ליעגט די לעקציאָן פון לעבען, וואָס מיר מוזען שטודירען...

דאָך די געזעלשאַפט איז נאָך ניט געקומען צו אַזאַ הויכע מדרגה פון גערעכטיגקייט, זי זאָל פערגעלטען די, וואָס האָבען פאַר איהר אַ מ אָ ל געאַרבייט. דערוויל מוז מען זיך מיט איהר שלאָגען, זי זאָל בעלוינען די, וועלכע ארבייטען אַ י צ ט און די עלטער איז דערפאַר אַ שווערע, ביטערע אָפּקומענים.

אָבגענאַרט

דאָס איז געווען אין אַ פראָסטיגען ווינטער טאָג, האָט מיין פריינד אָנגעהויבען צו דערצעהלען, בין איך געפאָהרען אויף אַ ברוקלין־בריק קאַר נאָך ברוקלין. ד'האָב געהאַט אין קעשענע עטליכע צענדליג דאָלאַר, וואָס איך האָב געפיהרט צו געבען האַנד־געלד אויף אַ געשעפט. איך בין אַריין אין קאַר אַ פערטראַכטער און האָב גאָר ניט בעמערקט נעבען וועמען איך האָב מיך אַוועקגעזעצט, מיין געדאַנק איז געווען פערנומען מיט מיין געשעפט.

פלוצלונג האָב איך דערהערט אַ כליפּע.

איך האָב מיך אַ קעהר געטאָן און דערזעהען מיין קאַר־שכנה. אַ יונגע, שענע פרוי איז נעבען מיר געזעסען און געוויינט, ווישענדיג די אויגען מיט אַ טרויער־פאַטשיילקע מיט אַ שוואַרצען פּאַס ארום.

איך האָב אָנגעקוקט די פרוי, איהרע לייכטע, איינפאַכע קליידער, איהר אונשולדיגען פערוויינטען פּנים און האָב געקלערט: די אָרעמע האָט געוויס אַ טוידטען־פאַל אין דער פאַמיליע, עס פעהלען ניט קיין צרות אין אונזער וועלט. דאָס האַרץ האָט מיר פערקלעמט אויף דער פער־

טרויערטער פרוי און איך האָב איהר געפרעגט וואָס זי וויינט.

זי האָט מיר דערצעהלט, אַז איהר מאַן איז ערשט ניט לאַנג געשטאָרבען, אַז זי מיט איהרע קינדער שטאַרבען פשוט פון הונגער און קעלט און היינט ווארפט מען איהר אַרוים אין גאַס פאר דירה־געלד.

איהר ערצעהלונג האָט מיך גערירט. ווען איך בין אַראָב פון קאַר איז זי צופעליג אויך אַראָב, די קעלט האָט איהר געמאַכט ציטערען.

— מיסטער! — האָט זי געזאָגט מיט טרערען, קלאַפענדיג אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, מיסטער! מיר איז שרעקליך קאַלט. ענטשולדיגט, וואָס איך וואָג אַזוי פיעל, אָבער איך בעט אייך האָט רחמנות, אָט איז אַ סאַלון, קויפט מיר אַ גלעזעל הייסען פּאַנטש איך זאָל מיך אַ ביסעל דערוואַרעמען.

איך בין געוואָרען איבערראשט פון איהר פלעצליכען פערלאַנג און האָב אַ רגע נאָכגעדאכט.

— קומט, האָב איך ענדליך געזאָגט, קומט. איהר פערלאַנגט אַ קלייניגקייט, אָבער אַ נויטיגקייט, און איהר זאָלט דאָס האָבען.

אַריינקומענדיג אין סאַלון איז זי אַזוי ווי פריילינכער געוואָרען... דער קעלנער האָט אַ קוק געטאָן אויף איהרע פערוויינטע אויגען און אויף מיר און האָט אַ שמייכעל געטאָן אונטער די געדיכטע וואָנצעס.

„אַ רויער יונגאַטש, וואָס קימערט איהם דער עלענד פון אַן אָרעמע האַלב דערפראָרענע פרוי!“ האָב איך גע־

טראכט, אָבער איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט צו בעשטעלען, האָט זי שוין גערעדט.

— וואָס טרינקט איהר? האָט זי מיך געפרעגט און איהר פראַגע איז מיר עפּעס ניט געפעלען געוואָרען.

— אַ ברענדי, האָב איך איהר געענטפערט, ווערענדיג אונרוהיג.

— אַ הייסען פּאָנטש און אַ ברענדי! האָט זי בעשטעלט, זיך אַוועקזעצענדיג מיט מיר ביי אַ טישעל, צורוקענדיג איהר שטוהל נעבען מיינעם מיט דער בעמערקונג, אַז עס איז שלעכט צו זיין אַן אלמנה... אַז עס איז אומעדיג אַליין...

טרינקענדיג דעם הייסען פּאָנטש האָט זי אויפגעפלאַמט. איהרע באַקען האָבען זיך אָנגעצונדען, איהר בוזים איז העכער געוואָרען... זי איז פּלוצלונג געוואָרען אַן אַנדערע, אַ שענער, אַ העסליכער...

— נאָך אַ פּאָנטש! האָט זי בעשטעלט מיט אַ לייידענשאַפט — צוויי פּאָנטשעס, פאַר מיר און פאַר דעם מיסטער.

אין אַ מינוט זיינען די פּאָנטשעס שוין געשטאַנען ביי אונז אויפ'ן טישעל. זי האָט איהר פּאָנטש אריינגעקעהרט ווי אַ געאיבטער שכור מיט איין שלונג. איך האָב מיך דערשראָקען, אָבער זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר.

— איהר האָט גראָד געטראָפען וואו אראָבצוגעהן, האָט זי געזאָגט, פיבערענדיג, דאָ אויבען איז מיין צימער... דאָ וואוין איך... און זי האָט גענומען לאַבען און

זיך קלעפּען צו מיר... דער הייסער פּאַנטש האָט איהר געמאַכט ווילד, משוגע, זי האָט געלאכט ווי אַ טייוועל, אָבער זי איז טייוועלש שען און פערפיהרעריש געווען, שען און קאָכעדיג...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין אַרויס פון סאַלון האָב איך אויסגעפונען אז מיין געלד און מיין זייגער זיינען פערשוואונדען.

אַ סטרייק

(אַ בילד)

אַ קליינע שטעדטעל, קליינע מענשעלאך, אַ קליינער פערלאַנג און דאָך...

אַזאַ גרויסער מוסר השכל!

זיי קריגען צוואַנציג סענט אַ שעה פאַר צוועלף שעה ארבייט אַ טאָג, האָבען זיי געוואָלט נאָך אַ „ניקעל" אַ שעה, האָט מען זיי געסטראַשעט מיט הונגער, האָבען זיי אַוועקגעלייגט די אַרבייט, האָט מען געשיקט נאָך אַנדערע אַרבייטער, האָבען די פערלאַנגער זיך געשטעלט אַנטקעגען, האָט מען אַרויסגערופען די פּאָליציי, האָט זיך דאָס שטעדטעל אַנגענומען פאַר די סטרייקער, האָט מען בעשטעלט די מיליץ — און...

הערט וואָס ווייטער האָט פּאַסירט!

שבת נאָך האַלבען טאָג איז דאָס געווען, ווען די פאַבריקען ווערען געשלאָסען. דאָס שטעדטעל האָט אַ סך פאַבריקען. אין גאַס איז געווען שטיל ווי זעלטען ווען. די קאָרס זיינען שוין ניט געלאָפען זייט עטליכע טעג, זיי האָבען פּראָבירט לויפען, האָבען די סטרייקערס ניט גע־

לאָזען, דאָס איז געווען אַ קאַר־סטרייק, האָבען די סטרייק־
ברעכער זיך גע׳עקשנ׳ט, האָט מען זיי צובלוטיגט...
די רעלסען זיינען געלעגען אויסגעצויגען ווי טוידטע
אָדערען איבער די אומעדיגע גאַסען. עס האָט ניט גע־
קאָכט אין זיי דער עלעקטרישער שטראָם פון לעבען וואָס
מאַכט פריילאך אַ שטאָדט... די דראָטען אין דער הויך
זיינען געהאַנגען ווי אַן ערוב איבער אַ בית עולם; קיין
פונק, קיין שטראַהל. די טעלעגראַף־סלופּעס האָבען אויס־
געזעהען איבעריג, אָהן אַ נוטץ און משונה־ווילד, פונקט
ווי אַ משוגענער וואָלט זיי אריינגעהאַקט אין דר׳ערד,
סתם אַזוי, גלאַט אין דער וועלט אַריין.
די בעפעלקערונג האָט שוין פערגעסען דעם קלונג
פון אַ קאַר־גלעקעל און דעם קול פון די לעבעדיגע וואָגענס
אָהן אַ נשמה. די פערד האָבען ווידער אויפגעהויבען
די גרויסע קעפּ מיט גאוה גלויבענדיג, אַז זיי האָבען שוין
אויסגעפיהרט... זיי האָבען ניט פערשטאַנען וואָס דאָ
געהט פאָר. פערד סטרייקען ניט, פערד האָבען קיין פער־
לאַנגען, האָבען זיי געמיינט אַז דער פאָרטשריט שטאַרבט,
די וועלט געהט צוריק, די פערדישע צייט איז געקומען...
שבת נאָך האַלבען טאָג. די פאַבריקען האָבען גע־
רוהט, קיין פייף, קיין הוזשעריי פון רעדער, קיין גערויש
פון מאַשינען אין ערגעץ, ווי די ציוויליזאַציע וואָלט קראַ־
פירט, ווי דער פּראָגרעס וואָלט פלוצלונג בענומען געוואָ־
רען. ווען־ניט־ווען נאָר איז פאַרבייגעלאָפען אַ בייסיקעל,
אָדער אַן אויטאָמאָביל, אָבער זיי האָבען אויסגעזעהען
ווי פערבלאָנדזשעטע פון אַן אַנדער וועלט. ווי רוחות פון

עולם התהו, ווי שדים, וואָס קומען זיך רייצען מיט מענ־שען, מיט אונבעהאָלפענע מענשען, וואָס מוזען געהן צופּוס...

מען איז געווען אין כעס אויף זיי...

אָבער פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ מעכטיגער ליאַרעם ווי פון שטאַרקע וואסערען. מענשען זיינען דאָס געווען, מענשען־כוואַליעס, ווי פון תהום האָבען זיי זיך דורכגעשפּאַרט, ווי פון הימעל אַראָבגעפאַלען, ווי צובראָ־כענע וואָלקען האָבען זיי זיך אַ פליוך געטאָן איבער'ן שטאָדט פליייצענדיג אין פערשיעדענע ריכטונגען, וואו די רעלסען זיינען געלעגען.

איך האָב אַ קוק געטאָן דורכ'ן פענסטער. די גאַס איז שוואַרץ, דער טומעל וואַקסט, דער געשריי ווערט גרעסער מיט דער מאָסע. איך האָב זיך דערשראָקען...

און זעה! עס שוועבט אין דער לופטען אַ געביידע, אַ הילצערנע געביידע, דאָס טראָגט מען זי אין דער הויך, לייכט ווי אַ פעדער טראָגט מען זי, אויף די שפּיץ פינגער פון דער גרומאַדע שטעהט זי ווי אַ פּאַפּירענע קעסטעל, זי שוועבט!

„אויף די רעלסען! אויף די רעלסען“!

און די געביידע איז פּלוצלונג געשטאַנען אין מיטען גאָס פארשטעלענדיג די ליניעס. די קאַרס זאָלען ניט קע־נען געהן. דאָס האָט מען פארבלאָקירט דעם וועג פאר די סטרייק־ברעכער.

אָבער דאָס איז בלויז געווען דער אָנפאַנג.

באַלד זיינען גרויסע, שטאַרקע אייזען־געשמידטע

טראָקס, וואָגענס געלעגען אויף די ליניעס, דער ברוק איז צוריסען געוואָרען ווי אַ פּאַטשיילקע. די רעלסען זיינען אַרויסגענומען פון זייערע ערטער און אַוועקגעוואָרפען געוואָרען ווי שפּענדלאַך. קינדער, פרויען, אַלטע לייט, אַלע, אַלע האָבען געהאָלפען פערשטעלען דעם וועג — מאַכען באַריקאַדען...

„פּאָליציי! פּאָליציי"!

די מאַסע האָט זיך אַ ביסעל אָבגערוקט און בערי־טענע פּאָליציי זיינען ערשיענען.

„הורריי! הורריי, ברידער, רייט געזונטערהייט ווייטער"!

דאָס האָט געשריען דאָס פאָלק צו די פּאָליציסטען, וועלכע זיינען שמייכלענדיג אונטער די וואָנצעס, פאַרביי־געריטען, פּונקט ווי ניט זעהענדיג וואָס דאָ געהט פאָר. די סטרייקערס, די בעפעלקערונג, די פּאָליציי אַלע זיינען געווען פעראייניגט געגען אַן אַלגעמיינעם שונא, געגען דער מערדערישער, בלוט־זויפענדער קאַר־קאָמפּאַניע, וואָס האָט געמאַכט אַ פערצווייפעלטע לעצטע פּראָבע אַרוים־צושיקען איהרע קאַרס מיט סטרייק־ברעכער.

„אַ קאַר! אַ קאַר! טוידט צו די סקעבס"!

די גאַנצע אויפגערעגטע מאַסע האָט זיך אַ לאָז גע־טאָן מיט שטיינער, העלצער, אייזענס, רידעלס, שטעקענס, און בעזימער. אין עטליכע מינוט אַרום איז געלאָפען אַן אַמבולאַנס מיט פערוואונדעטע סטרייק־ברעכער. אַ פּאָ־ליציסט, וואָס האָט געוואָלט בעשיצען אַ קאַר, איז אַראָב־געפאַלען פון זיין פערד אין אַ טייך בלוט.

די קאַרס זיינען צובראָכען, די שויבען צושמעטערט, די „סקעבס" צו'הרג'עט און דער עולם לאַכט... פון ביידע זייטען גאַסען שטעהען פּרויען אין די פענסטער און אַפּ־לאַדירען. אַנדערע וואַרפען פון די פענסטער פלעשער, טעפּ, סקאַווראָדעס, פענדלאַך, שטיקער קוילען, „פּויקערס" אין די איבערגעקעהרטע קאַרס, דער עולם אין גאַס אַפּ־לאַדירט, די פּאָליציי סטראַשעט כלומר'שט, הויבט די קלאַבס אין דער הויך, אָבער זי טשעפּעט ניט.

מען וואָלט אפשר געהייסען די פּאָליציי זי זאָל שי־סען, איז דאָס פאַר די וואַהלען, פאַר עלעקשאָן און דער סיטי מעיאָר מיט די גאַנצע באַנדע שטאָדט־גנבים לויפען ווידער פאַר די זעלבע עמטער. די שטאָדט דאַרף שטי־מען, מען קען ניט צופיעל איינרייסען. איינינגקייט איז מאַכט... מען האָט געסטראַשעט מיט מיליטער, מען האָט זיי אָבער ניט אַרויסגעפאָדערט. אַ שלעכטע צייט. וואָלט דאָס כאָטש געווען אַ שעה נאָך די וואַהלען, וואָלט מען געשוואומען אין בלוט, פריילאַך וואָלט געווען, וואַרם...

ביינאַכט האָט מען געשיקט אָבראַמען די ליניעס, אָבער די קאַר איז זונטאַג ניט געלאָפען, דער עולם איז געווען גרייט צו אַ אָפענע מלחמה. אַ „סקעב", וואָס האָט זיך געשטעלט אין גאַס מיט אַ רעוואָלווער, האָט געקריגען אַ האַלב יאָהר תפיסה, אַן אַנדערס מאָל וואָלט מען איהם בעפרייט, יעצט אָבער ניט, — די וואַהלען!

דינסטאַג בעגינען האָב איך דערהערט דעם ערשטען קלונג פון אַ קאַר־גלעקעל. דער סטרייק האָט זיך געענ־דיגט מיט, — מיט גאָר ניט דערוויל, מיט אַ צוזאָג. די

יוניאָן איז ניט אַנערקענט, אָדער דאָס וועט זיין אַ גאַנ־צער „ניקעל“ אָדער מען וועט איהם שפּאַלטען...

אַ קאַמפּף פאַר אַ ניקעל!

דאָך איז דאָס געווען אַ רעוואָלוציע אין מיניאַטור. אַ שטיקעל פּראָבע אויף דער גרויסער וועלט־דראַמאַ, וואָס די צייט האַלט נאָך איצט אין פּערפּאַסען און גלויבט דאָס אונגעזוימט אויפצופיהרען אויף דער גרויסער ביהנע פון דער וועלט. די אַקטיאָרען שטודירען נאָך איצט, זיי קענען נאָך ניט, פערשטעהען נאָך ניט זייערע ראָלען; אָהן סופלאָר נאָך ניט פון פלעק און דער סופלאָר גופא איז נאָך אויך ניטאָ... מען מאַכט דערוויילע רעפּעטיציע אויף אַ קליין ביהנע'לע, אויף אַ „לאָקשען־ברעט“, אָבער אַ רעפּעטיציע איז עס דאָך.

דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט קוקענדיג אויף דעם דאָזיגען מאָמענט. איך בין געווען בעגייסטערט, האָב זיך געפרייט ניט ווייענדיג מיט וואָס, איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין. וואָס פאַר אַ שאָד דאָס איז, האָב איך געטראַכט, צו קעמפּפען פאַר אַ „ניקעל“ ווען מען קען געווינען אַ וועלט!...

ווערמעס בלוט?

ניט מיט גוי'איש בלוט בעשמירען די אידען זייערע מצה, נאָר מיט אידיש בלוט בעשמירען דאָס די גוים.

די קריסטען דאַרפען בלוט אויף פסח, אָבער ניט די אידען.

אומעטום דאַרפען זיי דאָס:

וואו עס איז נאָר פאַראַן אַ שאטען פון אַ צלם און א שאַטען פון א מזוזה מוזען גוים האָבען בלוט אויף פסח, בלוט אויף פריה־יאָהר.

ווען דער שיר השירים קושט זיך מיט'ן פריהלינג, מוז קומען דער שפוך חמתך. דער ווידער־קול פון אונזער הלל און דער טשוויטשער פון די פויגלאך מוזען דער־טרונקען ווערען אין דעם מורא'דיגען בראזג פון אונזערע צובראָכענע כוסות אויף דעם צושמעטערטען סדר־טיש.

ניט אַ שעפּס איז דער קריסטליכער קרבן־פסח, נאָר אַ געקוילעטער איד. ניט דעם „ביישטידעל" פון טהיר בעשפריצען זיי מיט אידיש בלוט, זאָנדערן אַלע גאַסען און הויפען פריי, אונגעשטערט גיסט זיך דאָס פערניכ־

טעט אידיש לעבען דורך די אָפענע רינעס און דער יונגער פריה־יאָהרס הימעל שפּיגעלט זיך אין דעם, פונקט ווי דער איד וואָלט געדאַרפט אויסקויפען מיט זיין נשמה די ער־וואַכענדע נאַטור פון דעם ווינטער׳ס שרעקליכע אכזריות.

מיט דעם שלוקערץ פון דער קוקאַווקע קלינגט אויף דער אידישער קרעכץ און די צוריקקומענדע שוואַלב באַגעגענט די לויות פון די יונגע אידישע „שוועלבעלאַך" געמערדערט פון קריסטען לכבוד יום־טוב.

די פיעל־בעזונגענע שטערען פון דער פסח־נאַכט זיי־נען מלאך המות אויגען. ווי זאָל עס דען אַנדערש זיין, ווען דער פריהלינג פאָהרט אָן אין אַ קאַרעטע פון אידישע סקעלעטען אָנגעטריעבען פון פאָגראָמשטשיקעס?

פריהלינג און טויט זיינען ביי אונז געוואָרען שמות הנרדפים, חברים־ווערטער. פון נאַטור׳ס יונגע פולע ברוסט זויגען מיר נאָר גיפט און קברים און די בלייכע דאַרע צולעכערטע מצה איז דער טרויעריגער פנים פון דעם גלות־איד.

„מצה שמורה" גרייטען מיר אָן. מיר היטען די ווייץ אויפ׳ן פעלד, מיר ציטערען און פלאַטערען איבער יעדען זאַנג ער זאָל חלילה ניט פערנעצט ווערען, מיר כשר׳ען די מיהלען און רייניגען די שטיינער, מיר היטען דאָס הייליגע ביסעל מעהל, — גאָט׳ס גאָב און אונזער פראַצע, מיר היטען דאָס טייג, מיר היטען דעם אויוון, מיר היטען דעם בעקער, אָבער מיר קענען ניט היטען דעם פאָגראָמ־שטשיק...

זאָגט! רבנים, דיינים, אידען לומדים, בני תורה!

איז אונזער מצה כאָטש כשר? אונזער מצה מיט בלוט, מיט דאָס בלוט פון אונזערע פרויען און קינדער.

זאָגט! איז בלוט כשר אָדער טרפה, זאָגט! איז בלוט ניט חמץ, ווערען טרערען ניט חמצ'דיג?... אָ, אונגליקליך גליקליכער אידישער פסח!

אַ געקרייציגטער איד איז דער קריסטליכער גאָט און געקרייציגטע אידען זיינען זיינע קרבנות.

שוין זייט טויזענדע יאָהרען ווי די קריסטליכע „ליע־בע" פערוואַנדעלט אונז די הגדה אין אַ קינה; דעם קיטעל אין תכריכים; דעם קידוש־כוס אין סאַקראַטום'עס לעצ־טען בעכער, און די „ליל שמורים" אין אַ גיהנום פאַנ־טאַזיע געטרוימט פון אַ קרושעוואַן, אַ קאַרל דעם ערשטען פון רומעניען.

פאַר וואָס קוילעט מען אונז? וואָס איז אונזער פער־ברעכען? זיינען מיר דען ערגער ווי אַנדערע? האָבען שוין אונזערע עופה'לעך געזינדיגט מיט זייער מוטערס מילך? זינדיגען אונזערע טעכטער מיט זייער אונשולד; אונזערע זקנים מיט זייערע גראָהע האָר; אונזערע פרויען מיט די ליעבע צו זייער הויז־געזינד און אונזערע פאָטער'ס מיט זייער קאַמפף פאַר חיונה?

פאַרוואָס מערדערט מען אונז?

פרעגט די האַק!

פאַר טויזענד עבירות פערגיסט מען אונזער בלוט, און די גרעסטע עבירה איז וואָס מיר לעבען. און ווי דאָפעלט שרעקליך איז אונזער לאַגע, ווען מיט אונזער

טויט ווײל מען פערטומלען די פרייהייט און מיט אונזער פערניכטונג אָבהאַלטען דעם פּאָרטשריט!

אין רוסלאַנד מאַכט מען אַ וואַנד פון אונזערע אָב־געהאַקטע קעפּ, צו פערשטעלען די גאולה פון אַ נאַקעט פאָלק; אין רומעניען מאַכט מען אַ טייך פון אונזערע טרערען, כדי די בערויבטע, אונגליקליכע, פינסטערע, ווילדע פּויערים זאָלען ניט קענען צוקומען צו זייער ערד.

מען שכור'ט זיי אָן מיט יודענהאַס און לײנקט זיי אָב פון גלייכען וועג, וועלכער פיהרט צו דער קרוין און צום געלד־זאַק.

ווי לאַנג וועט דאָס נאָך אָנהאַלטען? ווי לאַנג וועט אונז די געשיכטע אַלץ ארונטערוואַרפען פון באַרג אין אָבגרונד אַלס דעם „שעיר המשתלח" פון דער זינדיגער וועלט? ווי לאַנג וועלען מיר זיין די פּראָפּעטען פון דער פרייהייט און איהר שטרויכעל־שטיין?

ווי לאַנג וועלען מיר ליידען?

פרעגט דעם מעסער!

אַ הילפס־פעראיין, אַ סך הילפס־פעראיינען האָבען מיר געמאַכט צו שטיצען די בערויבטע און צושלאָגענע אידען אין רומעניען. וויעדער אויפצובויען זייער היים אויף אַ וואולקאַן, אויסקשטעלען זייער בעט אויף אַ כוואַ־ליע און אָנשפּאַרען זייער זיכערהייט אָן אַן איבערגע־ברענטען שטרוי. דען עס וועט קומען אַן אַנדער פסח און פערניכטען די מותרות פון איצטער מיט אונזער צדקה, מיט אונזער יעצטיגע רחמנות מיט אַלעמען.

וואָס קענען מיר אָבער אַנדערש טאָן?

וואָס קענען מיר מאַכען אום זיך ניט צו בעהאַלטען אין אַ שלאַנגען־נעסט? וואו זאָלען מיר פיהרען די צו־שראָקענע, נאָך וועלכע די קברים יאָגען זיך נאָך און דער אונטערגאַנג גענעצט זיי אנטקעגען?

וואו זאָלען מיר זיך רעטען?

פרעגט דעם ים!

דער ים און די אידען! ווי מערקווירדיג זיי בייטען זיך מיט זייערע ראָלען!

אַמאָל האָט זיך דער ים פאַר אונז געשפּאָלטען און מיר זיינען געוועזן פעראייניגט, יעצט זיינען מיר צושפּאָל־טען און צוריסען אין טויזענד קלייזלאך און דעם ים איז גאַנץ...

אַמאָל האָט מען געשלאָגען דעם ים און מיר האָבען גערוישט אַ שירה, יעצט רוישט דער ים און מיר זיינען די געשלאָגענע...

אַמאָל איז דער רויטער ים פאַר אונז אנטלאָפען און מיר זיינען געגאַנגען שטאָלץ און זיכער אויף אַ פרייען, פעסטען באָדען, יעצט אנטלויפען מיר, מיר לויפען פאַר אונזער אייגענעם שאַטען, לויפען אָהן אַ אָרדנונג, אָהן אַ סדר ווי אַ געשלאָגענע מחנה, און דער בלוט־ים שטעהט אויף אַן אָרט און גלאָצט אונז אין די צושראָקענע אויגען...

אַמאָל האָט זיך דער ים אויסגעטריקענט און מיר זיינען איבער איהם אַריבערגעגאַנגען, יעצט זיינען מיר אויסגעדאַרט און אויסגעטריקענט ווי די לאָפּעטעס, אויף וועלכע מען „שיבט" אונזערע מצות און דער ים געהט איבער אונז אַריבער, איבער אונזערע קעפּ, איבער אונ־

זערע אויסגעקרימטע רוקענס. עס גיסען זיך די בייזע כוואַליעס, גיסען און פּלייצען און פּאַטשען אונז אַרונטער צום תהום.

פּסח!

איך קוק אויף די בלוטיגע מצה געמישט מיט אונזער אייגען בלוט, געמישט פון די שונאים; איך קוק אויף דאָס טוידטע ברויט; דאָס ארעמ־ברויט; דאָס העלדען־ברויט און אַ געפיהל פון יאוש און בטחון ברעכט מיר דורך די ברוסט.

פון טהאָל צום באַרג

מתן תורה אמאָל און היינט.

געשעהן אדער אויסגעטראכט, די געשיכטע איז אינ־
טערעסאנט
א טיראן האָט געהערשט און געבושעוועט.
נוגשים האָבען געדריקט און געשלאָגען אַן אָרים פאָלק.
ששים רבוא שקלאַווען האָבען געקרעכצט און געליטען.
מיט קאָרג צייט און ווינציג מאַטעריאַל האָט מען געמוזט
ציעל־אַרבייט שאַפען. דער עלענד האָט דערגרייכט דעם
הימעל. א העלד האָט ערוואַכט. עס איז געבאָרען גע־
וואָרען אַ בעוועגונג.
אַ שטילע פּאָליטיק האָט זיך געפיהרט, אָבער צום
סוף זיינען געקומען מכות און איידער דאָס ליכט פון בע־
פרייאונג איז אויפגעגאַנגען איז געוואָרען פינסטער... די
חושך׳נים פאר זונען־אויפגאנג. די מאַסע איז געווען רוי,
דער פיינד — צושראָקען און צוטומעלט. דער שטעקען
איז ערשיענען אויף דער סצענע. דער ים האָט זיך גע־
שפּאָלטען. אַ שירה האָט געדרוישט. אַ נאַצאַן האָט
אויפגעשפּראָצט און עס איז געקומען דאָס וויכטיגסטע —
דער מאָמענט פון „מתן תורה“.

אפילו אַ פרייע מענשהייט קען אויך ניט לעבען אָהן אַ סדר, אָהן מענשליכע געזעצען, אָהן אַן אָרדנונג. און דער העלד האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ געזעץ־געבער. ער האָט געגעבען אַ תורה. אָהן אַ תורה, אָהן אַ פראָ־גראַם, אָהן אַ ריכטיגען בעגריף וועגען רעכט און אונ־רעכט, טוגענדען און עולות, אָהן עטהיקס, אָהן אַ פונדאַ־מענטאַלע מאָראַל זיינען מענשען נאָר חיות. פעלקער, וואָס בעפרייען זיך נ י ט אַליין, נור זיי ו ו ע ר ע ן בע־פרייט, זיינען געווים חיות און אַ נייע תורה איז די הויפט־זאַך, וואָס קען זיי דאַן האַלטען צוזאַמען.

אָבער ניט אַזוי קורץ און שאַרף איז יענע בעפרייאונג געשעהען. עס איז געווען „וואונדער איבער וואונדער". גאָט און מענש האָבען געאַרבייט צוזאַמען. דאָך, פיעל וואונדערבאַרער איז געווען די געזעץ־געבונג, איבער־הויפט די ענטפלעקונגס סצענע אויפ'ן באַרג סני, ווי זי ווערט געשילדערט אין דער ביבעל.

אַ פראָסט פובליקום, האָט דאָס געדאַרפט האָבען שטאַרקע טהעאַטער עפעקטען. די האַנדלונג אַליין וואָלט עס ניט געקענט געווינען און מען האָט געמוזט געברויכען שופרות, טרומייטערס און פייער־ווערק... דער העלד און נביא, וואָס האָט אויסגעקנעטען זיין פאָלק'ס נשמה אויס דעם אַלטען מצרים־ליים, האָט געניצט די קונץ פון די חרטומים דעם ליים צו בעלעבען...

דאָס איז ניט געווען קיין בלויזע פאַסירונג, וואָס משה האָט געגעבען אידען די תורה אויף אַ באַרג. ניט אומזיסט האָט ער געהאַלטען די שקלאַווען־מחנה אין

טהאָל און ער איז אַרויף אין דער הויך. אַנדערש האָט דאָס ניט געקענט זיין. גראָבע מענשען האָבען דורך אַרץ פּאַר אַלץ, וואָס קומט פון אויבען אַראָב... זיי פערשטעהען ניט ווי אַזוי גרויסע זאַכען קענען ווערען אויף דער זעל־ביגער ערד, וואָס זיי טרעטען, אויף אַן איינפאַכען, ער־קלערליכען אופן.

און די אידישע „מתן תורה" איז ניט געווען די איינ־ציגע, וואָס איז פאָרגעקומען אויף אַ באַרג. כריסטענ־טהום איז אויך געבאָרען געוואָרען אויף אַ באַרג. דער באַרג־סני האָט אַ חבר־באַרג אין גליל. ווען כריסטוס האָט געזעהען דעם גוואַלדיגען המון, וואָס האָט זיך אַרום איהם פערזאַמעלט, איז ער אַרויף אויף אַ באַרג און האָט פון דאָרט אַראָבגערעדט זיינע „גאָלדענע תקנות"...

דער פּראָפעט פון די אַראַבער האָט זיך אויך געפּאָ־רעט מיט בערג. „ווען דער באַרג געהט ניט צו מחמד'ן, געהט מחמד צום באַרג", האָט אויסגעשריען דער מחוקק פון איסלאַם, ווען דער איינגע'עקשנ'טער באַרג האָט ניט געפאָלגט...

יעצט אָבער קענען מעהר אַזעלכע זאַכען ניט פּאַסי־רען. און די נייע תורה פון דער קומענדער מענשהייט ווערט געגעבען אין טהאָל, אין רעכטען מיטען פון די מאַסען. „פון פאָלק פאַר'ן פאָלק" קומט די נייעסטע לעה־רע פאַר די יונגע דורות.

אָט דאָס איז דער גרויסער אונטערשיעד פון דעם היינטיגען שבועות און דעם „שבועות" פון די צוקונפט. די נביאים פון דער נייער צייט קלעטערען ניט אויף די

בערג נאָך געזועצען, נאָר טיעף אין יאָמערטהאָל פון די אָרימע ווערט זייער היילינע לעהרע געבאָרען. געטליך איז יעצט ניט די הימעלשע אָפענבאַרונג, נאָר די עפענטליכע מיינונג. די „התגלות אלקות“ איז דאָס אויפטרעטען פון געקנעכטעטען אויף דער וועלט־אַרענאַ און זיין נייע בעדייטונג אין דער געשיכטע.

די נייע תורה איז אין גאַנצען אַנדערש ווי די אַלטע. ביי דער מתן תורה פון באַרג האָט מען געהייסען די פרויען בלייבען פון ווייטען און נאָר די מענער זאָלען מקבל זיין די לעהרע; זיי זאָלען זיין די אויבער־האַרען און די יחסנים, די הערשער איבער דעם שוואַכען געשלעכט; די תורה פון טהאָל אָבער זיינען מקבל די פרויען און מענער צוגלייך.

מיט דער נייער תורה געהען די פרויען הקפות אַרום דעם באַלעמער פון דער געזעלשאַפט. די טאָכטער און די מוטער פאָדערען זייער בערויבטע מענשען־רעכט.

יאָ, אַנדערש ווערט די נייע תורה געגעבען.

אַמאָל האָט מען געשריען „לא תגנוב“ און „לא תרצח“ צו די אָרימע, אויסגעמאַטערטע שקלאַווען אין טהאָל. מען האָט די בע׳גנב׳עטע און בערויבטע געהייסען גוט און פרום זיין. די מוסר איז געגאַנגען פון מזרח־וואַנד צום פאָליש. יעצט אָבער הילכען די „עשרת הדברות“ פון טהאָל צום באַרג. צו די שטאָלצע און ערהאַבענע געטער אויף די מעכטיגע פעלזען־בערג פון די שקלאַווען־לענדער.

„אנכי, איך“ — דונערט דער גאָט פון די אירדישע

וועלטען פון אונטען ארויף — „איך בין גאָט, דיין גאָט, וואָס האָט דיך ארויפגעזעצט אין דער הויך און איך בין דער, וואָס קען דיך פון דאָרט ארונטער־ווארפען... איך בין דער איין־און־איינציגער, דער יחיד ומיוחד, וואָס האָט געשאַפען און שאַפט אַלץ וואָס דו זעהסט און הערסט און האָסט. אַלץ, וואָס איז דאָ און וואָס עס וועט זיין איז דער סך הכל פון בעוועגונג, פון ענטוויקלונג, פון אַרבייט. ניטאָ קיין אַנדער גאָט חוץ איך, דער אַר־בייטער, דער שאַפער, דער טהוער, דער בעוועגער און די בעוועגונגס־קראַפט, די טרייב־פעדער פון די „גלגלים", דאָס ליכט, דער שטראַהל, דער פייער, דער אָנהויב פון אַלע אָנהויבען און די סיבה פון אַלע סיבות..."

ביי דער אַמאָליגער קבלת התורה האָט מען אָנגע־זאָגט דעם פאָלק אין דער נידער, ער זאָל זיך אָברוקען, ער זאָל ניט וואַגען צו בעריהרען דעם באַרג, ווייל דער באַרג איז הייליג צוליעב דעם גאָט, וואָס טהראָנט אויף איהם... מען האָט איינגעשראָקען די מאַסען, אַז דער באַרג וועט נכפה'ן, ווארפען, שליידערען און אומברייינגען אין די טויזענדער...

ביי די יעצטיגע „קבלת התורה" אָבער מוז מען פריי־הער בעריהרען דעם באַרג... די מחנה פון טהאָל דאַרף זיך אויסלערנען צו וואַגען און אונשעדליך מאַכען דעם טהראָן פון דעם אלמעכטיגען, וואָס דונערט און בליצט, און וואַרפט מיט טויט און פערדאַרבען...

אַן אַנדער צייט, אַן אַנדער מענשהייט, אַנדערע נביאים, אַן אַנדער סצענע אין דעם ווילדען מדבר פון

לעבען. אַן אַנדער תורה און אַן אַנדער קבלה. די שקלאַ־ ווען שרייען ניט מעהר „נעשה ונשמע". יעצט איז פון „נעשה" ביז „נשמע" אַ רעכטער תחום שבת. די נייע תורה ווערט ניט געגעבען איבער געוואַלד, זי ווערט אויך קיינעם ניט אַרויפגעצוואונגען. זי וואַקסט אַרוים ווי אַ בלום אין דעם גן עדן פון פאָלקס־בעוואוסטזיין. אונזערע נייע „לוחות" זיינען ניט פון שטיין, נאָר פון הערצער, און ניט געשריעבען פון אַ גאָט, נאָר פון מענשען. אין דער נייער תורה איז ניטאָ קיין „סתרי תורה", קיין סודות, קיין קניפּלאַך, קיין „רזי דרזין", קיין בעהאַלטענע רמזים און קיין צוויי־דייטיגקייט. עס איז פרייהייט און לעבען פאַר אַלע לעבעדיגע.

* * *

אָה, זינגט מיר דאָס ליעד פון דעם „שפעטער",
דעם שיר פון דעם נייעם „שבועות",
ווען פריי וועלען וואקסען די תבואות
און ליעב וועלען שמייכלען די בלעטער,

ווען אַלע וועט גענוג זיין פאַר אַלע
און קוויקען אַ יעדער מסיבה,
עס וועט די נאַטור ווי אַ כלה
פערשיינקען דעם לעבען איהר ליעבע!

אָ, זינגט אונז דעם נייעם „אקדמות"
לכבוד דער בעסערער תורה,
וואָס הייליגט דעם מענש אין דעם „בורא"
און פיהרט איהם דורך אייב'גע נחמות.

ליטעראטור

קונסט און לעבען

דער סוד פון ליעבע.

איך קען צוויי שענע מיידלאך,
איך האב — ווער וויים די סיבה ?
פאר איינע נאר בעוואונד'רונג,
פאר ד'אנד'רע — הייסע ליעבע.

און די, וואס איך בעוואונדער,
בעזיצט פיער שענ'רע פארבען,
ווי יענע, וואס בעהערשט מיך
מיט ליעבע ביז צו שטארבען.

די ערשטע מיט ענטציקונג
בעטראכט איך, דאך פערזיסען
מיין וועלט קען נאר די צווייטע
איהר ליעבשאפט צו געניסען.

פיעל חן שוועבט אויף די ערשטע,
עס לייכטען איהרע אויגען

און דאָך האָט מיך איהר צויבער
צו נאָה'נט ניט צוגעצויגען...

איך וואָלט איהר קיינמאָל קושען,
קיינמאָל צו זיך ניט דריקען,
עס קען איהר ערדלע שענהייט
מיך גענצליך ניט ערקוויקען...

און ניט נאָר איז זי פּרעכטיג,
וואָס קען ניט פּרעכט'גער געבען,
נאָר אויך די ריינסטע אונשולד,
אין הימעל נאָר צו שוועבען.

דאָך ליעב איך ניט שולמית
און ליעב מיין זיסע זעלדע,
ווייל זעלדע איז ל ע ב ע ד י ג,
שולמית — א ג ע מ ע ל ד ע.

וועלכער ציוויליזירטער מענש איז דאָס ניט געווען אָם וועניגסטענס איין מאָל אין זיין לעבען אין אַ מוזעאום פון קונסט?

וועלכער מענש מיט אַ עסטעטישען געשמאַק האָט דאָרט ניט בעטראַכט מיט ענטציקונג די געמעלדען און סטאַטוען, די שעפּפונגען פון גרויסע מייסטערס?

אַזוי ווי יעדער שטערבליכער האָט מעהר אָדער וועניגער אַ געַנוס בעטראַכטענדיג די הויכע בערג, פעלזען,

טייכען, פעלדער און וועלדער, מיט איין ווארט, די אר־כיטעקטור, סקולפטור און מאהלעריי פון דער נאטור — אזוי האט יעדער בשר ודם א געוויסען זינן פאר א קונסט־בילד.

נו, האט דאס שוין ווען עס איז געטראפען, אז אימי־צער זאל זיך פערליעבען אין א סטאטוע אדער א געמעלדע פון א שענעם מענשען?

שולמית, ווי דער דיכטער בעזינגט איהר, איז געווען די גרעסטע פארשוין פון מזרח־לאנד.

יהודית, וועלכע האט געפאנגען דעם אסירישען טי־ראן אלפורנוס מיט איהרע בליקען, האט געשיינט ווי די זונן אין הימעל.

די אידישע קעניגין מרים, די פרוי פון הורדוס המלך, איז געווען די גרעסטע שענהייט פון איהר צייט.

די עגיפטישע הערשערין קלעאפאטרא, האט בע־זיעגט די גבורים פון רוים מיט איהר שמייכעל, און די שענע מאגדאלענא האט געוואונען די ליבע פון קריסטוס.

די געמעלדען און סטאטוען פון דיעזע אלע היסטא־רישע שענהייטען געפינען זיך אין אלע גרויסע מוזעאומס פון דער וועלט. האט דאס שוין אבער ווען עס איז פא־סירט מען זאל זיך אין זיי פערליעבען?

קיינמאל ניט.

פאר וואס?

דאכט זיך, אז דיעזע אלע דערמאהנטע בילדער און פיגורען זיינען די ארבייט פון גרויסע, אונשטערבליכע

קינסטלער, וואָס האָבען געשאַפען זייערע ווערק נאָך אַלע רעגעלען פון קונסט און עסטהעטיק.

נו, טאָ פאר וואָס זשע פערליעבט מען זיך ניט אין געמאהלעוועטע אָדער געשניצטע מענשען?

ווייל זיי האָבען ניט קיין נשמה.

כדי איינעם צו ליעבען, מוז ער לעבען.

ער מוז זיך בעוועגען. ער מוז האָבען בלוט און פלייש, בלוט, וואָס זאָל פליסען, צירקולירען, און פלייש, וואָס זאָל זיך ריהרען, בעוועגען, ווייל די לעבעדיגקייט שפיעלט אין ליעבע די ערשטע פידעל.

מען קען זיך ניט פערליעבען אין געקינסטעלטע בעשעפעניסען, ווייל די ליעבע אַליין איז נאַטירליך און ניט געקינסטעלט.

מען קען זיך נאר פערליעבען אין די נאַטור און ניט אין די קונסט; אין די אמת'ע נאַטור, ניט אין די נאָכגעמאַכטע.

ליעבע און לעבען איז אַלץ איינס.

עלטערען האָבען אַ ליעבעס, איין איינציגעס קינד, וואָס איז זיי טהייער ווי דאָס אויג אין קאָפּ; זיי קענען אָהן דעם קינד קיין מינוט ניט זיין, זייערע בליקען זיינען צוגעקניפט צו די בליקען פון דאָס קינד.

פלוצלונג שטאַרבט דאָס קינד און זיי זוכען עס וואָס גיכער אַרויסצונעהמען פון זייער הויז.

דאָס הארץ איז צובראָכען. זיי דעקען אָב די טויטען־טוך און קוקען מיט שרעק אויף די אויסגעלאָשענע אויגען

פון זייער ליעבלינג. זיי פיהלען אַ מורא'דיגען וועהטאָג אין זייער טיעפסטען אינערען.

דאָך, דאָס קינד איז טויט. עס האָט ניט אין זיך מעהר קיין בעוועגונג, קיין ריהרונג, קיין לעבען און די צאַרטע עלטערען בעטראַכטען דאָס פאַר אַן איבעריגע זאַך.

דער גאַנצער מענש איז דאָ, אָבער די נשמה פעהלט...

ווי לאַנג צוריק האָט מען דאָס געליעבט און מען איילט זיך שוין וואָס צום גיכסטען דאָס ארויסצוטראָגען פון הויז.

וואָס קונסט אַנבעטרעפט איז געווים אמת, דאָס יעדער קינסטלער גיט אריין אַ נשמה אין זיין קונסט־ווערק; עס איז וואָהר, אז די פערזאנען, וואס בעגאבטע ארטיסטען מאכען פון שטיין און פאַרב, האָבען אין זיך גייסט, נשמה, אָבער זיי האָבען דאָס נאָר ביז אַזאַ מדרגה, וואָס איז נויטיג אַרויסצורופען אונזער בעוואונדערונג, אָבער ניט אונזער ליעבע.

ווען היינריך היינע שטעלט פאַר די פאָלשטענדיגע שענהייט, דעם אידעאַל אין וועלכען מען פערליעבט זיך ביז צום קבר, שטעלט ער זי פאַר לעבעדיג און ניט געמאהלעוועט, אָדער געשניצט. איהר זעהט די אַרבייט פון גאָט'ס אייגענע האנד און ניט פון אַ מענשליכען פינזעל, אָדער דלאָט. איהר זעהט ווי די שענהייט בעוועגט זיך, ווי זי קאָמט איהרע „גאָלדענע האָאר" מיט אַ גאָלדענעם קאָם און איהר הערט ווי זי „זינגט אַ ליעד דערביי", יאָ אַ ליעד, וואס קומט פון אינוועניג, פון דער

נשמה, דאָס ליעד, זאָגט היינע, האָט אַ „געוואַלדיגע זעלט־זאַמע מעלאָדיע“.

„איך גלויבע די וועלען פערשלינגען
דעם שיפער און דעם קאַן,
און דאָס האָט מיט איהרעס זינגען
די לאָרעליי געטהאָן“.

בכן האָט דאָס „די לאָרעליי געטהאָן“, אָבער ווי האָט זי דאָס געטאָן?

ניט מיט איהר בלויזע שעהנהייט, ניט אַליין מיט איהרע גאָלדענע האָאָר, איהר גאָלדענעם קאַם און איהרע גאָלדענע קליידער, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגען גע־ווים ניט. זי וואָלט מיט איהר גאַנצען צויבער־פּראַכט דעם שיפער, אין זיין שיפעלע אויף דעם רהיין, ניט גע־וואונען ער זאָל זיך צוליעב איהר דערטרינקען; ער זאָל קוקען אַזוי לאַנג אויף דעם הויכען פעלז, וואו זי זיצט, ביז זיין לאָדקע זאָל צוקלאַפּט ווערען אָן אַ שטיין...

„די שענסטע יונגפרוי“, ווי היינע רופט זיין „לאָרע־ליי“, וואָלט געבליעבען נאָר אַ שענער, ערהאַבענער גע־ן ווען זי וואָלט ניט געקאַמט איהרע האָר און ניט גע־זונגען אַ נשמה־ליעד, אַ ליעד, וואָס קוועלט פון איהר אייגענער ברוסט און ניט וואָס אימיצער האָט אין איהר אַריינגעזונגען, אַ ליעד מיט אַ געוואַלדיגען אינערליכען כח.

די גרעסטע קונסט־ווערק קען העכסטענס אַרויסרו־פען אונזער בעוואונדערונג, אָבער ניט אונזער ליעבע. און דער אונטערשייד צווישען בעוואונדערונג און ליעבע איז זעהר גרויס.

מיר בעוואונדערען די לבנה, אָבער מיר פערליעבען זיך ניט אין איהר.

דאָך אום די קונסט זאָל ארויסרופען אונזער בעֿ וואונדערונג מוז זי אויך זיין פערפיהרעריש און עכט ווי די נאַטור. די פלאַסטישע קונסט (די מאַהלעריי און די סקולפּטור) דארפען זיין אַזוי נאַטור־טריי, אַז זיי זאָלען קענען אָבנאַרען אונזער אויג פונקט ווי די טאָן־קונסט (די מוזיק און די דיכט־קונסט) דארפען קענען אָבנאַרען אונזער פאַנטאַזיע.

נאָר די אמת'ע קונסט קען אונז פעראינטערעסירען און פערבלענדען מיר זאָלען מיינען, אַז וואָס מיר זעהען און הערען זיינען כמעט לעבעדיג.

מיר זעהען, צום ביישפּיעל, ווי אַ לומפּ מאַטערט אַן אונשולדיגען מענשען, ווי ער מאַכט זיך פאַר יענעמ'ס אַ גוטען פריינד, בענוצט זיך מיט יענעמ'ס צוטרויען און איז אין גרונד געגומען יענעמ'ס פערדעטהער און דם שונא. אָט אין אַ רגע אַרום, ווי ער האָט דעם אונשול־ דיגען פערראַטהען און פערקויפט צו דער תליה, קומט ער צו איהם און חנפ'עט איהם און מאַכט זיך ווידער פאַר זיין בוזים־פריינד.

מיר ווערען אויפגעבראַכט, כעס און נקמה ברענט אויף אין אונז, מיר קענען אַזאַ לומפּיגע ניעדערטרעכטיג־ קייט ניט פערטראָגען, דאָס איז צו שרעקליך, צו שווידער־ ליך גלייכגילטיג צו צוזעהן און מיר ווילען אַ שפּרונג טאָן צו דעם אונמענש און איהם צורייסען אין שטיקער.

„לומפ“! שרייען מיר אויס און ווילען זיך אַ לאָז טאָן אויף איהם.

דאָך אין דער מינוט דערפיהלען מיר ווי אימיצער כאַפּט אונז אָן פון הינטען מיט אַ וואָרנונג: „וואו לויפט איהר? איהר וועט דאָך גע'הרג'עט ווערען“!

און מיר וואָלטען זיך ווירקליך צו'ממית'ט, דען די גאַנצע מעשה איז דאָך ניט מעהר ווי אַ טהעאַטער־שטיק און מיר זיצען אויף דער אויבערשטער גאַלערעע...

דאָס האָט אונז די קונסט, די אמת'ע קונסט גענאַרט, געוואונען. די שוישפּיעלער האָבען דאָס אַזוי גוט גע־שפּיעלט.

די אונטערשטע שורה איז, דאָס קונסט איז נאָכ־געמאַכטע נאַטור און לעבען איז נאַטור אַליין. עס איז אויך ווייטער צו זעהן, אַז ליעבע איז ניט קיין הימעל־שע זאַך, נאָר זי ליעגט איינפאַך אין בלוט און פלייש, אָהן קונצען און אָהן חכמות, דען ווען דאָס וואָלט אַנ־דערש זיין, וואָלט מען זיך אויך פערליעבט אין אַ שענעם בילד אָדער אין אַ שענע סטאַטוע. יאָ, מיר ליעבען נאָר לעבעדיגע מענשען, וועלכע האָבען קאָכעדיג בלוט אין די אָדערען און האָבען נאָך דערצו אַ נשמה־יתירה, וואָס קען זינגען, שפּיעלען, אָדער טאַנצען, דאָס מאַכט נאָך דעם לעבען לעבעדיגער און די ליעבע הייסער, ברע־נעדיגער...

ווי ווייט לעבען איז שטאַרקער ווי קונסט קענען מיר זעהן דערפון, דאָס מיר פערליעבען זיך גיכער אין אַ לע־בעדיגע דיענסט־מיידעל איידער אין אַ ווענוס, די געטין

פון שענהייט, געמאַכט אַפילו פון דעם גרעסטען מייסטער.

עס איז אמת, אַז עס געפינט זיך ערגעץ וואו אַ לעגענדע, דאָס איינער האָט זיך אַ מאָל פערליעבט אין אַ סטאַטוע און איז פאַר גרוים ליעבשאַפט געשטאָרבען. עס איז אויך אמת, דאָס יעדער קינסטלער איז „פערליעבט אין זיין קונסט", דאָך איך רייד פון ליעבע ווי די וועלט פערשטעהט זי.

עס איז אויך ווייטער צו זעהן, דאָס די קונסט, וועלכע זאָל אונז געווינען, מוז זיין אַזוי נאָהענט צו די נאַטור, אַז מען זאָל קוים, קוים דערקענען וואו איינע פאַנגט זיך אָן און די צווייטע ענדיגט זיך.

אמת'ע, לעבעדיגע שענהייט ליעבען מיר און אמת'ע קונסט בעוואונדערען מיר.

קהלת און דער פארטשריט

די נוצען און שאדען פון „ווער ווייס“

זיי ניט קיין שוטה און ערגער זיך ניט!“

אט די ווערטער קלינגען אונז אפט אין די אויערען אין טעגליכען לעבען און מיר מיינען, אז מיר הערען א חכמה, ווערהרענד דאס איז פאלש ווי די עבודה זרה.

ריכטיג וואלט געווען צו זאגען „זיי ניט קיין ח כ ם און ערגער זיך ניט!“

„ שוטה אינו מרגיש“; א שוטה פיהלט ניט, ממילא ערגערט ער זיך שוין ניט.

ערגערנים און וועהטאג זיינען די רעזולטאטען פון דיינקען און פיהלען; פון בעגרייפען און פערשטעהן; פון וועלען און פערלאנגען.

פאר׳ן שוטה, וואס האט א פאמפערניק אנשטאט א קאפ אויף די פלייצעס, איז אלעס גוט און וואויל, שען און אנשטענדיג, קלוג און מאראליש...

דער נאר האט זיך ניט וואס צו קלעהמען.

מאנכע מענשען ווייסען דאס שוין פון לאנג און מאנכע

דערוויסען זיך דאס ערשט סוכות אין שוהל, ווען זיי הערען ליי־
ענען קהלת, וועלכער האט דאס גוט פערשטאנען.

ווי ריכטיג ירושלים׳ס גרויסער דיינקער דריקט זיך אויס!
„כי ברב חכמה רב כעס ויוסיף דעת יוסיף מכאוב“.

דאס הייסט אין פשוט׳ען מאמע־לשון: „וואס מעהר קלוג־
שאפט מעהר ערגערנים און וואס מעהר וויסען מעהר וועהטאג“.

דער פארעווער מענשיל, אדער דער פאלקס־פערפיהרער,
בעשולדיגט און טאדעלט דעם פערשטענדליכען און דיינקענדען
מענשען, וועלכער געהט אפט ארוים פון גערולד און געטריעבען
פון אמת און יושר הויבט ער אויף זיין שטים און זיין פויסט
נעגען עולות.

„שא! זאגט דער „קאלטער לונג און לעבער“, שא! שריי
ניט, ערגער זיך ניט, מאך קיין געוואלדען! מאלע וואס עס
טרעפט! מען קען די וועלט ניט איבערמאכען! נאר א נאר נעהמט
זיך צום הארצען, א קלוגער לאזט דאס געהן מיט די נאטור“...

„רעוואלוציאנער! אנארכיסט! צושטערער!“ שרייט דער
דעמאגאג, וואס לעבט פון פאלשקייט און בעטרוג, צו דעם אויפ־
גערעגטען חכם און דיינקער, וועמעס שיקזאל קהלת בעדויערט.

דעם לומפ, דעם אויסוואורף בעצאהלט זיך בעסער צו ווע־
רען עולה׳ס פריינד, שאנדע׳ס חבר און ליגען׳ס געזעלען. ווייל
דאן פערשפארט ער כעס און וועהטאג און פילט אן זיין בייטעל
מיט זאק־רויב.

דער פרינצליכער צווייפלער פון מזרח־לאנד האט געוואוסט
אט דעם סוד און האט טאקע אויף דעם א טיעפען זיפץ געטאן.
נאר דער, וואס איז געקומען צו דער פערצווייפעלטער שטו־

פע פון צווייפלען, וויים דעם טהייערען פרייז. וואס א נשמה צאהלט פאר איהר דיינקען און פיהלען.

נאר די, וואס שטעהען אין אייביגען קאמפף מיט רשעות און האלטען א שווערד איבער נארישקייט און פערברעכען, יא, נאר די בעגרייפען שלמה'ס ביטערען קרעכץ אויף די דיינקענדע און וויסענדע, און פערשטעהען ווי אזוי דער „ויחכם" איז געקומען צו דער טרויריגער פילאזאפיע פון „אויך מיין דאגה"; צו דעם ביטערען ענטשלוס פון „א נעכטיגער טאג", פון „הבל הבלים", וועלכער איז זעהר קיין געוויינשטער בירגער אין דער טהעטיגער רעפובליק פון לעבעדיגע אינטערעסען.

קהלת האט געזוכט דעם פערגניגען פון לערנען און וויסען און, געפינענדיג איהם אין ערגערנים און וועהטאג, האט ער אויסגעשריען מיט ביטערנים „א נעכטיגער טאג!" און א מאך געטאן מיט דער האנד „אויך מיין דאגה!"

דאס איז די פילאזאפיע פון יאוש, פון פעסימיזמוס, מיט וועלכע די פילאזאפיע פון לעבען איז ניט איינפערשטאנען.

די חקירות פון קהלת זיינען נאר טיילוויז אמת, אבער ניט אין גאנצען. איבערהויפט איז זיין אויסגעשריי „ווער וויים?" „ומי יודע", דאס הייסט: ווער וויים סיי ווי סיי אויב עם לוינט זיך גאר צו זיין קלוג, גוט, עהרליך און אנשטענדיג אויף דער וועלט; אויב עס איז גאר דא א „יענע וועלט" מיט טויזענד גליקען פאר'ן צדיק און אייזערנע ריטער פאר'ן רשע, — יא, איבערהויפט איז דיזער „ווער וויים" זעהר א קראנקער, אבוואהל נ י ט קיין שעדליכער, דען מען וויים י א, און אויב מען וויים ניט, איז אויך קיין סכנות. דער קלוגער און ערענטליכער זוכט ניט קיין געהאלט פאר זיין חכמה

און גוטסקייט. ער זוכט דאס ניט, ניין! ניט אויף דער און ניט אויף י ע נ ער וועלט.

אין קהלת'עס צייטען האָט מען דאס נאָך ניט פערשטאַנען. דער גרויסער סקעפּטיקער האָט נאָך געלעבט מיט דעם ביבלישען גייסט, וועלכער האָט ביי יעדער מצוה אָוועקגעשטעלט דעם שכר ביי דער זייט. אין די ביבעל־צייט האָט מען נאָך געמוזט די מענשען אונטערקויפען; מען האָט זיי געמוזט ווייזען די „מזומן אויפ'ן טיש", אז עס „בעצאהלט זיך". „טו דאס, כדי עס זאל דיר גוט זיין". מען האָט צוגעזאגט „לאנג לעבען" און אנדערע גוטע זאכען. דאַן האָט נאָך דער „יצר טוב" געמוזט געבען כאַ־באַר. דער מענש האָט נאך דאן געהאלטען ביי'ם „אלף בית", ביי זיין ערשטען געהן אין „חדר", וואו „דער מלאך האָט געוואָרפען א גראשען"...

אָט ווי אונפּראַקטיש דער צוויי־פיסיגער איז נאָך דאַן גע־וועזן, האָט ער דאָך געפרעגט „האו מאָטש" — „וויפיעל?" און מען האָט זיך געמוזט מיט איהם בעדינגען. א קינד, מען האָט איהם געמוזט געבען א צוקערקע ער זאל פאָלגען... צו דער הוי־כער מדרגה פון טאָן גוטעס צוליעב די גוטעס גופא, איז ערשט דער מענש שפּעטער געקומען.

פון אנפאנג האָבען זיך די חכמים דערשראָקען פאר קהלת'עס „וועד ווייס", זיי האָבען מורא געהאט, דיעזער ביטע־רער ספק זאל ניט אראָבפיהרען די מענשען פון וועג, דען ווער־וועט דאס וועלען „גוט און פרום" זיין סתם אין דער וועלט פאר אומזיסט?

אבער די שרעקעדיגע „חכמים" זיינען נאָך ניט געוועזן די ריכטיגע חכמים, דען, ניט האָבענדיג קיין תירוץ פאר דעם

מייעסטעטישען אפיקורס, האָבען זיי גאָר געוואלט זיין ספר אין גאנצען בעהאלטען, איהם אבראמען פון וועג...

זיי האָבען זיך געשראָקען פאר דעם פרייען גערדאנק. אבער זייער פערלאנג איז זיי ניט געלונגען...

עס זיינען שפּעטער געקומען די ריכטיגע חכמים און האָבען זיך גארניט ארומגעקוקט אויף דעם קהלת מיט זיין „וועלט וויים", זיי האָבען געזעהן, אז ער איז ניט שעדליך צו־ליעב פערשיעדענע אורזאכען: ערשטענס, האָבען זיי משמעות פערשטאנען, אז מען ווייס יאָ. אז מען לייגט אריין אין דר'ערד ליעגט מען טאקע...

אי איז דאך די קשיא: אויב אזוי, טאָ ווער וועט דאס וועלען לעהרנען חכמה און קעמפּפען פאר'ן אמת?

איז דער תירוץ: קיין סכנות ניט!

דאָס קומט פון איגנוועניג און ניט פון דער־רויסען: די וואס וועלען האָבען חשק צו זיין „גוט און פרום", וועלען דאס טאן אויף זייער אייגענעם חשבון, טאקע נאָר ווייל זיי ווילען דאס און ניט ווייל מען וועט זיי דערפאר בעצאהלען. זיי זיינען געקומען צום בעשלוס, די שפּעטערע חכמים, אז דער מענש טוט אפּט א סך גוטע אדער שלעכטע זאכען, ווייל ער אליין וויל זיי טאָן, ער טוט זיי פון זיין אייגענע הנאה וועגען און ניט ווייל ער ריכט זיך אימעצען צו געפעלען. איהם ארט ניט, אז ער וועט קיינעם ניט געפעלען; אפילו גאָט אליין אויך ניט.

נאכמעהר: דער מענש טוט מאנכעס מאָל גוטעס, וויסענדיג, אז ער וועט אויפרייצען געגען זיך אלע נארען און לומפּען, דאָס הייסט כמעט די גאנצע וועלט, און וועט קריעגען פאר זיין

גוטע טהאט שטיינער אנשטאט בלומען. זיי האָבען דערפאר דורכגעמישט קהלת און געענטפערט מיט א קלוגען שמייכעל: „קיין אחריות ניט“!

זיי האָבען זיך פאר זיין סקעפּטיציזמוס ניט דערשראָקען און געענטפערט דעם אייביגען, גרויסען און געזונדען אמת: „שכר מצוה מצוה“.

דער לוין פון א גוטע טהאט איז די טהאט גופא. דער אמת, די וויסענשאפט און די עהרליכקייט גיבען ניט קיין באַבאר... לעהרן חכמה, קעמפף פאר'ן וויסען, פאר אויפקלערונג, דו ווערסט טאקע דערנעהן א סך אונאנגענעהמע וואהרהייטען, זיי וועלען דיר וועה טאָן, אבער דער וויסען, אז דו ווייסט וועט זיין דיין בעלוינונג.

עס איז אמת, אז „וואס מעהר קלוגשאפט אלץ מעהר ער־נערנים און וואס מעהר וויסען, מעהר וועהטאג“, אבער וועלכען בעטרעף האָבען די ערגערנים און דער וועהטאג אין פערגלייך מיט די נוצען, וואס דער חכם און בר דעת קענען ברייננגען? וועלכער מענש, אפילו וויסענדיג פאראוים פון די ערגערנים און וועהטאגען, וועט זיך צוליעב זיי בעסער בעשליסען צו בלייבען אן עזעל אום צו זיין געזונד און צופריעדען, איידער זיין א חכם, א דיינקער און א קעמפּפער?

וועלכען געוואגטען וואהרהייטס־העלד וועט דאס ארען, וואס ניט די און ניט „יענע וועלט“ וועלען איהם בע־לוינען פאר זיין קאמפף? וועלכער פון דער וועלט'ס גרויסע לייט, קעמפּפער, דיינקער, פארשער און מארטירער, רעליגיע־זע אדער פרייע, — יאָ, וועלכער פון זיי האָט זיך אבגעשטעלט

פאר דעם צווייפעל פון קהלת? ווער האָט זיך דערשראָקען פאר דער סטראַשידלע „ווער ווייס“ און ווער פון דער מענשהייט׳ס גרויסע גייסטער האָט זיך געקימערט פאר דעם זויערען „אויך מיין דאגה“? אדער פאר דעם „א נעכטיגער טאָג“? דעם „הבל הבלים“?

זיי האָבען געטהאָן דאָס, וואס חכמה און וויסען האָבען זיי דיקטירט און האָבען געפונען זייער לוין אין זייערע אייגענע מעשים.

דער „ווער ווייס“ וואלט קיינמאָל ניט געקענט בעשאפען קיין יהודא המכבי; קיין בר כוכבא; קיין ר׳ עקיבה, א. ז. וו.

פון דעסטוועגען האָט דער קהלת זיינע גרויסע פערדיענס־טען פאר דעם פּראָגרעס. דען ער האָט געלעהרענט דער וועלט צווייפלען און ניט אננעהמען אין גוט־געלד אפילו דעם וועק־סעל אויף עולם הבא, ווייל „ווער ווייס“ אויב מען וועט איהם גאר קענען אויסבייטען? „ווער ווייס“ אויב עס איז גאר דאָ א גאָט? „ווער ווייס“ אויב די טוידטע בהמה איז ניט די זעלביגע יחסן׳טע ווי דער טוידטער מענש? „ווער ווייס“, „ווער ווייס“ און „ווער ווייס“...

אט דיעזער „ווער ווייס“ איז אליין ניט קיין גרויסער העלד, ער קען זיך ניט בעשליסען וואס צו טהאָן; ער איילט זיך ניט געהן שלאָגען פאר עפּעס, „ווער ווייס“ אויב עס איז כדאי? „ווער ווייס“ אויב ער וועט אויספיהרען? „ווער ווייס“ אויב יענער איז ניט שטארקער? „ווער ווייס“ אויב יענער איז אויך ניט גע־רעכט? ער איז א קאליקע דער „ווער ווייס“, ער קען ניט שטעהן פעסט אויף די פיס, ווי געהעריג איז, ער שפּרינגט באלד אויף

איין פוס, באַלד אויף דער אנדערער, און באַלד קריכט ער גאר אויפ'ן בויך. ער איז ווי יענער, וואס האָט געהאלטען אין איין שרייען „טאמער פערקעהרט"...

ער איז אבער א וואָרים, וואס קריכט פּאוואָליע אין די ביינער אריין, אין דער נשמה און „טאָטשעט", „נאָיעט" און נודעט און לאָזט ניט צורוה... ער איז דער ווארים פון פּראגרעס.

דער גאָלדערנער רענדעל

(אומעטיגע בעטראכטונגען).

פון גלות מיעד און אויסגעדראשען
האָסטו דיין גייסטיג גאָלד פערזעצט,
געבארגט אויף דעם צו איינצ'גע גראָשען...
מיין ארמעס פאלק! וואו האלט דאס יעצט?
בעזיצטו נאך דיין אלטען ווערטה?
מיר שיינט דאס איז שוין גאנץ פערצעהרט.

איינער האָט אמאָל פער'משכנ'ט א גאָלדענעם רענדעל אין צוויי גראָשען. אין א וואָך ארום האָט ער געבארגט אויף דעם נאך צוויי גראשען, אין צוויי וואָכען ארום — נאך צוויי גראשען א. ז. וו.

ווען עס האָט שוין געהאלטען ביי דעם לעצטען זעקסעריל, האָט מען איהם געפרעגט די ערנסטע פראגע, צו וואס ער האָט דעם רענדעל פערזעצט און האָט דאס באלד ניט אויסגעביטען אויף קליינגעלד.

— איך וועל אייך זאגן, — האָט דער מאַן געענטפערט, — ווען איך וואָלט דעם רענדיל אויסגעביטען פאַר איין מאָל, וואָלט איך דאָס באַלד די מינוט פערלאָרען, יעצט אָבער איז דאָס נאָך מיין. איך מעג אפילו האָבען אין דעם נאָר איין איינ־ציגען גראָשען, האָב איך דאָס נאָך אַלץ ניט אָנגעוואָרען. איך ווייס, אַז ערגעץ־וואו ליעגט מיינער אַ רענדעל און ווען איך וויל קען איך עס ווידער אויסלייזען.

אָט די מעשה האָט דערצעהלט אַ נישט־פּרומער איד, אַן אפּיקורס, ווען מען האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיך בעסער נישט גע'שמד'ט איידער צו זינדיגען אַזוי פיעל אַלס איד. און אָט די זעלביגע מעשה איז מיר איינגעפאַלען, טראַכטענדיג וועגען די אידישע קולטור אין אַמעריקא, וועגען אונזער גייסטיגען רענדעל, וואָס מיר האָבען פער'משכן'ט ביי הפקר און האַפּ־לאַפּ.

איך וויל וויסען צו האָבען מיר שוין אָבגענומען אויף אונ־זער טייערען משכן דעם לעצטען קופּערנעם פּיטאַק, אָדער מיר האָבען נאָך אין דעם אומוועניגסטענס איין זעקסעריל און קענען נאָך האָפען דאָס גאָלדשטיק אויסצולייזען, און ווידער צו בעזיצען.

מעגליך, אַז די „קינדער ישראל" פון קאַלאַמבוסעס מדינה ווייסען גאָר אַליין נישט, אַז זייער בעסערער „איך" איז פער־זעצט ביי דעם טייפעל, און זיי פערצעהרען איהם לאַנגזאַם און זיכער ביז זיי וועלען אין איין „שעהנעם טאָג" ווערען גייסטיג באַנקראָט.

קיין וואונדער וואָלט דאָס ניט זיין.

צומישט און צוטומעלט אויף דער בערוע פון זייערע נייע לעבענס־בעדינגונגען; בייטענדיג זייער אלטען עקזיסטענץ אויף א נייעם, פערבייטענדיג אפט א שוך אויף א לאפטשע, און בייטענדיג זיך אליין פון „גרין“ אויף געל, פון געל אויף שווארץ און פון שווארץ אויף פאפּיליאטע — זעהען זיי זיך גאר נישט ארום ווי זיי פערשאכערען זיך מיט היזק...

דער וואס קוקט אבער אויף זיי מיט א ניכטערען, רוהיגען בליק, דערזעהט גלייך, דאס זיי זיינען „נישט מיט אלעמען“, נישט אין גאנצען. איבערהויפּט דערזעהט דאס דער, וואס וואהנט נישט אין דעם אידישען קווארטאל און קומט דארט בלויז אלס גאסט. דער דערזעהט דאס אידיש וועלטעל אין איהר ריכטיגע ליכט, אדער פינסטערניש און זיין שטערען פערקנייטשט זיך אין פראגע צייכענס.

זייענדיג אוועק פון דער „איסט סייד“ עטליכע יאהר, האבענדיג פערוויילט אין די צענטערס פון אידישקייט, קונסט און בילדונג אין אייראפּא, איז מיר אונזער אייגענער קווארטאל געווארען פיעל אינטערעסאנטער ווי פריהער און איך האב איהם בעטראכט מיט מעהר אויפמערקזאמקייט. — וועל איך איהם דערקענען? — האב איך זיך אליין געפרעגט די הארבע שאלה — איז נאך די אידישע גאס דאס וואס אמאל, אדער זי איז שוין אויסגעוואקסען פון די קינדערשע מייטקעס, אראפּגעווארפען פון זיך דעם גאוער־פּארטוכעל און געווארען סטאלנע, לייטיש, ווי עס געהער צו זיין?

און דער אידישער קווארטאל איז טאקע געווארען גאנץ וואס אנדערש, א נייע בריאה, א בעשעפענים וואס איך האב

צומאל אין חלום נים געזעהען. אנשטאט זיינע „בייבי קלאוז״, זיינע קינדערשע בגדים, טראגט ער א נארען־מיצקע מיט גלעק־לאך, א קלאון־קאסטיום און קנאקט מיט פוסטע לצנות. אט שטעקט ער ארויס א צונג און אט מאכט ער א נאז, אט דרינגט ער מיט די פיס און אט שניידט ער קאָמישע געזיכטער ווי אן אבעזיאנע. דער ערנסט און דאס נאיווע איז פערשוואונדען און דער עקעלהאפטער „קיבעיץ״ האָט פערנומען דעם אויבען־אָן.

איך דערקען נישט דעם קווארטאל.

די פריהערדיגע אידישע צייטונגס־טישלאך אויף די עקען גאסען זיינען געווארען אנגעפּוישט, אנגעשוואלען ווי א פּויק מיט אלערליי פּאפּירענע ממזרים און פערזעהענישען, שקצים ורמשים פון פערשיעדענע כאראקטערע. אנשטאט א אידיש טהעאטער האָבען מיר באלאגאנעס, און סטערעאָפּטישע ביל־דער, וואס ווייזען פון א לאָך פון א בייגעל ביז „די אידישע נשמה״... דער ציוניזמוס האָט זיך אריבערגעקרויזשקעט פון די טענעמענט הייזער צו די דייטשע „יאהודים״; אנשטאט צו שפייען איהם אין פנים, זידלען איהם אין זייערע בלעטער און רופען זיין באשעפער „לומפּ״, „שארלאטאן״ און „דעמאגאג״, האָבען זיי איהם אויפגענומען פאר א ראבינער... זיך אויפגע־הערט פאר איהם צו שרעקען, קוים האָט מען זיין טאטען בע־גראבען, איז ער געווארען „גוט גענוג״ אלס א חלום, אלס א נעכטיגער טאג, אלס א אויסגעדראשענער בארג שטרוי איז ער א געווינשטער בירגער. מען האָט איהם צוגענומען אפּיציעל פון די קבצנים און מען לאָזט איהם שטויסען וואסער אין א גאל־דענעם שטויסעל פון א רעפארם טעמפּעל... עס גרילצט זיי אפילו אין די אויערען, עס נודעט זיי ארוים די רעפארמירטע

אָיסטער־נשמה, עס איז דאָך אבער ניט אזוי געפעהרליך, ווי דער סאציאליזמוס...

אנשטאט איינצעלנע משכילים, דאקטוירים, אדוואקאטען, וואס מיר פלעגען דא בעקומען אמאָל, האָט אונז רוסלאנד אריינגעשליידערט א חוואליע מיט קיין־קאטאָוועסדיגע פילא־זאָפען, נייע געזעץ־געבער, רעליגיאנס־גרינדער, קענער, דיכטער און הימעלשרייענדע קריטיקער...

איך האָב דעם אידישען קווארטאל קוים דערקענט.

דעם איינציגען ריכטיגען סימן, וואס איך האָב אויף איהם געפונען, זיינען די בלייכע פנים׳ער פון די טויזענדע ארימע אר־בייטער, וואס זיינען נאָך געבליבען אזוי בלייך ווי אמאָל אויף להכעיס פון די „דעקאדענטען“, וועלכע זעהען נאָר דעם בלויען גענעץ און זילבערנעם שלוקערץ פון טרילענדע פימפערנאָטערס.

די נייע ליטעראטארען און משוררים האָט זיך שוין צוגע־געסען די „אלטע“ שרייבעריי פון ארבייטער־נויט און אידישע צרות. „אוים מיט פראלעטאריער ליטעראטור“! — האָבען זיי אויסגעשריען, זיך פלאנטערענדיג אין א קנויל פון קבצנות; זיך קוועטשענדיג מיט די עהלענבויגענס דורך מחנות פערהונגערטע ארימע לייט.

שטעהענדיג מיט די פים אין מיטען פון א דאָפעלטען גלות האָבען זיי פעררים די פערזשמורעטע אויגען צום דאך צו בעזינגען דעם געגרייזעלטען רויך מיט די פימסען־האָלצערנע וואָלקען. לעבענדיג צווישען מיסטקאסטענס, זיך שטיקענדיג אין דער שמוציגער אטמאָספערע פון שקלאפעריי, חוצפה, ה־־ פאָקריטסטוואָ, און בארענדיג זייערע יאלעווע פאנטאזיעס און

צופארטאטשעטע, פערפושטע נשמות אין די מוטנע טהעע פון פעררויכערטע קאפע־הייזער און דאמינא־פרינציפען, האבען זיי פארגעסען א קוק צו טאן אין שפיגעל, וואס פאר א פנים זיי האבען און ווי זייער אומגעבונג זעהט אויס.

יא, נאר אן דער נויט אליין האב איך דערקענט די אידישע גאס. אן דער עקאנאמישער נויט. דען די גייסטיגע נויט איז פיעל גרעסער ווי געווען. מיר געהען צוריק. שונד און הפקר זיינען בעלי בתים. מען האט זיך אויפגעהערט צו שעהמען. קיי־נער איז מעהר קיינעם ניט פעראנטווארטליך.

הפקר פעטרישקע!

וואס מיך האט אם שטארקסטען אויפגערעגט, געהענדיג דורך די איסט סייד, איז געווען א טהעאטער־פלאקאטע מיט א רויטע ספר תורה אויף א מיסט־פעסעל.

דאס האבען נישט ארויפגעקלעפט מיסיאנערען, אדער שכור'ע פאגראמשטשיקעס, דאס האט מען אנאנסירט אויף א פעסעל שמוץ די „אידישע נשמה"... דאס האט א אידיש טהע־אטער ארויפגעשטעלט דעם פרומען אידענס הייליגקייט, די ספר תורה זיינע, אויף אן אפישע, צו רעקלאמירען א שונד־שטיק פון דעם ביליגסטען זארט.

איך האב אנגעקוקט דאס פעסעל מיסט און האב אנגע־קוקט די פלאקאטע און האב ניט געוואוסט, וואס עס איז שמו־ציגער אין אמעריקא: דאס אידישע טהעאטער, די אידישקייט, די „אידישע נשמה" אדער דער איינפאכער, ניט פערפוצטער, מיסטקאסטען?..

האבען מיר שוין ווירקליך אפגענומען דעם לעצטען גרא־

שען אויף אונזער רענדעל? איז שוין קיין האָפנונג מעהר אונזער גייסטיגעס גאלדשטיק אויסצולייזען? מיינט דער דאזיגער הפקר א פאָלשטענדיגער גייסטיגער באנקראט, אדער איז דאס בלויז אן איבערגאנג און עס וועט פערבייגעהן פונקט ווי א סך פון אונזערע צרות?

לאָמיר האָפען אויף דאס בעסטע.

„אמעריקאניזמוס"

אידישע ליטעראטור אין רוסלאנד און אמעריקא

אויב דער מארק זאל אונז דיקטירען
ווי די ליט'ראטור צו פיהרען,
גיעב איך אייך קיין האלבען גראשען
פאר דעם גאנצען מאמע־לשון.

„מען ניט די אמעריקאנער אידישע שרייבער ניט גענוג אנערקענונג, מען שטעלט זיי ניט אוועק אויף זייער פערדיענטען עהרענפלאץ. נישט קשה! מיר האבען דא אויך א אידישע ליטע־ראטור. אונזערע ליטעראטען זיינען פונקט אזוי ערנסט אין זיי־ער ארבייט ווי זייערע קאללעגען אין רוסלאנד".

אט אזעלכע טענות האבען מיר שוין דערלעבט צו הערען די לעצטע צייט פון א סך בעלי פרעטענסיעס. די דאזיגע בעריה־מער געהען נאך ווייטער אין זייער פוריע: זיי מאכען א פאר־וואורף די שרייבער פון דער אנדער זייט ים, וואס זיי ערלויבען זיך צו רופען געפעלשטע שרייבעריי מיט דעם שימפף־נאמען „אמעריקאניזמוס". סטייטש אזא חוצפה!

נו, פרעגט זיך די קשיא: זיינען אונזערע חינע פערטהייט־דיגער געדעכט אדער ניט?

לאָמיר אדרבא זעהן!

די הויפט בעדינגונג פון א ניט־געפעלשטען שרייבער, וועל־כער מיינט ערנסט מיט זיין ארבייט און אכטעט דעם פאלק, פאר וועלכען ער שאפט, איז די ליעבע צו זיין פאלקס־שפראך. אהן אן אויפריכטיגע ליעבשאפט צו דעם אייגענעם נאציאנאלען צונג קען מען ניט בעשאפען קיין פאלקס־ליטעראטור. א גרוי־סער שרייבער איז ניט נאר א בעשעפער פון א געהויבענעם ווערק, נאר אויך גלייכצייטיג א מייסטער פון זיין שפראך.

דאָרט, וואו דער בעגאבטער ליטעראט אדער דיכטער וועט געפינען דעם ריכטיגען ווארט אין זיין אייגענעם ווערטער־בוך, וועט ער איהם ניט געהן בארגען ביי זיינע שכנים. ביי דעם גאָט־געבענשטען מחבר איז דאס א גרויסער יחוס צו ווייזען דער וועלט, אז זיין מוטער־שפראך איז רייך גענוג אויסצודריקען די פערשיעדענארטיגסטע שאטירונגען פון געדאנקען און געפיה־לען. ער איז גליקליך מיט יעדען נייעם אויסדרוק, וואס ער גע־פינט אין דעם אוצר פון זיין פאלקס־שפראך. עס מאכט איהם פרייד אויפצומישען פאר זיינע ברידער און שוועסטער די גע־היימע בלעטער פון זיין נשמה כדי זיי זאלען דאס קענען לייע־נען און הנאה האָבען.

און די אידישע שרייבער אין רוסלאנד שריבען טאקע ריין אידיש; אידישע אידיש. זיי רידען צום אידישען הארצען, צום אידישען מח, צו דער אידישער פאנטאזיע, אין דער שפראך פון זייערע עלטערען. במעט יעדעס ווארט האָט זיין שורש אין אידיש־דייטש אדער לשון קודש. צום קנאפסטען לאזט זיך אין

דעם דארטיגען אידיש פיהלען דער לשון פון דער מדינה. די דארטיגע אידישע שרייבער ווילען ניט דערטרינקען דעם גייסט פון זייער מוטער־שפראך אין דעם ים פון רוסיש, ווייל דאן וואלט געמוזט דאס אידיש פערליערען זיין זעלבסטשטענדיגען כאראקטער און ממילא זיין רעספעקט. זיי ווילען, דאס אום צו קענען אידיש, זאל מען געברויכען א אידישען ווערטערבוך אבער ניט א רוסישען סלאָוואר, זיי ווילען ניט מאכען זייער לשון פאר א רוסישען דיאלעקט, נאר פאר א גאנץ בעזונדערע פריץ־טע ביי דעם אויבען־אָן פון די לעבעדיגע שפראכען.

אנדערש איז אבער מיט א סך פון די אידישע שרייבער אין אמעריקא, ביי וועלכע די שפראך איז א הפקר־זאך. אויף דעם וועלען עדות זאגען די היגע אידישע צייטונגען. דער איינ־ציגער ארט, וואו דאס רוב אידישע שרייבער זיינען בעשעפ־טיגט. מען דארף נאָר לייענען די היגע צייטונגען אום צו זעהן ווי ביליג, ווי פרעך, יא, ווי אונפערגעבליך געמיין די היגע שרייבער פערטראגען זיך צו זייער שפראך. מען זעהט בע־שיינבארליך דאס ניט נאָר זוכען זיי ניט אויפצוהאלטען דעם כבוד פון דעם אייגענעם לשון, נאָר זיי שטרייגנען זיך אן איהם צו פערראונרייניגען, פערשמוצען מיט די בלאָטע פון ענגלישען מארק.

די אמעריקאנער אידישע בלעטער דרוקען זעהר אָפט זייי־ערע נייאיגקייטען און לייט־ארטיקלען (עדיטאריעלס), וועלכע האָבען אין זיך מעהר ענגלישע פסולת ווי געזונטע, גאלדענע קערנער פון זייער אייגענעם אידיש.

ווען די אידען אין רוסלאנד וואלטען אזוי הפקר'דיג בע־האנדעלט זייער מוטער־שפראך, דורך די הונדערטע יאהרען,

וואס זיי געפינען זיך דאָרט, וואָלטען מיר קיינמאָל ניט געהאט קיין מענדעלע מוכר ספרים, קיין שלום עליכם, קיין פרוג, קיין שלום אש און נאך פיעל אנדערע.

שטעלט זיך נאר פאר א אידישע צייטונג אין ווארשוי, אין ווילנא, אדער פעטערבורג זאל שרייבען אט אזא מין שטיקעל נייעס:

דער מאלטשיק יאָסעל שעשקעס, וואס ארבייט ביי זשענסקי רובאשקעס אין דער גענשע אוליצא, האָט פלוצלונג אנגעטאן זיין שובא מיט דער שאפקא, האָט גענומען אין האנד דעם זאנטיק און האָט זיך געשטעלט איינקוקען אין אָקנאָ. די כאָזיאיקא האָט דערפאר געמאכט א דראקע, עס האָט זיך פערזאמעלט א טאָלפּא, דער גאנצער פערעאולאָק האָט געקאָכט, די זאך איז געבראכט געווארען אין אוטשאס־טאָק און דער סודיא האָט זייביידען פּאָסילאיעט דאמאָי.

איהר קענט זיך פארשטעלען דעם געלעכטער, וואס היגע צייטונג שרייבער וואָלטען געמאכט, לעזענדיג די דאזיגע זשור־נאליסטישע פאסקודסטווא? ביי אונז אבער ווייס מען גאר אנ־דערש ניט צו שרייבען, אדער בעסער געזאגט, ש מ י ר ע ן, און עס איז שא, א האָהן גיט ניט א קריי. די היגע „אידיש“ איז בלויז א פּאראָדי אויף די אמת'ע אידישע אידיש. דאָ פייפט מען אויף דער שפּראך, אויף אלץ און אלעמען אויסער אויף געלד, עזות און הפקר.

אט ווען מיר איבערגעבען די אויבערשטע שטיק לצנות אין אמעריקאנישע אידישע אידיש און קיינער וועט ניט לאכען, אזוי פערדארבען איז שוין דער געשמאק פון דעם היגען לעזער;

אזוי צוגעוואוינט איז ער שוין צו זעהן ווי מען שטעקט איהם ארויס א צונג.

קוקט אדרבא און לייענט!

דער „באָי" יאָסעל שעשקעס, וואס ארבייט ביי „לייר־דים ווייסטס" אין וואָקער „סטריט" האָט פלוצלונג אנגע־טאן זיין „קאוט" און זיין „העט", האָט גענומען דעם „אמ־ברעלא" און זיך געשטעלט קוקען אין „ווינדאו". די „מיסעס" האָט דערפאר געמאכט א „פייט", עס האָט זיך פערזאמעלט א „קראוד" אין „מאקעט" און אויפ'ן „סייד וואָק". די זאך איז געקומען אין „קאורט" און דער „דזשאדזש" האָט „דיס־מיסט די קיים".

ווער וועט דא טאדלען אדער קריטיקירען אזא לשון? אב־זאלוט קיינער ניט, סיידען אפשר אן אמעריקאנער, דערפאר וואס מען מישט איהם אריין אנדערע, אונפערשטענדליכע ווער־טער אין זיין ענגליש... די עמי הארצים פון די אידען אין רוס־לאנד וואלטען פון דער ע ר ש ט ע ר שטיקעל נייעס אויך ניט געלאכט. דער מארק רעדט אזוי, דאס איז דער בולבע־לשון, די פיש־מאַק שפראך. אבער יענע אידישע שרייבער האלטען ניט דעם מארק אלס מאסשטאב פאר זייערע ליטעראַרישע אר־בייטען. זיי לייגען צופיעל כבוד אויף דעם געשריעבענעם און געדרוקטען ווארט. זיי נעהמען נאָר אויף אין זייער אידיש הויי־כע, טעכנישע ווערטער, אין וועלכע אונזער לשון איז צו ארעם, זאנסט שטאלצירען זיי מיט זייער אייגענער וואָקאבולאר.

ווי לעכערליך, ווי סקאנדאליעז דאס איז צו שרייבען „באָי" אנשטאט אינגעל, „בוטשער" אנשטאט קצב, „טרייען" אנשטאט פרובירען, „ווידזשעס" אנשטאט שכירות, אדער לוין,

אדער געהאלט; „קאוט“ אנשטאט „ראק“. „ווינדא“ אנשטאט פענסטער, „סייד־וואָק“ אנשטאט טראָטואר, „רוף“ אנשטאט דאך, „קראוד“ אנשטאט אָנגעלאָף, „דזשאדזש“ אנשטאט ריכ־טער, „פריזאָן“ אנשטאט תפיסה, אדער פעסטונג א. ז. וו., א. ז. וו., א. ז. וו.

איך בין זיך מודה ומתודה אז איך בין אויך ניט אין גאנצען ריין פון די דאזיגע חטאים; דאס האָב איך איבער־הויפט געזינדיגט אין די ערשטע צייטען פון מין שאפען, יעצט היט איך מיך דערפאר ווי פאר פייער, איך האלט פאר אן עבירה צו שטעקען די הענד אין די קעשענעס פון א פרעמדע שפראך, האָבענדיג אייגענע עשירות.

דאס איז בנוגע די שפראך, די ערשטע און גרעסטע בעדינ־גונג פון א ליטעראטור; היינט וועגן דעם ווייטערן אויפבוי פון די שריי־בעריי גופא, אין וועלכע יעדער פאטשקון און חצוף שפרינגט אריין מיט זיינע שמוציגע לאפטשעס.

איך וויל ניט זאגען, אז רוסלאנד שוויבעלט און גריבעלט מיט אידישע גאונים; אז יעדער שרייבער, וואס קראצט אָן א 5 קאָפּיקענעס ביכעל איז שוין ווערטה מען זאל וועגען איהם ריידען און שרייבען און זיך גראבלען אין זיין צופראכנעטע נשמה, אפשר איז דארט „עפעס דא“, איך קען אבער ניט אוועקגעהן פון דעם גרויסען אמת, אז די ליטעראַרישע אטמאס־פערע איז דארט גאר ניט דער ערך זויבערער און געזינדער. עס פאדערט וואגנים צו פערגלייכען ז י י מיט א ו נ ז. און דער בעסטער נאמען פאר הפקר־שרייבעריי איז „אמעריקאניז־מוס“.

דער גייסטיגער הונגער

ביכער, טהעאטער און פובליקום.

עס איז שוין פיעל געשריעבען און גערעדט געווארען וועגען די גייסטיגע ערציהונג פון אונזערע קינדער אין אמערי־קא. אונצעהליגע ארטיקלען, אבהאנדלונגען און רעדעס זיינען געווידמעט געווארען צו די פערבעסערונג פון אונזערע תלמוד תורה'ס, חדרים, ישיבות און פערשיעדענע בילדונגס־אנשטאלטען פאר די יונגע.

אויב דאס אלעס האט עפעס געהאלפען אדער ניט איז א פראגע, שרייבער און רעדנער אבער האבען געטאן זייער פפליכט.

דאך וואס הערט זיך עפעס מיט די ערציהונג פון די קינ־דער'ס עלטערען — די גרויסע קינדער, די אידישע קינדער", וועלכע זיינען שוין בה"ש גאנצע מענשען? זיינען די אידישע „טאטעס" און „מאמעס" אונזערע, די נייע איינגעוואנדערטע „מיסטערס" און „מיסעסען" שוין גענוג געבילדעט און ערצויגען ווי עס געהערט צו זיין? דארפען מיר טאקע נאר רעדען וועגען די יונגוואַרג און ניט וועגען די עלטערע, אדער עס וואלט ניט געשאדט צו ווארפען א בליק אויף אונזערע „בעלי בתים" אום צו זעהען, וואו זיי האלטען ערגעץ אין דער וועלט?

דאס איז אבער נים אזא לייכטע שטיקעל ארבייט ווי מאנכע דענקען. ביי אזא מין איבערבליק שטעהט א שרייבער אין גרויס סכנות צו האבען א „פסק" פון זיינע לעזער. די אמע־ריקאנער אידישע שרייבער, אפילו די „ביהנע־דיכטער", האבען איינגעוואוינט דעם עולם צו חנופה, צו גלעטען איהם איבער'ן בעקעל און איהם דערצעהלען, אז ער איז א „צאצקע פון זיין ליעבען נאמען", ריין פון דעם קלענסטען פעהלעריל, ווי א מלאך, אז דער „פאלק ישראל" איז „כולו קודש", אז ער איז אן „עם הספר" און א „אתה בחרתנו" טאקע ווי אין פסוק שטעהט. מילא די אידישע ביהנע מיט איהרע מענשען האבען פיעלייכט געגוג אורזאכע צו שמייכלען דעם „ווערטהען פובלי־קום", רען די אידישע בעפעלקערונג פון ניו־יארק און פון אנ־דערע גרויסע שטעדט עפענען פאר זיי די בייטעל און זשאלע־ווען ניט קיין הונדערטע טויזענדער דאלארס, א אידישער שריי־בער אבער, א צייטונגס שרייבער, אדער דיכטער האט קיין שום גרונד צו חנפ'ענען די „בני משה"... דאס איז אין גרונט גענומען א שטיקעל גליק, רען זאנסט וואלטען אונזערע „איד־לאך" קיינמאל ניט געהערט קיין אמת ווארט און וואלטען גע־מיינט, אז זיי זיינען טאקע דאס, וואס די פאלקס פערפיהרער און שמייכלער זאגען.

יא, דענקענדיג וועגען די ערציהונג פון אונזערע ג ר ו י־ס ע, וועגען זייערע גייסטיגע שפייז, מיט וועלכע זיי ערנעה־רען זייער העכערען „איך" אין פרייערע מינוטען, מוז מען ווירק־ליך פערצווייפלען. דא איז ניט די רייד פון די, וואס קענען גוט די לאנדעס שפראכע און בעזיטצען א געוויסע פארציע אינטע־ליגענץ, דא איז אויך ניט די רייד פון אונזערע אידישע האכ־

שול און אוניווערזיטעט־בעזוכער, זאנדערן פון די אידישע אר־בייטער, פעדלער און סוחרים, וואס קענען נאר „אידיש“. עס איז א שרעק צו זעהען מיט וואס פאר א מין שטאף די גרויסע אידישע מאסע, קיין בעזע אויג זאל איהר ניט שאדען, פער־טרייבט איהר גייסטיגען חלשות.

פון די טעגליכע בלעטער, וואס זיינען געשאפען געווארען בלויז פאר ידיעות און אויגענבליקליכע פאסירונגען, איז שווער צו פערלאנגען א הויכע קלאסע ליטעראטור. די ארטיקלען, די ראמאנען און אלעס וואס קומט אריין אין דער טעגליכער פרע־סע איז צוגעמאסטען און צוגעפאסט ריכטיג צו די לעזער, עס איז ניט געלאזען דארט קיין ברעקעלע אויף אויסצואוואקסען... אלעס איז צוגעפיקסט „פאס מאאס“. ווען דארט פערוואלגערט זיך מאנכעסמאל עפעס א העכערע זאך, א טיעפערער געדאנק, א ערלערער רעיון, א רייכערער אויסדרוק, — איז דאס אוי־סער ארדנונג און א גרויסען חסרון.

ד י ענגלישע טעגליכע פרעסע איז נאך ערגער. א אידישע צייטונג איז דאך געצוואונגען פון צייט צו צייט צו געבען א ה ע כ ע ר ע זאך פיר איהרע ב ע ס ע ר ע לעזער, וועלכע זוכען אין דער צייטונג אלעס, ווייל מיר האבען ניט אין מאמע לשון קיין בעזונדערע ליטעראַרישע מאגאזינען אדער צייטשריפ־טען פון בעדייטונג און די, וואס מיר האבען, זיינען אדער קלייזעלדיגע, אדער דעמאגאגישע... ווערענד די ענגלישע טעג־ליכע פרעסע איז א איינפאכע „קוויק לאונטש קאנטער“, מען גיט א בים, א שלונג, און מען פליהט ווייטער. ווער עס וויל א ריכטיגען ליטעראטורישען מאלצייט זוכט ער דאס אין בע־ריהמטע צייטשריפטען און ביכער.

די אידישע טעגליכע פרעסע טהוט איהר פפליכט אויף ווי ווט עס איז איהר מעגליך, דאָך וואס הערט זיך ווייטער? וועלכע ביכער, אויסער שונד־ראמאנען, שמוציגע טהעאטער קופלעטען, סאציאליסטישע, אנארכיסטישע און ציוניסטישע בראשורקעס, דאָס הייסט, פראפאגאנדא ליטעראטור, זיינען ארויס פון דער היגער פרעסס?

מען קען דעם גאנצען מארק ב ע ס ע ר ע ביכלאך — וואס זיינען דא ערשיענען זייט די ערשטע אידישע איינוואנדע־רונג ביז היינט — איבערצעהלען אויף די פינגער פון איין האנד. אבער דא קומט דער גרויסער אונגליק. ווי קען א פערלע־גער ארויסגעבען אָרענטליכע ווערק, געשריעבען פון ערנסטע און בעגאבטע מענשען, געדרוקט און געבונדען אויף אן ארענטליכען אופן, ווען דעם העכסטען פרייז, וואס א איד וויל שוין כלומרשט יאָ צאָהלען פאר א בוך איז 25 אדער 30 סענט. א זשארגאן איד קען ממש „אויסגעהן" פאר א בוך, ווען ער זיך קוים „אָטוואזשען" ארויסצוגעהמען 50, 75 סענט אדער א דאלאר און בעצאהלען. אין בעסטען פאל, ווארט ער ביז א צייטונג וועט געבען א פרעמיע א בוך, דאן וועט ער כאפען א מציאה. ער וועט קריעגען א יאהר צייטונג און א בוך א צוליינ. אָט די פרעמיע־מגפה האָט בוכשטעבליך רואינירט דעם אידי־שען ביכער מארק, דער עולם קויפט ניט קיין נייעם בוך און ווארט ביז עפעס א טעגליכע, וועכענטליכע, אדער מאָנאטליכע בלאט וועט מאכען פון דעם נייעם בוך א פרעמיע. די פרעמיע־ביזנעס איז שוין אזוי לעבערליך איבערטריבען, אז עס האלט ממש דערביי, מען זאל צו א לוח צולייגען גאנץ ש"ס"...

דעם אָרעמסטען פערלעגער אדער בעל מלאכה, וועלכער האָט

פשוט ניט קיין דירה־געלד, קאָסט א דאלאר א חודש טהעאטער, צום וועניגסטענס, אבער א בוך וועט ער נעהמען אויף „איבער־צולייענען“ און וועט געבען א „ניקעל“. דא ליעגט דער גרויסער סוד פאר וואס די שרייבער זיינען אזוי אונגליקליך און די פער־לעגער גיעבען ארוים „היי מיט שטרוי“ פאר א „ניקעל“ א בינ־טעל...דעם טעאטער קען מען ניט נעהמען אויף „איבערצוקוקען“, אבער א בוך נעהמט מען אויף „איבערצולעזען“ און די שריי־בעריי איז אויף צרות און דער עולם איז — איך בעט איבער אייער כבוד — ניט אויפגעקלערט און קיים אימער און איי־ביג די זעלבע „שעצקע“.

עס וואלט קיין עולה ניט געווען ווען די מאסע וואלט גע־קריעגען איהר ערציהונג אין טהעאטער, אבער דארטען גע־פינט זי אויך די זעלבע יאכנע נאָר אנדערש פערשלייערט. דאס זיינען די זעלבע שונד ראָמאנען, די זעלבע טענדענץ בראָשור־קעס נאָר כלומרשט איינגעטהיילט אין אקטען. די פיעסען שוין זאָגאר די בעסטע פון די עשרה מכות זיינען לעער פון ליטעראַ־טור און קונסט, און פול מיט דרשות און צוגעפאסטע קיצלענעס פאר „משה'ן“.

דאָס איז ווי עס שטעהט דאָ יעצט מיט אונזער אידישער „ליטעראטור“ און אונזער „ווערטהען פובליקום“. עס איז מעהר קיין פראגע, אז מיר דארפען און מ ו ז ע ן נעהמען זארגען פאר די ערציהונג פון אונזערע „בעלי בתים“, כדי זיי זאלען קע־נען פערשטעהן די נויטיגקייט פון א גוטע ערציהונג פיר זייערע קינדער.

אויסגעשריבענע שרייבער

אויב עס איז פאראן אויף דער וועלט א מענש, וואס פער־דיענט מיטלייד, איז דאס דער „אויסגעשריבענער" שרייבער. און מיטלייד קומט איהם ניט אזוי פיעל דערפאר, וואס ער איז „א ו י ס ג ע ש ר י ע ב ע ן", נאר דער־פאר, וואס ער ש ר י י ב ט נ א ך און צייכענט נאך אונטער זיין אויסגעוועבטען נאמען.

א בעל מלאכה, למשל, א שוהסטער, א שניידער אדער א סטאָליאר אויף דער עלטער, ווען די אויגען דיענען ניט מעהר אזוי גוט, די הענד ציטערען און דער גאנצער מענש ריהרט זיך ניט אזוי פלינק און קאָכעדיג, — ארבייט ער ביי אַלטוואַרג, ער מאכט נאפראוועקעס, ער „פיקסט", פעררינכט, ליטעראטור אבער דארף ניט קיין לאטניק, זי האָט ניט קיין „אלטווארג" און דער אויסגעשריעבענער מאכט בלומרשט „נייע" זאכען מיט אלטע לעכער.

דאכט זיך א בלאנקע טינט־פאס, א פולע מיט טינט, א נייע פעדער, נייע פאפיער און דער שרייבער אליין איז נאך אויך ניט בלינד און ניט פאראליזירט און ניט צו אלט, ער עסט נאָך אפטמאָל מיט מעהר אפעטיט ווי פריהער, דאָך שעפט ער פון טינטער ניט מעהר ארויס קיין חדושים, און די קליינע, שטאָהלענע ממזרת מיט די שווארצע ליפעלאך — די פען, רעדט

עפעס „ניט דאס". דער שרייבער שטעלט אָן זיין ליטעראַרישען בויגען, אבער ער שיסט אָן א זייט. ער וויל זיין טיעף און פלויש־קעט זיך פון אויבען; ער וויל זיין שטארק און פאלט פון די פיס; ער וויל זיין וויציג און איז לעכערליך—ער איז אויסגעשריבען.

ער שרייבט, אבער ווען דאס ערשיינט פון דרוק פרעגט דעם עולם „וואס וויל ער?" מען קוועטשט מיט די פּלייצעס — „וואס דרייט ער א מח"? און אין אלגעמיין איז אויף איהם א גאָט'ס רחמנות. ער איז אן אויסגעשריעבענער שרייבער, ער האָט זיך ארויסגעגליטשט פון די לאָגיקע, זיין סטיל האָט פער־לאָרען דעם חן, זיינע געדאנקען זיינען מילביג און דאס ערגסטע פון אלץ — ער האָט ניט וואס צו זאגען.

ביי דעם שרייבער, וואס איז ניט אויסגעשריעבען, איז א שוואכע ראיה, אדער די אונמעגליכקייט צו האלטען אליין א פעדער אויך קיין פאלשטענדיגער אונגליק; ער קען זיינע גע־דאנקען און געפיהלען דיקטירען צו א צווייטען, יענער זאל זיי פאר איהם פערצייכענען. א דיכטער אדער א שריפטשטעלער, וואס ווערט אונפעהיג צו בענוצען זיין שרייב־געצייג, איז ניט ווי א מוזיקאנט, וואס קען ניט מעהר שפּיעלען אויף זיין אינ־סטרומענט, אדער א זינגער, ביי וועלכען די האלז ווערט קאליע. די לעצטע בלייבען טאקע אונבעהאלפען אויף אייביג, ווערענד דער ערשטער קען זיך העלפען.

די בעריהמטע פּיעדעל שפּיעלער פאגאניני, יאָהאכים אדער סאראזאטא האָבען ניט געקענט דיקטירען זייערע גע־פיהלען אדער טעכניק צו אן אנדער וויאלינִיסט, פונקט ווי דער „ווילנער בעל הבית'ל" אדער דער „גאלדענער פלאָקען" האָבען ניט געקענט דיקטירען זייערע א „זאָגאכטס", וואס פלעגט ביי

זיי געבארען ווערען, שטעהענדיג ביי'ם עמוד. דאָס האָט נאר גע־מוזט פליסען פון זייער נשמה דורך זייער אייגענע קעהל. זיי האָבען ניט געקענט ארויסזינגען דורך א צווייטענס האלז, ווי די שבינה האָט געקענט ארויסגערעדט ווערען דורך משה רבינו; ווי דאָניצעטי דורך די שטים־בענדער פון קארוסא און טעטרא־זיני, אדער ווי דער פריהלינג, דער וואלד און די ליעבע דורך די געגלייזטע האלז פון דער נאכטיגאל.

היינריך היינע, וויקטאר הוגאָ און הונדערטע אנדערע אונ־שטערבליכע דיכטער און דיינקער האָבען דיקטירט זייערע גרעס־טע ווערק צו איבערשרייבער. דאָס זעלביגע טהוט יעצט א טאָל־סטאָי, און נאך פערשיעדענע גדולים טהוען דאָס אייגענע. דער געניאלער מוזיקאנט, דער זינגער, וועלכער פערלירט די שטי־מע, צו די פינגער, האָט א פולע נשמה מיט הימעלשע טענער, נאר ער קען זיי ניט ארויסגעבען; דער אויסגעשריעבענער שריי־בער אבער האָט ניט וואָס ארויסצוגעבען. זיין נשמה איז טרוקען ווי א ביין.

ווען א שרייבער ווערט א „פלאָקען" מעג ער אפילו זיין א „גאלדענער" טויג ער אויך אויף כפרות. א סך פלעקער האָבען מיר ליידער אין די ניו־יארקער אידישע רעדאקציעס, און דער גרויסער אונגליק איז, וואס זיי זיינען נאר קיינמאָל אפילו גע־בען גאלד ניט געלעגען; נאָר אום צו טאן זיי א טובה זאגט מען, אז זיי זיינען „אויסגעשריבען"; אין אמת'ן האָבען זיי ניט אנ־געהויבען צו קענען. זיי זיינען קאליקעס געווען און קאליקעס פערבליבען. אויסגעשריבענע שרייבער זיינען כאטש עפּעס; זיי זיינען אפילו קיין „עפּעס" אויך ניט. מען דארף נאר אויפ־מישען זייערע אלטע חכמות, אום זיך באלד צו איבערצייגען, אז

זיי גודען און אויב מען האָט אמאָל געמיינט, אז מען דאַרף זיי לעזען, איז געלעגען די שולד אין די אונוויסענהייט פון עולם. יענע שרייבער זיינען געבליבען די זעלביגע, אבער די לעזער האָבען פּראָגרעסירט, נייע, פעהיגע ליטעראַטען האָבען אויס־געבילדעט דעם געשמאַק און בעשאַפען אַ מבינות, און דער זעלביגער לעזער קוקט יעצט דורך אַנדערע שפּאַקולען. נו, פרעגט זיך די גרויסע שאלה, אויב עס איז איבערהויפּט דאָ אזא זאַך ווי זיך אויסשרייבען? צו איז מעגליך אז אַ פעהיגער, פיה־לענדער, דיינקענדער שרייבער זאָל פּלוצלונג ניט האָבען וואָס צו זאגען, אדער ניט קענען זאגען וואָס ער וויל? איז דאָס מעג־ליך מען זאָל זיך אויסשרייבען?

דער תירוץ איז יאָ און ניין.

עס איז מעגליך אַ שרייבער זאָל פערפאַסען איין גוטעס ווערק און ניט מעהר, פּונקט ווי עס איז מעגליך אַ געזונדע פרוי זאָל אבלעבען מיט אַ מאַן פופציג יאהר און זאָל נאָר האָ־בען איין קינד. דאָס קינד איז געראַטהען, שען, קלוג און מיט אַלע מעלות, אַ ברכה פאַר דער מוטער און פאַר די מענשהייט. אבער מעהר האָט זי ניט.

עס זיינען פאַראַן זעלטענע ערשיינונגען אין דער וועלט־ליטעראַטור. עס געפינען זיך אזעלכע פּאָעטען, וואָס האָבען נאָר בעשאַפען איין פּאָעזיע, איין ערצעהלונג אדער איין דראַמאַ און זיינען געבליבען אונשטערבליך. מעהר האָבען זיי איבערהויפּט ניט געדיכטעט. פון דעם נביא עובדיה איז נאָר פערבליבען איין איינציגער קאַפּיטעל, דאָך וועט דער מחבר לעבען אזוי לאַנג ווי דער תנ״ך.

אָט אזעלכע שרייבער זיינען אויסגעשריעבען אין אַ גאַנץ

אנדער זין, זיי זיינען אויסגעשריעבען ווייל זיי שרייבען לחלוטין ניט מעהר. דער רחמנות איז דאן ניט אויף אזעלכע „אויסגע־שריעבענע“ שרייבער נאר אויף אונז, וועלכע קענען זיך מעהר מיט זייער גייסט ניט קוויקען. זיי זיינען ווי די זון וואס האט זיך בעוויעזען און איז פלוצלונג פערשוואונדען אין די וואלקען. די סיבה פון אזא ליטעראַרישעם ערשיינען און ניט ווערען קען מאנכעם מאל זיין א פסיכאלאגישע און מאנכעם מאל — א געזעלשאפטליכע. איך וויל וועגען דעם יעצט ניט ריידען.

א צווייטער זארט „אויסגעשריעבענע“ זיינען פאראן וועלכע, ווי איך האב פריהער געזאגט, זיינען קיינמאל נ י ט ג ו ט געוועזן און ג ר ו י ס געווים נ י ט. זיי האבען בלויז אויף א מינוט א ב ל י ש ץ געטאן. יא, א בלישץ געטאן, אבער ניט געשאינט. שאינען און בלישצען זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. פון וויטען האבען זיי אויסגעזעהן ווי עפעס, אבער פון נאה'נטען זיינען זיי געוועזן איינפאכע שטיקלאך גלאז. מאנכע קענען נאך אבער דער ערשטען אבנארענדען בלישץ ניט פער־געסען און מאנכע וויסען טאקע ניט דעם אונטערשיעד פון אן עדעלשטיין ביז א גלעזעל; פון א פערל ביז א פערל גריץ, און יענע געגנארטע, און נארענדע ליטעראַרישע „סריסים“ בלאזען זיך נאך אליץ, מאכען זיך א פוריע און ציהען זייער דערוויילינע „עהרע“ און עקזיסטענץ פון אמאליגע פאלשע, אונבעגרינדעטע, אונגערעכטע פרעטענזיעס. זיי נעהמען פראצענט פון א קרן, וואס איז בעשטאנען פון פאלשע אסיגנאציעס. ארעמע שטיק־לאך גלאז; אויסגעשריבענע שרייבער! עס איז א מיטלייד אויף זיי!

ביי די ברעגען פון ים

I

דאָס איז געווען איינער פון די הייסטע זומער טעג אויף וועלכען דער לוח אליין האָט שוין ניט געקענט קלוג ווערען. די זון האָט געוויעזען, אז זי קען ניט נאר לייכטען, נאר ברענען אויך, זי האָט ממש געצונדען די וועלט. פלאמען זיינען געפאלען פון הימעל און האָבען זיך צומישט מיט די פערשטיקטע חמימה־לופט פון די ניו־יארקער דומפּפע, לוימענע וואוין־קאסטענס, און געפּייניגט די מענשען.

אפילו דער שאטען פון מאנכען פער־יתום'טען, איבעריגען בוים האָט זיך ניט געהאט וואוהין צו טאָן, וואו זיך צו בעהאל־טען פון די אונדערבארמדיגע ליכטיגקייט, וואס האָט געשאסען פון דער לופטען דורך קאנאָנען פון פייער.

אט אין אזא מין גיהנום־טאָג בין איך ארויסגעפאהרען בע־זוכען דעם ברעג ים אין ראקאוויי ביטש, און פון דארט — דעם ברעג פון אווערען, וואו עס „אויר'ט" מיט פארפומירטע גבירים, וואס האָבען נאך מיט עטליכע יאהר צוריק „געשמעקט" מיט מינסק, קאלווארע, קאוונא, סובאלק, ווילנא, לעמבערג, יאסי, און שיף...

דער ים איז אפילו ביי מיר ניט קיין נייעס. ניט נאר קען איך זיין ברעג, נאָר אפילו זיין מיטען אויך; זיינע ווילדע, שטירמישע כוואליעס ווארפען מיך שטענדיג איינע צו די אנדערע; זיי רוישען א ר ו ם מיר און א י ב ע ר מיר, אבער זיי קיהלען מיך ניט אב... זיי מאכען מיך נאָך הייסער; זיי היצען נאָך מעהר מיין בלוט...

דאס איז דער ים פון צרות.

ביי זיין ברעג איז ניטאָ קיין „סי סייד""; קיין פּלאץ פאר פּלעזשור זוכער; קיין לוקסעריעזע האָטעלען; קיין לוסטיגע נקבות און קיין אווערען פאר בעגולטע הולטאיעס.

די בעשרייבונג פון יענעם ים, אויף וועלכען איך געפין זיך שטענדיג, איז ניט אינטערעסאנט פאר יעדען לעזער און איך האָב מיך געלאזען צו ד ע ם ברעג ים, וואו דער עולם געהט, וואו די מאסען באדען זיך...

איך בין ניט געפאהרען זיך באדען, דען כאָטש איך קען זיין א שיפס־קאפיטאן אויף א'ן אנדער ים, קען איך ניט זיין קיין איינפאכער מאטראז אויף דעם ים פון וואסער, איך קען דארט ניט שווימען און פערטראָג ניט קיין קעלט.

צו זעהן ווי די מ ע נ ש ע ן שווימען איז געווען מיין פערלאנג; צו בעטראכטען ווי א וועלט פּליושקעט זיך ביי דעם פלאכען זוים פון אָקעאן. איך קען אין פלאכקייט קיין פּלעזשור ניט געפינען, איך האָב פיינד צו זיין אין ים און שטעהן אויף דר'ערד זיך האלטענדיג אן א שטריק... איך קען ניט זיין ביז די קניע אין א ים, וואס האָט א קעסעל־גרוב... איך שעהם זיך...

בין איך, הייסט דאס, געפאהרען נאָך ראקאוויי ביטש. אין א פּראָסטען פרייטאג בין איך געפאהרען, ווען די קארס און די

וואגאנען זיינען ניט אזוי געפאקט מיט פאהרער ווי א שבת אדער א זונטאג, ווען מען שפארט זיך און שלאגט זיך פאר א ביינקעל. איך וויל שטענדיג האָבען א פרייען שטוהל פון וועלכען איך זאל קיינעם ניט דארפען אראבווארפען, און וועלכען קיינער זאל ניט קענען פערנעהמען...

שונאים זיינען מיר אומזיסט חושד, אז איך קען זיך „שטופען“, זיי זיינען, במחילה, גרויסע עזעל, פערשטעהן ניט, אדער זיי האָבען סתם א טעות. ווען זיי זעהען מיך אפט אויבען־אָן, בין איך דארט ניט ארויף צוליעב מיינע עהלענבויגענס, איך בין דארט גיכער ארויפגעפלויגען איידער זיך ארויפגעשטופט... געפאקטע ערטער, איבערפילט מיט חאָפטעס זיינען ניט פאר מיר. איך קען ניט פערטראגען קיין ענגשאפט און דריקענים אין לעבען, פונקט ווי אין דער ליטעראטור.

דאך ניט שטענדיג פאסירט דאס ווי דער מענש וויל, און די אייזענבאהן איז גראד געווען אזוי פול מיט מענשען, אז איך און מיין בעגלייטער האָבען קוים, קוים געכאפט צו האלבען זיץ. די וואס זיינען געקומען שפעטער האָבען שוין געמוזט שטעהן און זיך אנהאלטען אן דעם טראָסט'ס פסול'ע רצועות...

ניט אלע פאסאזשירען אבער, וואס זיינען געשטאנען, זיינען געווען אזעלכע, וואס קענען בעשטעהן דאס צו טאָן. ניט אלע זיינען געפאהרען פאר פלעזשור, מאנכע האָט געטריעבען די נויט און מאנכע זיינען געפאהרען, ווייל זיי האָבען דוקא דאס מאָל געהאט די געלעגענהייט דערצו.

צווישען די רונדיגע, ביער־פעסעלדיגע „בעלי בתים“ און אויסגעפוצטע, פערפודערטע בעלי בית'טעס אין טייערע, זיידענע קליידער און בריליאנטען, זיינען געזעסען דארע, טויט־בליי־

כע אידישע ארבייטער אין דורכגעשוויצטע בלוזעס. זיי האָבען געוווים דעם טאג ניט געהאט קיין ארבייט און די „שאָפּ“ האָט זיי ערלויבט עטליכע שטונדען „פערגעניגען“ אויף דעם חשבון פון זייער ארבייטס־לוין.

אָרעמע, אויסגעמאגערטע פרויען פון די טענעמענט הייזער, מיט פער'חלש'טע עופה'לאך ביי דער ברוסט און ביי דער זייט, זיינען געשטאנען און פשוט געפאַלען פון די פיס, אבער די אבגעפרעסענע, רויט־קארקיגע, פרעך־פּנים'דיגע און הויך לאכעדיגע פלעזשורניקעס האָבען זיך ניט אויפגעהויבען, געבען די עלענדע א'ן אָרט.

די אייזענבאהן, וואס האט אנגעהויבען איהר מארשרוט ביי דעם דעלענסי סטריט בריק אונטער דר'ערד, איז באלד געוועזן פון אויבען. זי האָט זיך געטראגען איבער וויליאמסבורג ווי א „שווארץ יאהר“. אין אמעריקא געהט דאס אבער שנעל ארויף און אראָב. און מיר זיינען ווי דורך א כשוף פּלוצלונג ווידער געוועזן אונטען.

מיר זיינען געקומען אין לאנג איילאנד.

הילצערנע איין־פאמיליע הייזער, גערטנער, בוימער, בלומען; העהנער קרייען, יונגע הינדעלאך געהען ארום צווישען די גראָז און פיקען, א ציעג גריזשעט די קאָרע פון א יונגע בעריאָזקע, און שאָקעלט צופריעדען מיט איהר שפּיציג, מלמד'יש בערדעל, פרויען אין זון־טשעפּעקעס בעארבייטען זייערע פעלדער, געזונדע קינדער ווי די „מוציקעס“ קלייבען בלומען, שפּיעלען זיך אין פערדלאך און זינגען.

די באהן פליהט, מיר זיינען שוין ביי „דזשעמייקא בעי“. די לופט ווערט נאך פרייער. א יונג, פּייכט וואסער־וויכ־

טעל וועהט, ער שמייסט אין פּנים, אבער ער קיהלט ניט. ער איז מעהר פּארע ווי ווינד, ער איז הייס, ער מאכט נאָך ווארע־מער, ער זעצט אומזיסט אין געזיכט, מאטערט אָן די באקען, אבער ער ערפרישט זיי ניט. עס דאכט זיך, אז די גרויסע וואַסער־שטרעקע איז אויפגעקאכט, אז די פיש, וואס שווימען דארט ארום, זיינען געקאכטע און אפשר געפילטע אויך. עס איז דאָך ערב שבת...

די „בעי" שאינט אין גאנצען ווי אנגעגאסען מיט צושמאָל־צענע זילבער. א רעכטע שטיק פון ברעג שטעהן פערצאנקערט קליינע פלעזשור־שיפלאך, און א ביסעל ווייטער אויף'ן וואסער זיינען פישער בעשעפטיגט ביי זייערע נעצען.

— איהר ווייסט, וואס זיי טהוען? — האָט מיך געפרעגט דער יונגער מאן, וואס האָט מיך בעגלייט.

— זיי כאפּען פיש, — האָב איך איהם געזאגט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, — זיי כאפּען אָיסטערס.

מיר האָט דאן אמת פערדראסען, וואס איך בין ניט קיין רעפארמירטער רב און קען זיך מיט די אָיסטערס ניט „אנ־פרייען"... איך האָב מעהר געקוואלען מיט דעם געדאנק פון די געפילטע פיש און עפּעס ווי ניט ווישענדיג, וואס איך טהו, האָב איך מיר אנגעהויבען שטילערהייד צו זינגען „יה רבון עלם ועלמיה"...

צוּוואוארפען ביי די ברעגעס פון די שטילע, חן־עוודיגע בוכטע זיינען געלעגען אלטע צובראכענע און צופוילטע שיפלאך, וואס האָבען אבגעדיענט זייער צייט און ליעגען יעצט עלענד און פערלאזען אויף דעם טרוקענעם זאמדיגען באָרטען.

ווי שען זיי האָבען זיך אמאל געגליצט איבער די וועלען,

די דאזיגע שיפלאך, טראגענדיג אין זייער שוים לוסטיגע יונגע לייט, פרייליכע בחורים און זים־לאכענדע מיידלאך! וויפיעל הייליגע ליעבעס סודות זיי האבען דאס פערנומען פון זייערע טרוימענדע פאסאזשירען! זיי זיינען, דאכט זיך, געווען א טייל פון דעם שמייכלענדען וואסער. ווי קען מען דען פערשטעהן די פולע טיעפקייט און שענקייט פון „דזשמייקא בעי" אהן דיעזע קליינע, שווימענדע, הילצערנע נקודות? דאך זיי האבען זיך אויסגעניצט, די בוכטע האט אויסגעזויגען זייער מארך און האט זיי אויסגעשפייט.

עס האט מיר פערקלעהמט דאס הארץ און איך האב א קוק געטאן אויף די אויסגעצעהרטע, מאגערע ארבייטער אנטקעגען מיר:

וועלען זיי באלד ניט ליעגען ארויסגעווארפען ביים האפען פון לעבען? וועלען זיי זיך נאך קענען לאנג האלטען אויפ'ן „וואסער"? וועלען זיי ניט באלד מאכען פלאץ פאר נייע שיפלאך צו פיהרען פלעזשור זוכער? וועלען זיי ניט אין גיכען זיין ארויסגעשפייט אויף א איינזאמען, עלענדען ברעג און זיך וואלגערען אין פערגעסענהייט? וועלען מיר אלע ניט זיין אמאל צובראכענע פלעזשור־שיפלאך ביי א שטומען אופער פון א טיעפע בוכטע?..

— ראקאווי ביטש, — האט מיין פריינד געזאגט.

איך האב פערגעסען אלע אומזיסטע קשיות, און האב אויסגעשטיגען.

דאס איז דאס צווייטע מאל אין מיין לעבען, וואס איך בין געווען אין ראקאווי: איין מאל מיט א זיעבען און צוואנציג יאהר צוריק, באלד ווי איך בין געקומען פון ליטא, איך האב נאך

דאן ניט פערשטאנען וואס „פּלעזשור“ מיינט... און דעם יעצ־טיגען מאָל, ווען איך וויים, וואס דאס מיינט, נאר איך האָב דאס נאָך ניט געגאסען. ווען מיר איז בעסער געווען איז ניט לייכט צו בעשטימען; איך האָב מורא אז דעמאלט...

בעשעהרט געווען אבער, אז מיין נסיעה זאל זיין פערבונ־דען מיט סכנת נפשות; ווען איך דערמאָהן מיך, שוידער איך אזש אויף.

אט וואס עס האָט פּאסירט:

אויסשטייגענדיג פון באהן איז מיין בעגלייטער געגאנגען מיט מיר דיענגען א דראָשקע, וואס זאל אונז פיהרען דורך גאנץ ראקאוויי און פון דאָרט, נאָך אווערען, און אונז ווייזען אלץ, וואס איז ווערטה א קוק. אזוי ווי איך וויל ניט פיעל איינ׳־טענה׳ען מיט „בעלי עגלות“, האָב איך איבערגעגעבען דאס שטי־קעל ארבייט צו מיין פריינד, וועלכער איז נאָך יונג און האָט נאָך ניט געהאט קיין אונאנגענעהמע ערפאהרונג מיט „סמאָרא וואָזעס“...

ער האָט זיך בעדונגען, מיר האָבען זיך אריינגעזעצט און זיינען געפאהרען. דער פוהרמאן האָט אונז געפיהרט דורך דער הויפּט גאס, דורך דעם „בולווארד“. די זייטען גאסען בעשטעהן מעהרסטענס פון „לאָזשינג“ הייזער, פּריוואט ווילאס און סתם הייזער, וואו מען וואוינט דעם גאנצען יאהר, זומער און ווינ־טער, אבער דער בולווארד אין כ ו ל ו ביזנעס. אזוי ווי דאס איז געווען א וואכענטאג זיינען ניט געווען צופיעל בעזוכער, אבער דאך האָט דער בולווארד געקישעט מיט מענשען, וועלכע די היץ האָט פון ניו יארק און ברוקלין ארויסגעיאגט מיט גוואלד. פּלוצלונג האָט זיך די דראָשקע פערקערעוועט אָן א זייט

און דער פערד, וואס איז די גאנצע צייט געגאנגען ווי א סטאַ־טיק, מיט א שטילען בעל הבית'ישען גאנג, האָט מיט איין מאָל געקריגען התפעלות און האָט דערלאַנגט, ווי א עכטער דעקאַ־דענט, א פאהר ארויף אויף א גאס־לאנטערנע. די דראָש־קע האָט זיך האסטיג א דרעה געטאָן אָן א זייט, איך בין ארויסגעפאלען מיט איין פוס דערויסען און אויף מיר — מיין פריינד. דער פערד האָט גענומען בריקעווען א צושראָקענער אי־בער דעם טראטואר ווי משוגע. דער טרייבער האָט איהם קוים אבגעשטעלט.

מען האָט גענזעהן בעשיינבארליך, אז זכות אבות האָבען אבגעהאלטען דעם פערד, דען זאנסט וואלט ער אונז אפשר פאר גרוים בעגייסטערונג ארייגעפיהרט אין ים אריין, אדער גאָר אין גן עדן...

— וואס איז געשעהן מיט דיין פערד? — האָב איך גע־פרעגט דעם פערמאטערטען, סאָפּעדיגען טרייבער, וועלכער איז געזעסען אויפ'ן קעלנע כמעט אהן א'ן אטהעם — מיר טרעפט עס דאס ערשטע מאָל, האָב איך איהם געזאגט, א פערד זאָל מיך אראָבפיהרען פון וועג...

דער גוי האָט זיך איבערגע'צלם'ט און ערקלערט, דאס זיין פערד האָט נאָך חלילה קיינעם פון וועג ניט אראבגעפיהרט, הלואי ווייטער; אז מען קען איהם אין אזא זאך ניט חושד זיין; אז זיין פערד איז א פערד אויף וועלכען מען מעג זיך פערלאזען; אז פון אלע „פערד" וואס געפינען זיך אין ראקאווי איז ער דער אנשטענדיגסטער... נאר דאָ האָט סתם געטראָפען א סיבה: דער פערד איז א'ן אפּפער פון א פליעג: א גרויסע פליעג האָט איהם

א בים געטאן, האָט ער זיך דערשראָקען און גענומען לויפען אויס'ן הויט.

איך האָב אויסגעהערט די ערקלערונג גאנץ אויפמערקזאם און האָב אַ טראכט געטאָן: מען דארף זיין א פערד זיך צו שרע־קען פאר א פליעג... זעהענדיג ווי ווייניג מען קען זיך פערלאזען אויף א פערד איז מיר אויפגעגאנגען די פראגע, צו וואלט ניט געלוינט בעסער צו פאהרען מיט א'ן אטאָמאָביל? א'ן אטאמא־ביל שרעקט זיך ניט פאר א פליעג. איך האָב זיך אבער באלד דערמאָהנט, אז איך האָב נאָך ניט געשריעבען מיין צוואה...

נאָך דער ערנסטער פאסירונג האָבען מיר זיך ווידער ארויפגעלאזט אויף דעם בולווארד. מיר זיינען פערבייגעפאהרען דעם לאגער פון די זומער קווארטיראנטען, וועלכע וואוינען אין „סוכות". דאס איז א קליינע לייווענטענע שטעדטיל; א מין ציי־גיינער־„קעמפ", נאר ניט אזא פרייער. ציגיינער צאָהלען ניט קיין דירה־געלד און האָבען נאָך דעם פערגעניגען אימיצען צו בע'גנב'ענען, דאָ אבער מוז מען צאָהלען רענט פאר'ן ליעגען אין דרויסען.

די געשעפטען אין ראקאוויי זיינען א גרויסער פראצענט אידישע. די שילדען זיינען „גאָלד" און „זילבער", „שטיין" און „ביין", „שטאָהל" און „אייזען", „צין" און „קופער", „געל" און „גרין", „זייד" און „סאמעט", „קליין" און „גרויס", „פייער" און „וואסער"...

— זעהט נאר — האָט מיין יונגער בעגלייטער זיך צו מיר געווענדעט מיט א וואונדער, — אזוי פיעל אידען, קיין עין הרע, און מען זעהט ניט קיין איין פענסטער מיט א „בשר כשר"? ווי קומט דאס?

איך האָב איהם געוואָלט זאָגען, אז דער ים האָט דאָס אראבגעוואשען... נאר מיט איין מאָל האָבען זיך בעוויזען דריי „בשר כשר'ס" איינע נאָך די אנדערע. איך האָב גלייך דער־זעהן, אז אפילו די מעכטיגסטע כוואליעס פון ראקאווי ביטש קענען ניט אבשוויינקען די כשרות ביי אידען... אמת, נעבען דעם „בשר כשר" איז ניט געשטאנען אויסגעמאלעוועט דער געוואוינליכער געלער אידישער האָהן מיט די קאָזאצקע שפּאָ־רען. דאס האָט געוויעזען, אז דער „כשר" איז דאָ ניט אזא „האָהן" ווי אין העסטער סטריט, למשל, אז אין ראקאווי איז די העהנערשע אידישקייט ניט פון אויבען, כאטש דארט געפינען זיך ביז זעקס טויזענד שטענדיגע אידישע איינוואהנער מיט צוויי פּרעכטיגע שוהלען, אדער ע ר ג ע ר געזאגט, „טעמפּ־לען, — איינער אין ראקאווי און איינער — העט, העט, אין אווערען.

II

אין אווערען

אזוי ווי מען זאל איינעם צובינדען די אויגען אין סלא־באדקע און זיי פלוצלונג אויפבינדען אין פאריז, וואלט ער צו־מישט געווארען פאר איבערראשונג, אזוי בין איך ערשטווינט געווארען ביי מיין האסטיגען אריינקומען פון ראקאוויי נאך אווערען.

מען פאהרט נאך, דאכט זיך, אויף דעם זעלביגען בולווארד. די זעלביגע גאס און דאך א נייע וועלט, א'ן אנדער וועלט, א גאנץ אנדער בולווארד. די קאר־רעלצען זיינען פלוצלונג אבגע־האקט; דער ברוק פערלירט זיין גראבען, באכמאטנעס, וואכעדי־גען אויסזעהן. קיין גרויסע שטיינער מעהר, קיין גערויש, קיין גע־שריי ווי ביי יעקב אבינו צו קאפענס...דא איז אווערן, דא באדט מען זיך אין צוויי ים'ן: אין דעם ים אוקיאנוס און אין דעם ים פון לוקסוס. דא איז מען „נערוועז", מען קען דעם געשריי פון די גאסען ניט פערטראגען. א סך פון די עלעגאנטע דאמען און הערען פון אווערען האבען זיך שוין אנגעהערט גענוג געשרייען אין זייער לעבען, ווען זיי האבן אמאל געפעדעלט מיט באב, רעטאך, בלעך און אלטע הויזען אין העסטער סטריט און לוד־לאו סטריט. איצט ווילען זיי זאל זיין שא. דער בולווארד איז דערפאר געמאכט מיט גרויס דרך ארץ, אויסגעפלאסטערט מיט

קליינע שטיינדלאך און פיטשינקע ציגעלאך, א מין „מאזאאיק“, תאר די איבערגעניצעוועטע מאוזעס׳ען פון ברעג ים.

די הייזער זיינען פאלאצען ארומגערינגעלט מיט לוסט־גערטנער. דער האָטעל מארזשעסטיק און דער אווערען האָטעל זיינען טעמפלען פון פערגעניגען, וואו עס שוימט א ים פון שאמ־פאניער צווישען א ים פון בלומען און בריליאנטען. אָטאָמאָבילס און עקיפאזשען טומלען זיך ווי א כשוף, די שפראך איז ענגליש און נאר ענגליש, שלעכטע ענגליש, פאר אידיש ווארפט מען דארט ארויס פון חברה. דאס איז א׳ן אמת, ניט קיין מעשה. מען האָט זיך דערוואוסט, אז א געוועזענער איסט בראדווייער קרע־מער האָט דארט גערעדט מיט איינעם אידיש אויפ׳ן גאס, האָט מען אבגעזאגט זיין זוהן דעם שידוך און דער יונגער מאן האָט א וואך נאָכאנאנד ניט געהאט מיט וועמען צו שפיעלען אין קאָרטען...

אווערען ווערט קיינמאָל ניט בעלעסטיגט פון איינפאכען פאלק, וואס פאהרט „כאפען לופט“, צו אביסעל ליעבע און האָ־בען „פאָן“ אין ראקאוויי, אדער אין דעם קאכעדיגען קוני איי־לענד. אין אווערען זיינען ניטאָ קיין שפיעל־קאסטענס, קיין „סטיפעל טשיים“, קיין ביידלאך מיט „מכשפות“, וואס „לעזען“ אויף די הענד און קיין „מזל׳דיגער ראָד“, ארויסצודרייען דעם גליק, אדער אנדערע סאָרטען „צאצקעס“ צו בעשווינדלען נא־איווע מענשען.

אין אווערען זיינען דא אנדערע צאצקעס. דארט האָט מען שוין „אָנגעדרייט“ פון פריהער... אדער מען „דרייט“ נאָך ערגעץ אין בראדוויי, וואָקער סטריט, בליקער סטריט, ליספענארד סטריט און אנדערע סטריטען און סטריטלאך.

אין אווערען „לעזט" מען ניט אויף די הענד; דארט לעזט מען איבערהויפט ניט... יענע חברה פערשטעהען נאר ווי צו מא־טערען „הענד" און מאנכער פערשטעהט זיך אויף די פינגער...

גרוים איז אווערען ניט. מיר זיינען דורכגעפאהרען דעם מקום אין א קורצע צייט. איבער די טראטוארען האבען גערוישט זיידענע ספאדניעצעס און וואו דער בליק איז געפאלען האט דאס געבליצט, געשימערט און געלויכטען מיט שרייעדיגע עשירות, וואס איז פריקרע און פרעך צוזאמען. עס האט מיר צוגעשלאגען א ניט־גוטקייט צום הארצען, פונקט ווי איך וואלט זיך אנגעגעסען מיט ציראפ...

האבענדיג געזעהן די צוויי וועלטען אויף דער וועלט; הא־בענדיג בעטראכט דעם אמת'ן פערגעניגען און זיין פאראדי, זיינען מיר ווידער צוגעפאהרען ביז ראקאווי און האבען פער־לאזען די דראשקע. איך האב נאך אמאל א קוק געטאן אויף דעם נארישען פערד, וואס האט געוואלט אויספראבירען מיין אונ־שטערבליכקייט, און האב אנגעהויבען געהן צו פוס.

איך האב זיך געלאזען צום ים, וואו די מענשען באדען זיך.

די היץ איז שטארקער געווארען פון שעה. איבער די גאסען האבען זיך געטומעלט בארוועסע „לצים" און לייכטבעשוהכטע פרויען און מיידלאך אין באד־קאסטיומען, זיי זיינען געגאנגען צ ו ם וואסער און פ ו ן וואסער. אין די זייטען־געסלאך האט דאס אויסגעזעהן זעהר „היימיש": צושפילעטע ווייבער אין שייטלאך און אהן שייטלאך זיינען געזעסען אויף די ווע־ראנדעס פון די לאזשינג־הייזער און געשלונגען די געזאלצענע ים־לופט, וואס האט זיך געטראגען אין דער הויך.

א אידישער קצב איז געשטאנען אין טהיר פון זיין יאטקע

און געפליקט א הוהן. אויב „שטעהן אין גוטע פעדערן" איז א סימן פון גליק, איז דער קצב פון ראקאוויי געווען א מיליאנער, דען ער איז געשטאנען אין פעדערן פון קאפּ ביז די פיס, מען האָט קוים ארויסגעזעהן די יארמולקע. די הוהן איז שוין געווען מוטער נאקעט, אבער דער קצב האָט איהר ניט פיעל געהאָלפען דערמיט, וואס ער האָט איהר אויסגעטאָן די העמד אין דער גוואלדיגער חמימה, זי איז שוין געווען אַ פערקיהלטע סיי ווי סיי.

איך האָב זיך מיט מיין פריינד דורכגעדרייט א זייט־געסעל און בין צוגעגאנגען צום ים. דאָס הארץ איז מיר אויפגעוואקסען און די אויגען האָבען אויפגעפלאמט. איך האָב ליעב דעם ים. איך ליעב אלץ וואס איז גרויס, טיעף און אייביג. היינע האָט געבעטען, ווען ער וועט שטארבען זאל מען איהם אריינווארפען אין ים, אזוי שטארק האָט ער איהם געליעבט. געוועהנליך וואלט אונז דאן געפעהלט א קבר, דערפאר אבער וואלט היינע דעם ים טיעפער געמאכט; שעהנער און אייביגער... איך קען זיך מיט אזא זאך ניט בעריהמען. איך וואלט אין ים מגולגל געווארען ביי דעם לויתן אין מאָגען און שפּעטער — אין א שלוש־סעודות פאר צדיקים. דאס וואלט נאך אויך ניט אזוי שלעכט געווען. איך וואלט אפשר אויף אזא אופן געקענט גיכער אריינקומען אין גן־עדן, אבער דאס וואלט ערשט געשעהן ווען משיח וועט קו־מען...

דער ים האָט געבריקעט און געשטופּט דעם ברעג פּונקט ווי ער וואלט וועלען אוועקשטויסען די ערד, אבער די שטארקע, מעכטיגע כוואליעס האָבען מיך ניט אוועקגעשטופּט נאר געצוי־גען. איך בין צוגעגאנגען ביז צו זיין נאסען זוים. דער גאנצער

בערג, ווי ווייט דאס אויג האָט נאָר געקענט אבמעסטען, איז געווען שווארץ פון מענשען, מענער, פרויען און קינדער. אנדע־רע האָבען זיך געבאדען אין וואסער און אנדערע — אין דעם זילבער־קלאָהרען זאמד פון די ברעגען.

איין קאמישע סצענע האָב איך דארט געזעהן, וואס האָט מיך געמאכט לאכען און מיר שיינט, דאס ווען איך וועל מיך נאָר אן דעם דערמאָהנטען, וועל איך מוזען א שמייכעל טאָן. די זאך דערפון איז די: איינער פון די, וואָס האָבען זיך געבאדען, האָט געהאט מיט זיך א פאר גרויסע הינד. זיי זיינען געשטאנען און געקוקט אויפ'ן וואסער און יעדעס מאָל, וואס א ריעזיגע כוואליע האָט א פראסק געטאָן דעם ברעג, האָבען די הינד גע־נומען בילען. זיי האָבען געבולען אויפ'ן ים. דערפאר, וואס ער טשעפּעט זייער בעל הבית... איין הונד איז געווען אזא חצוף, אז ער האָט גענומען לויפען מיט אויסגעשטעלטע ציין א בים צו טהאָן דעם אָקעאן, ער האָט אבער געקראגען א קלאפּ מיט א וועלל איבער'ן מוח און איז פערזונקען א צומישטער אין א צומ־שוימטען בארג. באלד האָט דאס איהם דערלאנגט א הויב אין דער הויך און א שמעטער אן ברעג, אז ער האָט זיך דריי מאָל איבערגעקעהרט סקאוואטשענדיג.

דאך א הונד בלייבט א הונד: קוים האָט ער זיך אביסעל אבגעטריקענט, האָט ער ווידער געבולען...

דאס בילד, וואס האָט מיך צום שטארקסטען פּעראינטע־רעסירט איז געווען דאס פּלעצליכע ערשיינען פון א קליין שי־פעל פול בעזעצט מיט יונגע לייט, מענער און פרויען, וואס האָט זיך ארויפגעלאזט אויפ'ן וואסער.

די וועללען, זיך יאָגענדיג מיט א גבורה צום ברעג, האָבען

דאס שיפעל אלץ צוריק געפּאטשט, אבער די וועסעלס אינוויינ־
האָבען גערודערט מיט עקשנות און זיך געריסען ווייטער. איין
בייזע וועלל אדער גאר א שטיפערקע, האָט זיך א ווארף געטאָן
אין דער לופטען ווי אן אקראָבאט, דערלאנגענדיג א שאָס ארויף
די הארטנעקיגע מולטער מיט די לעבעדיגע פּארפעל א סטאיע
אין דער הויך.

עס האָט זיך געדאכט, אט שיטען זיי זיך אויס און ווערען
נעלם. דאן האָט זיך דער וואסערדיגער קאמעדיאנט איבערגעקור־
ליעט, און ווידער א כאפּ געטאָהן זיין שפּיעלכעל און עס א
ווארף געטאָהן צו א צווייטע וועלל, וואס האָט דאס אוועקגע־
ווארפען ווי מען ווארפט אוועק אן אונריינע זאך; זי האָט זיך
געברידעט דאס צו האלטען...

— זיי וועלען נאך אומקומען — האָב איך געזאגט צו מיין
בעגלייטער.

— זיי קענען מן הסתם גוט שווימען, — האָט ער מיר
געענטפערט.

— מיין פריינד, — האָב איך איהם ערקלערט, — דאס
זיינען שטענדיג די ג ו ט ע שווימער, וואס ווערען דערטרונ־
קען אם מעהרסטען... זיי ריזיקירען א סך, זיי שטעלען איין דעם
לעבען. ביים פלאכען ברעג איז קיין סכנה ניט פאראן, ווער
עס שווימט ניט איבער די טיעפענים, דער דערטרינקט זיך ניט...

III

טיעף געגוג...

ניט אַפּט האָט אַ אידישער שרייבער די גוטע געלעגענ־הייט צו זיצען ביים ברעג ים און בעטראכטען דעם ווילדען שפּיעל פון זיינע וועללען. אזוי זעלטען קומט איהם אוים צו גע־ניסען דעם דאזיגען פערגניגען, דאס ווען ער זעהט און בע־שרייבט שוין יא אמאָל דעם ים, גלויבט מען איהם אויך ניט; מען זאגט, אז ער האָט דאס אויסגעטראכט, אדער נאכגע־שריעבען.

איך געדיינק, ווי א דייטשער איד, א געבילדעטער און א חכם, פון פילאדעלפיא, האָט אמאָל געלעזען מיין געדיכט „אויפ'ן בוזים פון ים" און האָט זיך געוואונדערט; געלעזען און געהויבען די אקסעל. מיר איז די זאך „אריין אין נאָז". איך האָב פערשטאנען, אז דאָ מוז דעם „דאטש" זיין עפּעס ניט גלאַט.

— וואס וואונדערן זי זיך, הערר? — האָב איך געפרעגט מיין לעזער אויף צוקאליעטשעטע טייטש?

— יא, האָט ער מיר ערנסט געענטפערט, וואָ האבען זי געזעהען איין מעער? זי זינד דאָך איין ליטוואק! ס'איז צוואר גוט, יא, זעהר גוט, אבער ווי געזאגט, וואָ האבען זי עס גענאָ־מען? וואָ גיעבט'ס דען איין מעער אין ליטאו?

איך האָב זיך שיער אויסגעבראָכען די צייהנער, הערענדיג דעם דייטשען אידענס וואונדערבארע דייטשע קשיא.

איך האָב איהם אבער ניט געוואָלט איבערשפּארען.

מיט א דייטשען אידען מוז מען זיין העפליך. איך האָב איהם צוגעגעבען, אז ער האָט רעכט. „די ליטוואקעס", האָב איך איהם געזאגט, „קומען טאקע נאָך אמעריקא מיט דער יבשה, נאר איך בין צופעליג געפלויגען פון האמבורג נאָך ניו־יארק מיט א לופט באלאָן. דאָרט איז גראד געזעסען מיט מיר א באירישער איד, האָט ער דאָס מיר דערצעהלט, אז עס איז דאָ א ים און ווי ער זעהט אויס".

דער חכם האָט מיך אויסגעהערט און הלאב בייזלאָך, האלב שמייכלענדיג געזאגט:

— נון... יא...

וואס דער דאזיגער „נון, יא" האָט בעדייט ווייס איך אויף היינטיגען טאָג ניט, איך ווייס נאָר, אז דער „יאהודי" האָט זיך נאָך מיין ערקלעהרונג מעהר ניט געוואונדערט, און איך האָב זיך ניט געוואונדערט, וואס ער וואונדערט זיך ניט...

עס איז דערפאר קיין חידוש, וואס איך האָב מיך אזוי שטארק געפרייט צו זיין אין ראקאוויי און שטעהן פנים אל פנים מיט'ן ים און הערען דעם פרייען רוף פון זיינע הויכע וואַסערען.

דאָך וואו דער מענש מישט זיך אריין, קען מע... ... ..." ניט אין גאנצען געניסען.

אין מיטען פון מיין געוואלדיגע בעגייסטערונג, ווען איך האָב שוין גענומען שפּירען דעם ווידער־קול פון ים ביי מיר אין דער נשמה; ווען דער גערויש פון די צודרוזגעטע אינדען

האָט געוועקט מיין פאנטאזיע צום געבורט, האָב איך פּלוצלונג דערהערט אין פּראָסט אידישען לשון אט די דאָזיגע אונער־ווארטעטע שאלה:

— איז דאס מעגליך, אז א ים זאל זיך פּלוצלונג שפּאל־טען? היתכן אזא „מאטניא" מיט וואסער זאל דיר־ניט, מיר־ניט אויסטריקענען און גאר ניט?

— דו זעהסט דאך, האָט א צווייטע שטימע געענטפערט, מסתמא האָט זיך דאך אויסגעטריקענט. אלא וואס דען? היתכן מען וועט אויסטראכטען?

איך האָב א קוק געטאָן ארום זיך.

צוויי אידען זיינען געזעסען און זיך מפלפל געווען זעהר שטארק איבער קריעת ים סוף. איך האָב זיי אנגעקוקט און גע־זעהן, אז זיי מוזען זיין ארבייטער, קבצנים דערצו. זיי זיינען אפשר געווען סטרייקער, אדער „סלעק"־מענשען, אדער סתם צו שוואך זיך צו ראנגלען מיט דער מאשין און מיט דער היץ צו־זאמען און זיינען געקומען אין ראקאוויי כאפּען אָטהעם.

אז זיי זיינען נאך מעהר ווי א תחום שבת פון אויפקלערונג האָב איך געזעהן דערפון, וואס זיי זיינען נאך ניט פארטיג מיט'ן חומש... איך האָב פערשטאנען, דאס קוים איז נאך ביי זיי א סברא, דאס דער רויטער ים האָט זיך געשפּאָלטען, וועלען זיי ניט העלפען אזוי גיך שפּאלטען דעם שווארצען ים, אין וועל־כען זיי טרינקען זיך...

מאָדנע קאָמיש האָט דאס אויסגעזעהן, ווי א דיקע פרוי אין א באד־קאָסטיום איז געזעסען אין די זאמד און געשטריקט א פּאטשיילקע. אנטקעגען איהר האָבען געשלאגען די וועללען, עס האָט גערוישט און געקאכט מיט מענשען, פריילעכע בחורים

און בתולות האָבען געשטיפט אין וואסער און ביים ברעג; ווייט אויפ'ן ים האָט זיך געוויעגט א זעגעל־שיף און די גרויסע, דונ־קעלע פליסענדע מדבר האָט געוואונקען, בעגייסטערט און גע־סטראשעט, אבער די דיקע פרוי האָט געצעהלט די „אויגלאך"...

נעבען א חברה לוסטיגע יונגען און מיידען, וואס האָבען געניצט זייער פלעזשור־צייט מיט'ן גאנצען הארצען, איז געזע־סען א שוואכע, קריינקליכע מוטער נעבען איהר בלייכען, אויס־געצעהרטען קינד, וואס האָט געליטען פון דער קינדערשער „זומער־קראנקהייט". דאס קינד איז געלעגען אויפ'ן זאמד ארומ־געוויקעלט מיט א ווייסען ליילאך. די אויגען זיינען ביי איהם געווען גרויסע און ביסטרע. עס האָט געשעפט, געשעפט גע־שווינד דעם פרישען אָטהעם פון ים... די מוטער האָט געקוקט טרויעריג און פערטראכט אויף דער ווייטער זעגעל־שיף, וואָס רוקט זיך אלץ מעהר און מעהר אוועק... און האָט געקוקט אויף איהר ליעבלינג...

ווער ווייס, אפשר איז זי דאָ שוין צו שפעט געקומען מיט איהר קינד? ווען זי וואלט דאָ געקענט זיין מיט איהם מיט צוויי וואָכען צוריק; ווען זי וואלט דאָ ערגעץ געקענט מיט איהם וואוינען איבער זומער, וואלט ער גאר ניט קראנק געווארען. וואס איז די פעולה פון איהר יעצטיגען קומען אהער? איבער נאכט קען זי דאָך דאָ ניט בלייבען. און דער שלאָפצימער איז אזוי פערשטיקט און טוכלע... אך, גאָט, גאָט!

ביי דער מוטער אין הארצען האָט גערוישט א ים, וואס האָט ניט קיין ברעג.

איך בין ניט געבליעבען אויף א'ן אָרט. עס זיינען דאָ צו־פיעל בילדער און בילדלעך פאזע ים, וועלכע זיינען כדאי בע־

טראכט צו ווערן. אויסער די גראבע שטריכען פון הונגעריגע ליידענשאפט צווישען מאנכע פון די האלב נאקעטע פרויען און מענער אין זייערע לייכטע צום לייב־געקלעפּטע באָד־מייטקעס און יצר הרע קליידלאך, און אויסער די קאמישע מינעס פון מאנכע בעל בית'ישע ווייבער, ביי זייער ערשטען מאָל אריינ־געהן אין וואסער און ביי זייער ארויסגעהן, איז זעהר אינ־טערעסאנט צו זעהן די ריהרענדע אונשולד פון די קליינע קינ־דער, וואס באדען זיך צוזאמען מיט זייערע יונגע, אפט שעהנע, פרעהליכע מאמעס, און ווי זיי שפּיעלען ביים ברעג ים.

אט שטעהט א קליינע, גאלד געלאָקטע מיידעלע אין איהר בלאָהע, חן'עוודיגע באָד־העמדעלע און שעפּט מיט א בלעכע־נעם עמעריל פון ים און גיסט אויפ'ן זאמד. דערביי שטעהט איהר פיין־געבויטע, פולע בריסטיגע, יונגע מאמע אין וואסער און שטיפט מיט יונגע מענער... .

דאס קינד איז שטארק בעשעפטיגט מיט איהר נאאיווע ארבייט: אויסצושעפּען דעם ים, און די מוטער — מיט איהר שטיפעריי און העל קלינגענדען געלעכטער. ביידע ווילען אויס־שעפּען דעם ים, דאָס קינד און די מוטער. די ערשטע מיט א עמעריל פון בלעך, די צווייטע מיט א'ן עמער פון ליעבע...

א ביסעל ווייטער שטעהט א גראבע, אונגעלומפּערטע נקבה אין באָד־קליידער, וואס וואָלטען דאכט זי ארויף אויף א'ן על־פאנט. נעבען איהר שטעהט איהר פריינדין א דארע ווי א שפּאָן. די נאטור האָט זיי ביידען געקריוודעט: די ערשטע איז צו דיק, די צווייטע — צו דעליקאט.

דער דיקער האָט מען אנגעזאגט צו נעהמען ים־בעדער, אלס א סגולה געגען פעטקייט. זי האָט זיך נאָך קיינמאָל אין ים

ניט געבאדען און האָט מורא אריינצוגעהן אין וואסער, זי ציטערט.

זי קוקט אויפ'ן ים און קרימט זיך.

— נו, סערע, וואָס האָסטו מורא? מען האָט דאך דיר געהייסען זיך באדען, וועסט זעהן ווי דו וועסט ווערען דינער.

— איך ציטער אריינצוגעהן.

— געה! דו נאַר, וואָס האָסטו צו ציטערען? א וועלט מענשען ליעגט אין וואסער, ועסט באלד נעהמען פיהעלן גרינגער... הלואי וואלט איך געמעגט, וואלט איך זיך אויך געבאדען!

אט אזוי האָבען די צוויי ווייבער איינגע'טענה'עט. די דינע האָט געזאגט, אז באדען זיך איז א ישועה און די אנדערע האָט דערצו קיין חשק ניט געהאט.

ענדליך האָט די גראָבע גענומען קריכען אין ים ווי א וואסער־בער. זי איז געקראָכען און אלץ פערקוקט צום ברעג, וואו איהר פריינדין איז געשטאנען און איהר געוואונקען צו געהן ווייטער. ארומקריכענדיג אין וואסער מיט איהרע עטליכע פונט בשר כשר, האָט זי אויסגעזעהן ווי א היפּאָפּאָטאמוס. זי איז געקראָכען און זיך בעטאפּט יעדע רגע אויב זי ווערט דינער...

מענשען האָבען געקוקט אויף איהר און געשמייכעלט.

קיהל, אנגענעהם און אינטערעסאנט איז געווען מיין שפּאַציר ביים ים, אבער אזוי ווי איך בין דאָרט געקומען פערוואנדלען מיין גייסטיגען גענוס אין פּראזאאישע ווירקליכקייט; יאָ, אזוי ווי איך בין דאָרט געווען בלויז אלס בעאָבאכטער, צו בעשרייבען, וואס איך זעה, האָב איך געזוכט מעהר צו ז ע ה ן ווי צו פ י ה ל ע ן. איך האָב געטראָגען די נשמה אין א נאָ־

טיץ ביכעל און בין ארומגעגאנגען פאזע וואסער ווי א לעבעדי־
גער לייט־ארטיקעל...

איך זאג א „לעבעדיגער לייט־ארטיקעל" און איך מעהן, וואס איך זאג.

איך גלויב, אז א צייטונג איז א לעבעדיגע זאך, דאס קינד פון לעבעדיגע ערשיינונגען און פאסירונגען, געבארען צו דיענען דעם גייסטיגען געברויך פון לעבעדיגע מענשען. וואס מעהר לעבען א צייטונג האט, אלץ בעסער איז זי; אלץ מעהר דער־גרייכט זי איהר ציעל.

א צייטונג איז א ים, איהרע ארטיקלען זיינען איהרע וועל־לען, געטריעבען דורך די אינערליכע קרעפטען פון שאפענדע גייי־סטער. זי דארף האבען איהר פלאכען ברעג, זי מוז אבער אויך האבען איהר טיפענים... איך האב דערפאר געקוקט אויפ'ן ים און אריינגעקוקט אין „נאטיץ־ביכעל", אויב ער איז שוין טיעף גענוג פאר די טיעפערע ערטער פון א צייטונג.

פיעל נחת האב איך פון מיין שפאציר ניט געקענט האבען, ווייל איך האב געבליקט מיט איין מאל אויפ'ן ים און אויף די מענשען; אויף די הונדערטע פרייליכע פלעזשור־זוכער און אויף די מיליאנען פערמאטערטע ברואים אין די פאבריקען און ווערקשטאטען.

איך האב פערגליכען דעם קיהלען, ערפרישענדען ים־ווינ־טעל, ביי דעם אפענעם אקעאן, מיט די ברודיגע פעסט־לופט פון די טובערקולאזען־שעפער; די געזונדע און קרעפטיגע יונגע לייט אין די באד־קליידער, זייערע אייזערנע מוסקעלען פון די הענד און די פיס, געברוינט פון דער זונן און געקרעפטיגט פון ים, און די האלבע־טוידטע צורות, די איסגעטריקענטע הענד ווי די ביי־

טשען פון די, וואס טרייבען די מאשינען אין דיעזען ברענענדי־
גען זומער טאָג, זיך באדענדיג אין שוויים און עלענד.

ווען איך האָב צום לעצטען מאָל א קוק געטאָן אויפ'ן וואַ־
סער, האָב איך דערזעהן ווי דאָרט, וואו עס ענדיגען זיך די
געצויגענע שטריק און עס פאנגט אן די סכנה פאר די שווימער,
פאָהרט ארום אויף זיין רעטונגס־שיפעל איינער פון די „לע־
בענס־רעטער". זיינע אויגען זיינען פולל אומעטום, ער היט אויב
אימיצער טרינקט זיך ניט.

— אך! האָב איך א קלעהר געטאָן, ווי נויטיג עס איז אזא
שיפעל אויף יענעם ים, וואו אזוי פיעל אונגליקליכע טרינקען
זיך! פיעל מאָל האָב איך אויסגעקוקט די אויסגעוויינטע אויגען
נאָך אזא שיפעלע און ניט געפינענדיג דאס, האָב איך זיך גע־
טרונקען ווייטער...

איך האָב א קוק געטאן אין נאָטיץ ביכעל, דאכט זיך טיעף
גענוג... און מיט אומעטיגע געדאנקען האָב איך אנגעהויבען געהן
צוריק אהיים...

איבער פרוגים ליעדער

האָט פּאעזיע א פּאטערלאנד, א נאציאנאלע שפּראכע, אדער א גראמאטיקע? גיעבט עס ערגעץ וואו א אוניווערזיטעט, וואו מען זאל קענען לערנען ווי צו זיין א פּאָעט? איז פאראן ערגעץ וואו אזא פּראפעסאר וואס זאל לערנען ווי זיך צו בעגייסטערען, נתפּעל צו ווערען און אנפאנגען זינגען אונ־שטערבליכע געזאנגען?

אויף דעם ענטפערען נאטור און מענש מיט איין איינציגען וואָרט — ניין!

דער רוח הקודש, וואָס מען רופט „פּאָעזיע", הערשט אין די אייביגע פרייע רעפּובליקען פון שענהייט און ליעבע. איהר טהראָן איז די גאנצע נאטור און איהר קדשי קדשים — די מענשליכע הארץ. ביי דיעזער הימלישער טאָכטער איז דער בקאָטישער פאסטוך בוירנעס דער זעלבער יחסן ווי דער דייטשער האָפהער געטהע; דער אידישער טרוימער יהודה הלוי און דער אנטיסעמיטישער מארלאו פון אלט־ענגלאנד.

די וויעג, דער קבר, דער פויגעל, די בלום, די פליעג, דער אדלער, די לבנה, דער ים, דער שלאכטפעלד, דער שמייכעל, די טרער, די פייערדיגע יוגענד, די ערנסטע עלטער, פריהלינג, זו־מער, הערבסט און ווינטער, מיט איין וואָרט — אלץ און אלץ איז פול מיט פּאָעזיע ווי א מילגרוים מיט קערנער און פון אלץ

איז דאָס מענשליכע האַרץ פעהיג זיך צו בעגייסטערען. יעדער מענש איז אַ פּאָעט קיין נפקא מינה אויב ער לייגט אַרויף זיינע געפיהלען און פאַנטאַזיעס אויפ׳ן פּאַפּיער אָדער זיי שוועבען אום אין דער טיעפענים פון זיין נשמה. דער דיכטער האָט בלויז אַ שטאַרקערע פאַנטאַזיע און אַ פיהלענדערעס האַרץ, וועל־כע קענען געריהרט ווערען פון דער קלענסטער בעוועגונג אין נאַטור און לעבען. ער האָט אַ בעזאָנדערען כח דיעזע בעוועגונ־גען איבערצוגעבען מיט אַ קאָמענטאַר פון זיין אייגענעם גייסט וואָס איז געשאַפען פון דעם „אש אוכלת אש“, וועלכען דער פייער פון דער צייט קען ניט פערברענען.

קיין אונטערשיעד אין וועלכער שפּראַכע די נשמה רעדט, קוים איז זי נאָר ניט קיין „כבד פה“ און האָט דעם ריכטיגען „מענה לשון“ וועט מען איהר פערשטעהן. אין וועלכער שפּראַכע מען זאָל איהרע הייליגע געדאַנקען און געפיהלען איבערזעצען וועלען זיי אַלץ אַפּעלירען צו דער מענשליכער האַרץ און וועלען וועקען עדעלערע און שעהנערע סטרונעס, זיי וועלען שפּיעלען נאַטור׳ס ליעדער פון אייביגען לעבען. קיין אונטערשיעד אויב די „בת השירה“, די הימלישע טאָכטער פון געזאַנגען — די מוזע, קומט איינגעהילט אין קנאַקעדיגען איטאַליעניש, אין באַכמאַטנעם רוסיש, אין ווייכען דייטש, אין פייערדיגען העב־רעאיש, אין זשאַרגאָנישען ענגליש, אין היציגען פראַנצויזיש, אָדער אין דעם בעליידיגטען אידיש — קיין אונטערשיעד ווי זי קומט געקליידעט. די פראַגע איז נאָר וואָס זי זאָגט, וועלכע סודות זי פערטרויט און ווי שטאַרק איהר ליעבע איז צו דער פּערזאָן, צו וועלכען זי ענטפּלעקט איהר הייליגע שאַיינענדיגע צורה.

די ריינע מוזען־שפּראַך ווערט פערשטאַנען אפילו אָהן א גראַמאַטיקע, דער דיכטער דאַרף דורכאויס ניט זיין קיין גע־שטודירטער פּענגעל, מען דאַרף ניט האָבען קיין גרעסערען „עם הארץ" ווי די סאָלאָוויי, פון דעסטוועגען פערשטעהט איהר די גאַנצע וועלט... די אידישע מוזע, אויב זי איז נאָר די ריכטיגע און קומט ניט מיט א פאַלשען פּאַספּאָרט, איז פּונקט אזא יחסן־טע ווי אַן אַנדערע, אָבוואָהל זי האָט קנאַפּער פערעהרער און וועניגער פריינד... פאַר איהר איז גענוג דער פּאָעט אליין אין וועמעס הארץ זי לעדיגט אויס איהר קוויקעדיגען באַלזאַם.

אָט איז ווי ש. פרוג, וועמעס ביכעל ליעדער עם ליעגט יעצט פאַר מיינע אויגען, בעזינגט די גליקליכע נאַכט, אין וועלכע עס קומט צו איהם די הימלישע מוזע:

אין א קראַנץ פון העלע שטערן,
אויסגעציערט אין הימעל פּראַכט,
אויף די פעלדער, אויף די טהאָלען
שוועבט די שענע, בלויע נאַכט.

פערל שיטען זיך און פאַלען
אויף דאס גרינע גראָז אַראָב
פון די לאַנגע, שווארצע לאָקען,
פון איהר שענעם שטאָלצען קאָפּ.

פערל שיטען זיך און גלענצען
בלומען פאַלען אָהן א צאָהל
אויף די גערטנער, אויף די פעלדער
און אויף יעדען בארג און טהאָל.

פערל... בלומען...

אך, חלומות... חלומות!

משמעות אז פרוג האָט דאָס געטרוימט פון זיין רוסישע מוזע... פרוג איז אויך אַ גרויסער רוסישער פּאָעט. דען הערט ווי ער שילדערט זיין פארשווינדיגע זשארגאָן מוזע, וועלכע לויט פרוג'ס אייגענע שילדערונג, קומט צו איהם מיט א פאל־שען פּאספּאָרט...

„בלאס ווי די וואנד מיט בלויע פערטריקענטע ליפּען, מיט קראנקע, קורצזיכטיגע אויגען, מיט געלע אָבגעבליאקירטע באַ־קען, איינגעבויגען דעם רוקען און אָנגעשפּארט מיט ביידע דארע, איינגעשרומפּענע הענד אויף א שטעקען, שטעהט פאר מיר א זקנה, א דארע, א קווארע, פער'חושך'ט, פעריאָמערט, אָבגעריסען, אָבגעשליסען...

„און איהרע בגדים!...

„אַן אלטע צוריסענע, צוביסענע, פערשמאָדערטע וואטופּ־קע, איין ארבעל א געלער, דער אנדערער א בלויער, איין פּאָלע א ווייסע, פערקאפּעט מיט הבדלה־וואקס, מיט טשאָלענט־יאויך און מיט נאָך עפּעס... ווייסט איהר ווער דאָס איז? וועה צו אונז! וועה צו אונזערע יאָהרען! דאָס איז זי, אונזער ליעבע, טהייערע יודישע זשארגאָן־מוזע!“...

אך, וואָס פאר א שאָד דאָס איז פאר אונזער פּאָלקס־פּאָעזיע, ווען איינער פון איהרע זינגער זעהט אין איהר אזא עקעלהאפטע שמוציגע און אָבשטויסענדע אבשייליכקייט! און דיעזע גרויזאמע ווערטער געברויכט ער אין זיין הקדמה צו זיין נייעס בוך „אלע ליעדער פון ש. פרוג“. ווי זאָל מען אזא הקדמה איבערזעצען אין אן אנדער שפּראכע און אויפהאלטען

דערביי די ווירדע און די האכאכטונג פון אונזער מאמע־לשון און אונזער פאעזיע?

פערגעסענדיג זיך א ווײלע אן זיין זשארגאן מוזע זינגט פרוג אט וואס:

„די גאנצע נאטור איז מיין רבי געווען
זי האט מיך געלערנט אי זינגען אי שפילען...

אביסעל ווייטער דערמאנט ער זיך אבער אן זיין שמוציגער, נבזה'דיגער און אבשטויסענדער מוזע און ריידענדיג וועגען דעם, וואס ער איז געווארען ליידער א „אידישער דיכטער" זאגט ער:

„פערשאלטען איז דער וועמען גאט האט בעשערט צו זיין א משורר ביי אידען"...

אז עס איז ניט געשמאק צו זיין א „משורר" ביי אן ארעם, צובראכען און פערוואגעלט פאלק, וועט קיינער ניט לייקענען, אבער די מוזע האט דערמיט גאר ניט וואס צו טאן און זי פער־דיענט ניט אזא גרויזאמע בעליידיגונג, פון דעם, וועלכער זינגט אין דעם ארימען זשארגאן מאנכע רייכע לידער. קוים איז דער דיכטער ווירקליך געווען נאטור'ס א תלמיד און זי האט איהם „געלערנט אי זינגען, אי שפיעלען, אי דיינקען, אי פיה־לען", דאן קען זיין מוזע — מעג זי אפילו ריידען צו איהם ציגיינעריש — ניט זיין אזא מיאוסע בעשעפענים, ווי ער שטעלט זי פאר פאר זיינע לעזער אין דעם אדיענע זאאל פון זיין נייעם חיבור. דער אמת איז, אז פרוג איז אליין קיין מבין ניט אויף זיין „זשארגאנישע מוזע", דען זי איז, אין גרונד גע־נומען, ניט מיאוסער פון זיין רוסישער, אבוואהל איך האב ניט די זכיה איהר צו קענען...

עס איז נאָך א גרויסע פראגע אויב מען קען אין רוסיש זינגען שענערע לידער ווי דאס געדיכט „מיין ליעד", וועלכען פרוג זינגט טאקע אין דעם דאזיגען בוך.

א כח אויף דער פראוואָסלאוונער מוזע אָדער אויף דער שטאָלצער מוזע פון די גאליער אָדער בריטאנער, אז זי זאָל שע־נער זיין. דיעזער ליעד איז פונקט אזוי הערליך ווי גאָלדפאדען'ס „שבת יום טוב און ראש חודש", אָדער ווי טהאָמאס מור'ס „לעסט ראָוז אָף סאָממער". ווי קומט אָבער פאָרט דער דיכ־טער אליין אזוי שטארק צו בעליידיגען זיין הימלישע לעבענס־בעגלייטערין? איז דער תירוץ — גלות! איהם דאכט זיך, אז רוסיש איז שענער...

א טעות, הערר פרוג, פאָעזיע האָט ניט קיין ספעציעלע שפראכע, זי איז אזוי ווי קריאת שמע: „שמע בכל לשון אשר אתה שומע". און אזא יאָהר אויף אונז בײדען, וואָס פאר א פארשוין אייער מוזע איז! א פארשוין ממש זיך אין איהר צו פעו ליעבען...

גלויבען

אָבגעשמיסענע געטער

געדאנקען וועגען מאמינים און אמונות.

אויף אלעם קומט א צייט, אפילו אויף די געטער. דאכט זיך, אזעלכע אויפטהוער, אזעלכע משונה'דיגע בריה'ס און פייערדיגע גיגעלניקעס, וואס טראגען דעם דונער אין בוזים-קעשענע, און דעם בליץ אין ארבעל; וואס רייטען אויף די וואלקען און שפאציערען אויפ'ן וויכער, דאך ליגט זיי די צייט ארויף אויפ'ן ביינקעל און „צימבעלט" אריין, אז עס איז א גאָט'ס רחמנות צו קוקען.

איך וויים ניט אויב זיי האלטען זיך פאר'ן הינטען אזוי ווי מיר, ווען מען שמייסט אונז צלויעב זיי... איך וויים ניט אויב עם טהוט זיי וועה, נאר איך פערשטעה, אז אן אָבגעשמיסענער גאָט האָט אויך א פנים פון חוזק און איך וואלט בעסער געוואלט זיין א שטאלצער מענש איידער אן אָבגעריבענער רבונו של עולם.

אין דער בריטיש מוזעאום פון לאָנדאָן איז דאָס געוועזן. איך בין געשטאנען און האָב בעטראכט די אלטע אָבגעשמיסענע געטער פון מצרים, אשור, בבל, רוים און יון, און א זעלטענעם איינדרוק האָבען זיי אויף מיר געמאכט. איך האָב זיי אָנגע־

קוקט מיט ערנסטע געדאנקען און אין מיין קאָפּ האָבען זיך גע־מישט עהרפורכט, שפּאָט, כעס און יאוש. פערלאָרענע וועלטען האָבען אויפגעוואכט אין מיר, פערלאָרענע אמונות און ציוויליזאציאָנען. די בראָנזענע געשטאלטען פון די אסירישע קעניגע און די שווארצע עטיאָפּישע פיגורען פון אלט־עגיפּטען. עס ברענען די מזבחות און עס רויכערען זיך די במה'ס און די פּריסטער שטעהען מיט פערגלאָצטע אויגען און זיינען מקריב קליינע קינדער, מאכענדיג דערביי פערשיעדענע מיאוסע און ווילדע הויות. נעבען דער געטין השתרתא איז אן אלטער ציגיינער מתפלל ביחידות: ער פּראוועט נעבען איהר „נקיות" און זאָגט דערצו „מזמורים"... דערביי שטעהט א „רעוורענד" און פּאטשט אין די הענד און פּרעפּעלט. ער פרעהט זיך מיט דעם פרומאק, דעם צדיק, דעם מאמין, וואָס דיענט גאָט מיט'ן גאנצען הארצען, ער וועט געוויס האָבען עולם הבא...

איך קוק אויף די אונבעהאָלפענע, קאלטע, אונבעוועגליכע שטיקער גראניט און קלער: אָט ביי זיי האָט מען דאָס א מאָל געבעטען רחמנות, געזונד, פּרנסה, קינדער און אורך ימים. פאר אָט די לעבערליכע, ווילדע פערזעהענישען האָט מען דאָס גע־בויט די קונסטפאָלע טעמפּלען, אויף וועלכע דער געניוס פון א מענשהייט האָט זיך ערליידיגט. פאר זיי האָט מען געקוילעט ברוסט־קינדער, געקוילעט גאנצע שבטים, גאנצע נאציאָנען.

איך האָב געפיהלט ווי אויף זיי א שפּיי צו טאָן, אָבער איך האָב א שפּיי געטאָן אויף דער גאנצער בריאה און אויף דעם פּסוק, אז גאָט האָט בעשאפען דעם מענשען אין זיין גע־שטאלט, ווערענד איך זעה דעם ריכטיגען היפוך.

אזוי ווי די כלי־זיין, עס־געשיר און בגדים זיינען אויף די

געטער געמאכט געוועז לויט דעם פּאָרטשריט פון די דורות. איך האָב אויך געזעהן אין מוזעאום די ארט מענשען, וואָס האָבען די געטער בעשאפען און א מערקווירדיגע עהנליכקייט האָט זיי פעראייניגט.

די געטער פון אלט-עגיפּטען, אסיריען און באבילאָניען האָבען אויסגעזעהן פאנטאסטיש-מורא'דיג און משונה-ווילד. אָפּגעשפּיגעלט האָט זיך אין זיי דאָס פינסטערע, אונזיכערע בלאָנדזשען פון דעם מענשליכען גייסט אין די טיעפע געהיימנים פון נאטור און לעבען.

זעהט א מין גאָט!

פערדישע פיס, אָדלער-פליגלען, א מענשען-קאָפּ מיט א, שטארקע, גרויסע באָרד אין גרייזלאָך, דער איבעריגער טהייל גוף איז אָקס און דער עק פון א לייב. דאָ האָט איהר פער-קערפערט הימעל און ערד אויף א מאוים'דיגען אופן, און דאָס איז „ער", יאָ, „ער" טאקע אליין, דער מלך מלכי המלכים. דאָ האָט איהר אויסגעהאקט אין הארטען, טויטען שטיין די אידעע פון די מעכטיגקייט, וואָס איז פול אומעטום, אונטען און אויבען, און איז איבעראל דער מעכטיגסטער, פול מיט רויע, ברוטאלע געוואלד, מיט גראָבע, אונגעהובעלטע פויסט-קראפט.

די גריכישע און רוימישע געטער זיינען כמעט אלע אין די געשטאלט פון מענשען, פרויען און מענער מיט רעגעלמע-סיגע גליעדער און שענע, אינטעליגענטע געזיכטער.

נאקעטע זיינען זיי אלע, מוטער נאקעט, די געשלעכטליכע טהיילען ארויסגעשטעלט פאר דער וועלט גאָר אָהן א ברעקעל חרפה... דאָ האָט איהר פעראייביגט אין ערדישען מאטעריאל די אידעען און פילאָזאָפיען פון די אויפגעקלערטע יונים און

רומים. קיין רויע, אומגעלומפּערטע, באכמאטנע „בורא ברוך הוא'ס". דאָ איז פערגעטערט די שענהייט, די קונסט און די ליעבע, וועלכע איז די איינציגע קראפט, וואָס האלט אויף דאָס לעבען.

איך האָב געזעהן, ווי אן אלטע, פרומע מויד מיט א ביבעל אין האנד און א צלם אויפ'ן האלז איז געשטאנען נעבען א גריכישען גאָט און האָט פון איהם די אויגען ניט אראָבגענומען. זי האָט איהם בעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס און איז געווען שטארק פעראינטערעסירט... זי האָט אָבער אויסגעדריקט א גרויס אונצופריעדענהייט פארוואָס מען טהוט איהם ניט אָן א פאר־טוך... בעטראכטענדיג זיי ביידען: די בתולה און דעם גאָט, האָב איך געזעהן דעם געוואלטיגען אונטערשיעד פון צוויי ציווי־ליזאציאָנען און מיר דאכט, ווי דער אָרימער, נאקעטער גאָט האָט געקוקט אויף דער צנועה און געשמייכעלט. איך האָב איהם, דאכט מיר, געהערט זאגען: „ווען איך וואלט געלעבט וואָלט איך דיך אפילו אָהן א פארטוך אויך ניט אָנגעקוקט..."

נאָר אם מעהרסטען האָט ער מיט זיינע קלוגע אויגען גע־קוקט אויף דעם צלם ביי איהר אויפ'ן האלז און געמאכט אָט די דאָזיגע פראָפּעטישע בעמערקונג:

„ווארט, ווארט, גוטער ברודער, מען וועט דיך אויך אמאָל אָבשמייסען און ברייגנען אהער אלס אויסשטעלונג פאר אלטע מיידען פון אן אנדער אמונה. וואונדערען וועט מען זיך, ווי אזוי מען האָט געקענט בעטראכטען אזא קרומע זאך פאר גלייך... מיר איז מען כאָטש מוחל די אמאָליגע געטליכקייט, ווייל די וועלט האָט פון מיר הנאה געהאט: איך האָב געהייסען לעבען א גוטען טאָג, געני[illegible]ן מיט'ן פולען מויל, אויסנוצען די פרייד,

אויסשעפּען די עולם הזה ביז'ן דעק, אָבער דיר, דו שטיק זויערע פערקרימעניש, דיר וועט מען קיינמאָל ניט פערצייהען. דו האָסט פערדאמט דאָס לעבען, פערשאָלטען דעם געגוס און פערטריבען די שמחה אין קבר. מיר האָט מען גערינט מיט ליעבע. ביי מיין אָלימפּ פלעגט טאנצען די נאקעטע גליקזעליגקייט און פאר די שענע פיס פון מיינע געטינען פלעגען זיך צונויפשמעלצען די געשלעכטער... ניין, אזא גאָט פערגעסט מען ניט אזוי גיך! דער מענש איז געבאָרען צום לעבען און ביי מיר האָט ער געלעבט. דיך אָבער וועט מען דערמאָנען מיט א שוידער, מיט טויט־שרעק, מיט עקעל. דיר וועט די געשיכטע קיינמאָל ניט פערצייהען. אָבטרייסלען וועט זיך די צוקונפט פון דיינע שווארצע גיהנום פאנטאזיעס, וואָס דו האָסט געזוכט צו פערווירקליכען, דו נאַרישער, קארגער, פינסטערער לעקיש"...

אָ, גערעכטער, גוטער גאָט, אייביג וועל איך דיך געדיינקען, אימער טראָגען אין הארצען דיינע קלוגע געטליכע רייד.

איין זאך אָבער טהוט מיר שטארק הנאה, וואָס אונזער אי־דישען גאָט וועט מען קיינמאָל ניט קענען ארייגשטעלען אין א מוזעאום, ווייל עס איז ניטאָ אין איהם וואָס אָנצונעהמען. ער איז א רוח, א גייסט, א גרויסער, שטארקער, אלמעכטיגער און אלהערשענדער „גאָר נישט"... דאָס איז, ווי איך פערשטעה, די איינציגע סיבה פאר וואָס ער האָט איבערגעלעבט אלע געטער.

וואָס אנבעטרעפט ווייטער אונזער גאָט, איז דאָס אויך זיין איינציגע שטיקעל גליק וואָס ער'האָט זיך געמאכט פאר א „רואה ואינו נראה"־גאָט, ווען ער וואָלט חלילה געהאט א ממשות, וואָל־טען איהם מאנכע אידעלאך שוין לאנג פערשאכערט אין א מו־זעאום צווישען די אָבגעשמיסענע... דען מה דאָך זיי בייטען

איהם יעצט אוים און פערקויפען איהם גאָר בלא ראיה, ניט ווייזענדיג די סחורה, טאָ ווי וואָלטען זיי שוין מיט איהם געהאנדעלט ווען מען וואָלט איהם געקענט א טאפּ טאָן און זעהן, אז ער איז ווערטה דאָס געלד?

אָבגעשמיסענע געטער!

ווי פיעל דארף דאָס די אָרימע וועלט אויסשטעהן ביז וואַנען זיי געהען ארוים פון דער מאָדע און אנדערע פערנעהמען זייערע ערטער, זייער אויבען־אָן! ווי פרעמד און שרעקליך זייערע יורשים ערשיינען דאָס פאר די כהנים און מאמינים פון די אלטע אמונות און ווי מען ווערט דאָס בילסעכווייז איינגעוואָהנט און פערליעבט אין די נייע ביז וואנען זיי ווערען אויך אלט און אָבגעשמיסען!

דערפאר טהוט זיך דאָס שטענדיג מעשים ווען מען געהט שמייסען אן אויסגעדיענטען גאָט און איהם אריינשטעלען אין א מוזעאום, דערפאר ציטערט דאָס די מענשהייט פאר די נייע גלויבענס, וואָס מען שלאָגט איהר פאָר, און זי מאכט אזעלכע געוואַלדען פונקט ווי מען וואָלט איהר בדלות געשטעלט.

איך בין אָבער מיט די געטער קיין מחותן ניט. איך בין ניט קיין געטליכבער מאן. איך האָב אויף אן אלטען גאָט קיין רחמנות און פאר א נייעם קיין דרך ארץ. אויף דעם ערשטען וויין איך ניט און מיט'ן צווייטען געה איך ניט קיין „כשר־טאנץ“... איך וויים, אז וואו א גאָט דאָרט זיינען חסידים — און איך האָב פיינט א חסיד, אפילו א חסיד א פריידענקער...

אמונה מיט גלעקלאך

די „נייע" רחמנא לצלן

אַן אונגליק! עס זיינען ניטאָ קיין גוים אין אמעריקא. א חורבן! עס זיינען ניטאָ קיין אידען.

דער גוי זאָגט ניט קיין פאטשירעס און דער איד לייענט ניט קיין קריאת שמע. פיץ־פאטריק קושט ניט דעם צלם און טאָדרעס, להבדיל, קושט ניט די מזוזה.

די אמונה הינקט אויף ביידע פיס. עס איז א פאניק אין הימעל. דער עולם וויל דאַרט מעהר ניט דעפאָנירען זיינע האָפ־נונגען און ניט אָנטרויען זיין צוקונפט. מען האָט איהם צופיעל גענומען אויף זיכער. די „קאפיטאנען" פון דער גלויבען־אינ־דוסטריע האָבען אריינגעגאָסען צופיעל „וואסער" אין די הימעל־שע אקציעס, זיי האָבען דאָס צופיעל „געבומט", אין דער צייט וואָס דאָס איז גאָר ניט ווערטה געווען...

יעצט האָט אויסגעבראָכען א קריזיס אויף דער עולם הבא־בערזע. די תיפלה און דער בית המדרש, ביידע זיינען באנ־קראָט. די „דעפאזיטארס" ווילען „מזומן", יאָ, „מזומן" אויף אָן אָרט, און — עס איז א נעבטיגע וועטשערע.

אוים מיט צוטרויען! דער בטחון האָט געפלאַצט און דער עסק מיט געטליכקייט איז אויסגעשפיעלט.

די וועלט האָט אויסגעזויגען די ליידיגע ברוסט פון אמונה, האָט זיך אָנגעזויגען בלאָטערען אויף די יאסלעס און געבליעבען שוואך און הונגעריג, קראַנק און אָבגענאַרט. יעצט האָט זי זיך אליין אנטוואוינט, האָט א שפּאי געטאָן אויף דעם אלטען, דאַ־רען, אויסגעצויגענעם „פּליאַק" און גענומען זוכען א קרעפטיגע, געזונדע נאַהרונג... יאָ, די וועלט זוכט, זי כאַפּט... א פערשמאַכ־טע און פער'חלש'טע ווייס זי נאָך אליין ניט וואָס זי וויל; זי ווייס שוין אָבער אזוי פּיעל, אז זי מוז דאָס געפינען אויף דר'ערד...

דערפאר שרייען נעבעך דער רב און דער גלח.ביידע ווייַ־זען זיי מיט די פינגער אין די וואָלקען און מען ווייזט זיי אַנט־געגען א נאָז...

צום שטאַרקסטען אָבער שרייען די רעפאָרמער. די טאַטע־פּאָטערס פון די „יאהודים'שע" טעמפּלען. דאָרט איז גאָר א חורבן. דאָס גרויסע, פּערציערטע געבעט־הויז איז ניט מעהר ווי א ווייבערשע שול. די מענער שמעקען אהין ניט אריין און דער „ראַבבי" פּראוועט דאָרט זיין „גאָטעס־דיענסט" טאַקע נאָר מיט גאָטעס דיענסט אליין...

אָט דאָס איז וואָס עס ערגערט אזוי שטאַרק די „ראבבים". זיי ווילען כאָטש עטליכע מענער צו דער עבודה, כדי די רייכע, צולאָזענע און צובאַלעוועטע קאָקעטקעס, די „פּרות הבשן", זאָ־לען ניט האַלטען אין איין קוקען אויפ'ן „רב" אליין... און זאָלען האָבען נאָך אנדערע דזשענטעללייט אויך צום דאַווענען...

עס איז מאַנכעסמאָל שווער צופריעדען צו שטעלען אַן איי־גען ווייב, בפרט א קהלה מיט נקבות, מיט אויסטראַכטערקעס, מבין'טעס, וואָס קומען נאָר אין טעמפּעל קוקען אויף דעם „ראַ־

בי׳ס“ וואָנסעם, אָבער ניט הערען זיינע דרשות, וועלכע האָבען שוין א באָרד...

היינט געה, האלט זיך פאר זיי אין איין פוצען, אין איין געפעלען ווערען, אין איין שמייכלען און חנפ׳ענען, אין איין גרייזלען די „מאָסטעזש“! דאָס קען דאָך ניט אויסהאלטען. דאָס מוז דאָך אמאָל פלאצען און דאן איז „גוד באי“ „רבנות“ און עס קומט אוים צו ווערען א קלאָון אין א צירק, אָדער א קאָמיקער אין א וואדעוויל טהעאטער.

די ענגלישע צייטונגען זיינען זיך שטארק מוסר נפש, וואָס דער עולם האָט ניט גאָט אין הארצען און די אמעריקאנער רע־פּאָרטערס, וועלכע זיינען די אמת׳ע „חסידי אומות העולם“, עסען זיך שטארק אָב דאָס הארץ, וואָס מען גלויבט ניט. כמעט אלע בלעטער קומען צום טרויעריגען בעשלוס, אז די מאסען זיינען אפיקורסיש און זינדיג, און די מענער פרייען זיך, וואָס זייערע ווייבער געהען צום „ראבבי“ און צום פּריסטער, און זיי קענען זיך דערווייל געהן וואו זיי ווילען...

וואָס פון אזעלכע זאכען קען אמאָל ארויסקומען איז שווער צו זאָגען. איינס איז זיכער, עס ווינקט זעהר אן אומעטיגע צייט צו אונזערע רעפאָרמער, וואָס האָבען דעם גלויבען אזוי לאנג געשליפען און געפּולירט, ביז זיי האָבען איהם צוריבען אין שמעק טאבאק און זיי פאנגען אָן דערפון גאנץ שטארק צו ניסען.....

זעהענדיג די גרויסע סכנה, וואָס שטעהט זיי אנטקעגען, פאנגען שוין די גייסטליכע אָן צו זוכען פערשיעדענע צאצקעס און גלעקלאך צו די תפילות, אום צו דערנעהענטערען די מענער צו דער שכינה...

איין גלח האָט מודיע געווען זיינע נשים צדקניות, אז יעדער פרוי, וואָס וועט מיטברייינגען איהר מאַן אין קירכע, וועט קריי־גען אַ מתנה אַ קאַפּעלוש מיט אַ שטרוים־פּעדער און אַ טוץ „קאַבינעטלאַך“ געמאכט ביי דעם בעסטער פאָטאָגראַפער.

אַ צווייטער פרעדיגער האָט צושיקט בריעף צו זיינע מיט־גליעדער, אז ער וועט טהיילען אייז־קרים נאָך די הללויה'ס און יעדער מאַן, וואָס וועט קומען הערען זיין מוסר, וועט קריגען אַ פּאָר שלייקעס און אַ טוץ מוטער־פּערעלנע קאָלנער־קנעפּלאַך.

איין רעווערענד איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אז ער האָט גע־מאכט טאַנץ־קלאסען אין תיפלה, וואו מענער מיט פרויען זאָלען געהן אַ קאַזאַצקע ארום באַלעמער און פערבייסען דעם דאַוונען מיט אַ מאַזורקע אָדער אַ פּאָלקע־גאַלאָפּ.

אַן אַנדער גלח האָט ערקלערט, אז „פּייטען“ איז אַ ישועה פאַר דער זינדיגער מענשהייט; אז אַ „פּייט“ וואָרעמט אויף דאָס בלוט צו עבודת הבורא און ער נעהמט זיך דערפאַר אליין אונטער צו ברעכען די ביינער פון זיינע גבאים, אויב זיי וועלען זיך נאָר לאָזען.

אָט דער דאָזיגער אויפטהו, דערצעהלען די בלעטער, האָט געאַרבייט ווי אַ כשוף. עס האָט צוגעצויגען מאסען יונגע לייט צו דער קירכע, וואו איין חברה־מאַן האָט דעם גלח אַזוי צור־ממית'ט, אז מען האָט איהם געמוזט אָבפיהרען מיט אַן אמבו־לאַנס אין שפּיטאָל.

ווען אונזערע „יאהודים“ וואָלטען ניט מורא געהאַט פאַר קלעפּ, וואָלטען זיי דאָס פּאָזיטיוו אויך געטאָן. אָבער אַזוי ווי ביי אַ אידישען באַנקיר, אַ קופער מאַגנאַט, אָדער סתם אַ בער־זען־שפּעקולאַנט איז דער שענסטער גלעקעל און די פיינסטע

צאצקע די מטבע, וועלען די רעפֿאָרם „ראבבים" מוזען אָנווענדען אן אנדער מיטעל. זיי וועלען איינפיהרען אין טעמפעל א „טיקער", וואָס וועט פיהרען גלייך צו דער בערזע...

דער „ראבבי" וועט דערצעהלען די נסים פון דעם „ראבבי פון נוצרת" און דער „טיקער" וועט דערצעהלען די וואונדער פון די אקציען; דער „ראבבי וועט ריידען פון פייער און דער „טיקער" וועט ריידען פון „וואסער"... דער „ראבבי" וועט ווייזען דעם וועג צום הימעל און דער „טיקער" וועט ווייזען די פאסיפישע אייזענבאהן, וואָס פיהרט גלייך אין גן עדן, ווייל זי בעלאנגט איצט צו די צדיקים שיף און ראָטהשילד...

דאָס איז נאָך אפשר די איינציגע רפואה צו דער אָבגעקירצטער יאהודישקייט, וועלכע מוז אין קורצען אונטערגעהן און זיך פערוואנדלען אין רעפֿאָרמירטע ציוניזמוס...

אָט אזוי זוכט מען דאָס צו ראטעווען דעם הימעל אין דער נייער וועלט מיט אלטע צרות. אָט אזוי ארבייטען דאָס מעשים די גוי'שע און אידישע גייסטליכע צו שאפען אן אמונה מיט גלעקלאך.

אונזערע אָרטאָדאָקסען האָבען געמיינט, אז זיי וועט די צרה ניט טרעפען. זיי האָבען זיך ניט וואָס צו שרעקען... זיי האָבען גערעכענט, דאָס ביז וואנען די „איסט סייד" וועט אויפהערען צו דאווענען, וועט שוין די „וועסט סייד" זיך כאפען צוריק צום סדור... א ברירה וועט זי האָבען? מען וועט איהר טרייבען דערצו. דען ווי ווייניג גוים די גוים זאָלען ניט זיין, וועלען זיי אלץ זיין גענוג גוים פיינד צו האָבען אידען און איידער זיי וועלען ווערען מענשען וועלען זיי בלייבען כריסטען...

אָבער אפילו די אָרטאָדאָקסען האָבען אויך געהאט א טעות. זיי האָבען פּלוצלונג דערזעהן די אלגעברע אונטער'ן יורה דעה און ווי ישיבה בחורים האָבען זיך אָנגעהויבען וואשען מיט זייף און לערנען דקדוק...

פארפאלען! די אמונה דארף גלעקלאך.

תורה-געדאַנקען

קצבים־סטרייק און צער בעלי חיים.

גאָט צו דאנקען, שוין אראבגע׳פטור׳ט מתן תורה אויך!

עס איז שוין דאָ די עשרת הדברות און אידען האָבען שוין אויף וואָס עובר צו זיין.

אוים קולות וברקים, אוים טויט־שרעק.

ניט עס ברענט און ניט עס רויכערט און, אז עס מאכט זיך חלילה א שטיקעל פייער איז אויך ניט קיין אחריות... כל־זמן די פייער אסיקוראציע בלייבט אין גאנצען...

אוים הארץ־קלאפענים און אוים סכנה! דער בארג סני האָט זיך איבערגעבייזערט און סטראשעט ניט מעהר... איבריגענס האָבען זיך שוין אידען צוגעוואוינט צו דונערען און בליצען... צו שליידערנים און ווארפענים און קימערען זיך שוין גאָר ניט. ווייטער ווי פון ווילנע נאָך אמעריקא, נאָך ארגענטיניען אָדער נאָך ניו־זעעלאנד קען דאָך שוין ניט ווארפען, פון דעסטוועגען לעבט מען...

יאָ, רבותי, עס איז א גליק וואָס מיר האָבען שוין מקבל געוועזן די תורה און מיר וויסען וואו מיר האלטען אין דער וועלט. איידער מען האָט דאָס אונז דערלאנגט, האָבען מיר זיך דאָך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען וואָס דאָס איז אזוינס. אמת,

אידען האָבען זיך אָנגעכאפּט „נעשה ונשמע“, נאָר פון דעסט־וועגען האָט דאָס געפּיקט אין פּופּיק: גיעה זיי מקבל א „מתנה“, וועלכע גאָט האָט אָנגעבאָטען אַלע אומות און יעדערער האָט זיך ארויסגעדרעהט מיט א תירוץ!

עס איז אפילו פאראן א ויש אומרים, אז אידען האָבען זיך אויך געוואָלט דערפון ארויסדרעהען, נאָר מען האָט אויפ־געהויבען אויף זיי דעם בארג, דעם גיגעלניק און אויסגעשריען מיט גבורה:

— נעהמט עס צו, ווארום דאָ איז אייער קבורה!

דעם איד העלפען ניט קיין תירוצים. אז מען זאָגט איהם „נעהם“, איז פארפאלען, מוז ער נעהמען, ווען דאָס זאָל אפילו זיין א תורה... ווען ניט גיט מען קלעפּ. אגב פלעגען אידען אמאָל טאקע זיין שטיקלאך טרוסען. זיי פלעגען מיינען, אז מען פערמעסט זיך דערלאנגט מען שוין. און זעהענדיג, אז זיי האָבען מורא, האָט מען זיי געגעבען אויף אן אמת.

דאָס איז די אלטע אידישע טבע זיך ניט צו שטעלען אנט־קעגען און מקבל זיין אלץ, וואָס מען גיט זיי, אויסער אין שול, נאטירליך, וואו א איד לאָזט זיך ניט נעהמען אויף זיכער, ווי אונזערע חכמים זאָגען:

„קוקט אן א מין בריאה!
דאך פאר אן עליה, —
א טיגער, א גבור מלחמה!
וואו מאָטקע, וואו מאיר?
א שטיק מאָקקאָבעער,
א העלד, וואס שטעלט איין די נשמה“!

יאָ, איצט, אז מיר האָבען שוין די תורה, זעהען מיר פון דעסטוועגען, אז זי איז גאָר ניט אזא בער, אז מען דאַרף זיך פאר איהר ניט שרעקען. אמת, עס איז אָנגעזאָגט צ ע ה ן מאָל מיט'ן הארבען וואָרט, וואָס מען ז אָ ל און וואָס מען ז אָ ל נ י ט טאָן, דאָך ווען מען פאָלגט ניט איז אויך קיין אחריות; — ווערטער שלאָגען זיך דען? אי וואָס, „מען וועט שפּעטער ווערען אויסגעריסען"? קודם פאָלג איך ניט און טו מיר עפּעס!

א איד זאָגט דאָך נאָר צו, ווען ער מ ו ז, שפּעטער זוכט ער שוין א וועג זיך ארויסצודרעהען. א ברירה האָט ער? געה זיי מקיים זאכען, וואָס זיינען איבער דיין יכולת!...

עס איז אָנגעזאָגט געוואָרען „לא יהיה לך אלהים אחרים על פני", האָט מען גראד צוגעלייגט דעם רבונו של עולם אן ארויסהעלפער: „דער רבי פון נוצרת"... מען זעהט דאָך בחוש, אז עס איז שווער פאר גאָט אליין זיך אָבצוגעבען מיט אזא שלעכטע וועלט, האָט מען איהם אביסעל פערגרינגערט... דו, רבונו של עולם ווילסט דאָס אפילו ניט לײדען, עס פּאסט דיר ניט; וואָס הייסט עפּעס א גאָט זאָל ניט קענען... נאָר מיר פאָלגען ניט; מיר האָבען אויף דיר רחמנות, און אפשר וועט אונז טאקע ארויסקומען דערפון א שטיקעל טובה...

מען האָט אָנגעזאָגט „זכור את יום השבת לקדשו", זיצט מען גראד שבת און מען נעהט העמדלאך, אז מען מוז, מוז מען...

אָט אזוי געהט זיך עס כסדר ווי א מזמור: מיט פּראָצענט נעהמען, מיט גלויבען אין פאלשע נביאים, וכו' וכו' וכו'. דו שריי און איך טו דאָס מייניגע.

מיינט איהר, אז מען מאכט דאָס מיט דער תורה, עס

סתם אזוי, אין דער וועלט אריין, אויפ'ן פראסטען אופן? חלילה!

מען גיט איהר דוקא אב גרויס כבוד. מען טוט איהר אן א גאלדענעם שפענצער, א זיידענע רעטאנדע מיט א גארטעל און מען שליסט איהר צו בחדרי חדרים, זי זאל חלילה ניט כאפען קיין גוט אויג. שפעטער, ווען איוואן, סטעפאן און בולוואן צו־רייסען איהר אין שטיקער, פערגוואלדיגען איהר... מאכט מען א גרויסע לויה, מען בעגראבט איהר אויפ'ן קישינעווער בית עולם און מען זאגט א רבנן קדיש...

עפעס א קליינינקייט אזא טייערער מת, אזא בר מנן!

אין אמת'ן אבער פיהלט זיך די תורה אויפ'ן בית עולם מעהר אין דער היים ווי אין שול. דען צו זיין בעגראבען צווי־שען טויטע איז ניט אזוי שרעקליך ווי צו זיין טויט צווישען לעבעדיגע...

אבער אלץ די אייגענע מעשה. קיין בייז זאל ניט זיין. צוריסען א ספר תורה, געהט מען אין מקוה און מען שרייבט א נייע און אידען בלייבען אידען...

דריי זאכען וועלען מיר שטענדיג האבען: קעלבער, וואס מען וועט שינדען אויף ספרי תורות, אידען וואס וועלען געהן אין מקוה, און אידען וואס וועלען קושען...

אונז איז נאך קיינמאל ניט איינגעפאלען ווי די יאפא־נעזער וועלכע, לויט ווי די צייטונגען האבען געמעלדעט, ווילען בייטען זייער רעליגיאן אויף דער קריסטליכער.

יאפאן דארףווירקליך זיין משוגע צו וועלען אויסטוישען איהרע עבודה זרה'ס אויף די עבודה זרה פון קריסטענטום. וועל־כע גבורות האט זי געזעהען פון דעם גוי'אישען גאט, וועלכער

האָט געהאָלפען רוסלאנד כאפען אונטערגעהאקטע זייטען אין מאנדזשוריען ?

איך גלויב ניט, אז די געראָטענע אזיאטען זאָלען זיך זו־כען איינקויפען אין יחוס פון די אייראָפעאישע אנטיסעמיטען און זיך אויסלערנען ביי דער קירכע מאכען פאָגראָמען און בלוט־בלבולים אויף אונבעשיצטע אידען און דוקא וועלען ארויסטרע־טען געגען אריפמעטיקע. דען יאפאן וואָלט דאן געמוזט רעכע־נען, אז דריי מאָל איינס איז א נעכטיגער טאָג.

יאפאן וואָלט זיך זעהר מיאוס אָבגענארט, ווען זי זאָל חתונה האָבען מיט'ן צלם און זיך איינקויפען אין טאָרקווע־מאדא'ס משפחה.

אין דעם פרט פון אמונה זיינען מיר אידען שוין פיעל גליק־ליכער. דען אויב יא גלויבען, דאן איז אונזער גאָט דער בעס־טער. יאָ, דער בעסטער נאָך אלע זיעבען זאכען. אונזער גאָט האָט צוגענומען דעם הימעל פאר זיך און האָט אונז איבער־געלאָזט גאנץ עסעקס סטריט און העסטער סטריט... מיט אלע זייערע אוצרות: מיט זייערע בתי מדרשים, זייערע חדרים, זיי־ער פיש־מארק, זייערע אידישע ציטונגען, זייערע סמבאָליקער, און זייערע זויערע אוגערקעס.

אונזער גאָט איז ערהאבען און איז מיט די מענשען קיין שמעלקע ניט, דאָס הייסט — ניט צופיעל שמעלקע. ניט מען טראָגט דאָ ארום פערקויפען זיינע בילדער, ווי די גוים טוען דאָס מיט ז י י ע ר ע ן. ז י י קענען זייער גאָט'ס גאנצע ביאָגראפיע. זיי ווייסען זיין גאנצע משפחה, ווער זיין מאמע'ס מאן איז געוועזען, ווען זי האָט זיך בענארישט און אין וועלכען שטאָל ער איז געבאָרען געוואָרען און וועלכע נקבות ער האָט

ניט פיינד געהאט. אידען אָבער האָבען שוין לאנג אָן גאָט פער־געסען...

צום בעסטען שילדערט דאָס דער מחבר פון „ברכי נפשי“. ער שטעלט פאָר דעם גוי'אישען „לא לנו“ עכט רעאליסטיש. ער איז מודה, אז דער גוי'אישער גאָט איז ניט טאנדעטנע, נאָר טאקע במחילה האנד ארבייט און טויג דאך ניט.

זייער גאָט איז גאר ניט ווערטה,
ניט ער זעהט און ניט ער הערט,
ניט ער שמעקט און ניט ער טאַפּט,
ניט ער רעדט קיין איינציג וואָרט,
שטעהט א גולם אויף אן ארט,
שטיין און ביין צונויפגעקלאפּט,
האָט א האַפּט ווי זיינע מאכער.
אבער אונזער גאט איז גרויס:
אי אַ בריה, אי אַ זנאַכער,
אי אַ שלאָפער, אי א וואַכער,
און ער טראָגט די וועלט אין שויס.
איהם זאַטשעפּען איז א גרויל
און עס איז אונז טאקע וואויל.

* * *

דערפאר בין איך טאקע א איד און וויל ניט ליידען קיין פערשטערטע שבתים און ימים טובים מיט קצבים־סטרייקס, וואָס פערמעסטען זיך מיט'ן יאטקע־קלאָץ איבער'ן טשאָלענט, איבער די יום טוב'דיגע קרעפּלאך. איך וועל די קצבים קיינמאָל ניט מוחל זיין זייער מורא, וואָס זיי האָבען געמאכט די אידישע

גאס מיט טייערע פלייש און דוקא ערב שבועות, ווען עס איז כדאי צו עסען און זיך משמח צו זיין.

און מערקווירדיג ווי די קצבים, פונקט ווי אלע אונזערע קעסט-פערזאָרגער, געפינען באלד א תירוץ אויף זייערע קרימי־נעלע מקחים!

דער פלייש-טראָסט שרייט זיין אלטע טענה, אז עס ווע־רען קנאפער בהמות אין אמעריקא... די קצבים שרייען, אז מען רייסט זיי די הויט מוזען זיי „נעהמען די גערערים"... די פי־שער שרייען, אז עס איז יעצט שווער צו כאפען א ריכטיגען „העכט" און „סאָקערס" זיינען געוואָרען יחסנים... דער מילך־מאן שרייט, אז די קיה פאָדערען גלייכע רעכטע און ווילען זיך ניט לאָזען מעלקען... די גרינס-הענדלער שרייען; אז די פעל־דער האָבען זיך שוין „אויסגעגרינט", די אייערניצעס שרייען, אז די „אייער זיינען קליגער ווי די היהנער" און ווילען זיך ניט לאָזען לייגען...

דער כלל, יעדער איינער איז גערעכט און אויסער געדולד און נארישקייט איז אלצדינג בראנד־טייער, מען קען זיך צו קיין זאך ניט דערשלאָגען.

יאָ, א קצבים-סטרייק מאכט שטענדיג גרויסע צרות און אלס א צוליוג קומען נאָך די „וועגעטעריאנער", מענשען וואָס עסען שאָלעכטס, און שיטען נאָך זאלץ אויף די וואונדען. די וועגעטאריאנער האָבען מאָדנע טענות. זיי זאָגען, אז בהמות זיינען טאקע נויטיג, ווייל מען דארף האָבען וועמען צו מעל־קען, אָבער פלייש דארף מען אויף כפרות. זיי שרייען, אז די נאַטור איז רייך גענוג אין גוטע פראָדוקטען, וואָס זיינען בעסער ווי פלייש. די ערד, זאָגען זיי, איז פעט און זאפטיג, און אנ־

שטאָט וואָס מענשען גריזשען כּאָליאָוועס, קענען זיי בעסער קייען די ערד און שפּאָרען א טאָלער...

מעגליך, אז איך בין דערמיט א שטיקעל טיראַן, נאָר איך זאָג אייך, דאָס איך בין מיט די וועגעטעריאַנער גאָר ניט אייג־פערשטאַנדען.

איך בעגרייף ניט זייער פילאָזאָפיע. איך רייד שוין ניט דערפון, וואָס אויפהערען פערצעהרען לעבעדיגע זאכען מיינט פּשוט אויפהערען אליין צו לעבען, ווייל די לופט, וואָס מיר אטהעמען און דאָס וואסער, וואָס מיר טרינקען, זיינען פול מיט לעבעדיגע קלייזלאַך און ביי יעדער טרונק כליאָבעט מען אריין אין זיך א גאַנצע „חברה“, אפשר נאָך מיט א „פּרעזידענט“ מיט אלעמען, — יאָ, איך רייד שוין ניט דערפון, וואָס אייגענטליך דאָס אליין ווייזט גענוג ווי ווייט די וועגעטעריאַנער פּלוידערען. איך וואָלט סתם געוואָלט פרעגען די קאַרטאָפּעל־העלדען וואו זיי וועלען נעהמען שטיפעל?

מילא, עסען קען מען שוין גראָז, בפרט נאָך אום שבועות, דער יום טוב פון גרינס. מען קען עסען „פּאַטייטאָ־סאַלאַט“, שטשאַווי מיט סמעטענע, באָטשווינע מיט אייער, וועלישע ניס און טערקישע יאַנדרעס, דאָך ווי מאכט מען שטיפעל פון זויער־קרויט?

איבערהויפּט האַלט איך ניט פון די וועגעטעריאַנער, טאָקע צוליעב אונזער הייליגער תורה, וועלכע הייסט אונז עסען פליישׁ מיט׳ן פולען מויל. און ניט נאָר מיר, זינדיגע מענשען, וואָס זיי־נען אליין שטיקלאַך חיות, מעגען רוקען אין זיך וויענער וואורשטלאַך, „פריקאַזי“, געפילטע העלזלאַך, פּופּקעס, לעבער־לאַך, גענזענע גריווען וכדומה, נאָר אפילו דער רבונו של עולם,

דער „ורחמיו על כל מעשיו" אליין האָט אויך א געטליכע הנאה פון א פרישען קאלבס־בראטען, א געזונדען ביעף־סטייק, אָדער א שענעם געבראָטענעם יונגען באראן...

ווען די אמת'דיג פרומע, פערברענטע „כנסת ישראל'ני־קעס" וועלען מיט דער צייט איה"ש אויספיהרען דאָס זייעריגע, זיי וועלען בעגראָבען די אפיקורסים טיעף אין דר'ערד און וועלען קומען צוריק אין ארץ ישראל אין יארמולקעס און שטעק־שיכלאך — יא, ווען דאָס וועט איה"ש מקוים ווערען, וועלען זיי טאקע אָבגעבען דעם אויבערשטען זיין חלק פאר דער גאנ־צער צייט, וואָס ער האָט נעבאך געשמאכט מיט אידען אין גלות...

אוי, וועט מען זיך דאָס א נעהם טאָן צו די קרבן'קעס, צו די „חטאתים", די שלמים און די עולות. אוי, וועט דאָס רינען בלוט און עס וועלען קנאקען ביינער! גאָט וועט אזש אָנקווע־לען פאר תענוג... די ווענעטעריאנער וועלען צופוקעט ווערען קו־קענדיג ווי אידעלאך האָבען א סעודה אין אלהים'ס שוים... און דער ריח נחות וועט אויפגעהן אין זיינע הימעלשע נאָז־לעכער.

א פייג וועט דאן דער פלייש־טראָסט א דעה האָבען גע־גען אונזער גאָט, וועלכער איז דער טראָסט פון אלע טראָסטס, צו וועמען עס בעלאנגען טאקע מיט און אמת אלע בהמות, חיות און עופות, פאר וועמען די פאשע, דער שטאהל, די יאטקע און אפילו די יאטקע־הינט מוזען זינגען שירה... די „כנסת ישראל'־ניקעס" וועלען דאן ווערען די איינציגע אקציאָנערען אין דעם גרויסען, געטליכען, כשר'ן טראָסט און וועלען קוילענען פיעל זייער הארץ געלוסט!...

די גאנצע וועלט וועט פול זיין מיט „בשר כשר". וואו מען וועט ווארפען אן אויג וועט שטעהן א מזבח צו גאָט אויף וועלכען מען וועט מקריב זיין קרבנות... מיסטער „קאָהען" און מיסטער „ליוויי" וועלען זיך ווידער „ארומכאפען"... „ליוויי" וועט אויפשפיעלען און „קאָהען" וועט אויפזינגען, עס וועט רויכערען און שמעקען און ישראל וועט זיך בעלעקען...

ניין! א איד קען ניט זיין קיין וועגעטעריאנער און ווען א איד זאָגט מיר, אז ער עסט ניט קיין פלייש אוים פרינציפּ, איז ער סתם, זאל ער מיר מוחל זיין, א בהמה. וועגעטעריאניזמוס איז א בפירוש'ע סתירה צום יודענטום, א דם שונא דאָס גאנצע אידישקייט...

אנו, זאָגט אדרבא: ווען מיר זאָלען זיין וועגעטעריאנער, וואו וואָלטען מיר גענומען א ספר תורה, תפלין, מזוזות און רצועות צו שלאָגען מלקות?... ספרי תורות, תפלין און מזוזות, — מען מוז דאָך שינדען די הויט, אנדערש קען דאָך דאָס ניט ווערען... מיט גוטען וועלען דאָך פון דעסטוועגען די קעלבער ניט געבען זייער פעל... אָט ווי נאריש די קאלב זאָל ניט זיין, וועט זי דאָך ניט בעטען מען זאָל איהר אראָבציהען דאָס לייב אויף א „רייניגקייט", אז אידען זאָלען זיך האָבען איבער וואָס צו פראַסקען, פּאָגראָמשטשיקעס — וואָס צו רייסען און רעפּארמער ראבבים — וואס ארויסצואווארפען פון טעמפּעל.

ביי אידען ווערט דאָס שוין אָבער אלץ רעכט. א איד מאכט א ברכה און שניידט איבער דעם גאָרגעל ווי דער דין איז... ער איז „מתקן" די בהמה און האָט נאָך דערביי א מצוה. אלס וועגעטעריאנער מיט גריטשענע געפיהלען, וואָלטען מיר גאָר ניט געקענט קומען דערצו.

מיט גוטען לאָזט זיך אפילו א בהמה אויף ניט קוילענען...
דען וואָס ווייסען בהמות פון תיקון הנפש? וואָס וויים א שעפּס פון א מצוה און א ציעג פון עליות נשמה? דאָך, ווען די בהמה ווערט געבונדען און זי הערט, אז מען מאכט איבער איהר א ברכה, האָט זי סוף כל סוף אליין אויך הנאה... א קלייניגקייט צו ליגען שפּעטער ביי כלי קודש אויפ'ן טעלער, צו זיין ביי'ם גבאי א „של ראש", ביי א שניידער־באָס א „של־יד", ביי א פּראָצענטניק א מזוזה און ביי א מלמד א קאַנטשיק צו שמייסען אידישע קינדער!...

אמת, די אמונה מישט זיך טאקע ניט אריין אין די פליישפרייזען. זי זאָגט דעם קצב ניט קיין דעה און דעם טראָסט ניט קיין מוסר, דערפאַר אָבער זעהט זי אז מען זאָל גוט שחט'ן... מען זאָל ניט דערלאַנגען סתם מיט א האק איבער'ן מח ווי א פּראָסטער גזלן, נאָר עס זאָל געארבייט ווערען יורה דעה'דיג: מען זאָל ריכטיג איבערשניידען די האלז, ריכטיג ציהען די אָדערען, ריכטיג אויסקוועטשען דאָס בלוט, ריכטיג אָנזאלצען, עס זאָל זיין כשר...

א קצבים־סטרייק איז דערפאַר א'ן אונגליק פאַר'ן אידישען עולם, דען פלייש מוז מען עסען און דעם פּרייז איז שווער צו צאָהלען און עס וואָלט טאקע געווען זעהר ביטער ווען גאָט וואָלט ניט צוגעשיקט די רפואה פאַר דער מכה — דאָס איז דער אָיסטער!

א געזונד אין אָיסטער און א געזונד אין די רעפאָרמער „רבנים", וואָס האָבען איהם מתיר געמאכט!...

א אָיסטער איז ניט פליישיג און ניט מילכיג און מען מעג איהם עסען אָהן א ברכה, עסען אום שבועות און אפילו אין די

„9 טעג". מיט א אָיסטער איז סתם א פערגניגען. מען דאַרף איהם ניט קוילענען, ניט בדק'ענען ,ניט טרייבערען, ניט ווייקען און ניט זאַלצען. ער ווערט געבאָרען כשר און פארטיג ווי א רבין'ס און אייניקעל אָדער אן אמעריקאנער יורש'טע... מען שלינגט ארונטער א מנין אָיסטערס ווי די עשרת בני המן, בנשימה אחת און מען מעג באלד עסען קעז און טרינקען מילך. מען דאַרף ניט דערצו קיין רב און קיין רביצין, קיין שולחן ערוך, קיין קשיות און קיין שאלות — עס איז כשר!

דערווייל זיינען נאָך פאראן איבער אָיסטערס חלוקי דעות, מען איז זיך נאָך מישב, באלד אָבער וועט מען ארויסגעבען אויף זיי הכשרים און מען וועט זיי פערקויפען אין אלע אידישע קראָמען. מען וועט זיי שטעלען אין טשאָלענט, מאכען פון זיי א קוגעל און זינגען „יום זה מכובד"...

פאַסטען

מחזור, דאַרע־קישקע און פויסטען.

מיר אַרט ניט אויב איהר עסט יום כפור,
אויב איהר פאסט לויט דעם געבאָט,
דאַך אנגאַזשירט ניט „דזשעק די ריפּער“
אנצונעהמען זיך פאר גאָט.

די דאַרע־קישקע און דער מחזור
וועלען שוין צום רב ניט געהן...
גאָט איז אויך ניט אזא אכזר,
וואס פערפאַהרט באלד אין די ציהן.

דאָס רייצען זיך און די קולאקעס
שלייפען נאר די שונאים׳ס קעפּ:
זיי זעהען, אז איך גלוסט זיך מכות,
גיעבען זיי איך ערשט די קלעפּ...

טאָ זעהט און לעבט בשלום, אידען!
קיטעל־כת און פרייער דור,
דען וואורשט־פּאַגראָמען מיט מערידען
פאסען ניט צום נייעם יאהר.

עסען אום יום כפור!

אויב איהר מיינט, אז דאָס איז אזא גרויסער אויפטו, האָט

איהר א טעות, מיר זיינען שוין בה"ש צופיעל צוגעוואוינט צו זעהן ווי דער גרויסער, גלוביגער עולם פאסט, ווען א קליינער טייל לעבט א גוטען טאג...

די וועלט האט איהר שטענדיגען יום כפור און יום כפור־באל: אט דא הונגערט מען און מען פייניגט זיך מיט אלע פינף ענוים, מען שלאגט זיך קאפ אן וואנד, מען האקט זיך אין הארצען, מען רייסט זיך ביי דער „עבודה", מען איז „כורעים ומשתחוים", מען וויינט און מען יאמערט קהלות־ווייז, מענער, פרויען און קינדער, יונג און אלט, מען ראנגעלט זיך מיט'ן שטן המשחית, מיט דעם פינסטערען, בלוטיגען קטגור... עס איז יום כפור... און אט באלד דערביי טאקע איז א יום כפור באל: מען עסט, מען טרינקט, מען טאנצט און מען ווערט משוגע פאר נחת...

א עקסטרא הוליאנקע אום יום כפור און דוקא נעבען א שול!

א קנאפע חכמה, כ'לעבען, זיך צו רייצען מיט הונגעריגע, פערשמאכטע, צובראכענע וויינער, וואס קומען אבגעבען קאנצערט אין בכיות, א זאך, וואס דער גלות און די אמונה שטרדירען שוין איין מיט זיי אזוי פיעל דורות, און האבען זיי דאס ענדליך אויסגעלערנט.

עס איז א סך מעהר חריפות צו גצווינען די פאסטער מיט גוטען און זעהן, אז מיט דער צייט זאלען א ל ע עסען און עס זאלען קיין תעניתים ניט זיין, איידער זיך דערוויל צו ב א ל ע־ו ו ע ן אליין...

אלץ האט א גרענעץ, אפילו די פרייהייט.

ניין! עס איז ניט עסטהעטיש, ניט מאראליש אויפצומא־

כען א מויל מיט וואורשט געגעז א גלות־איד, וואָס ווייגט אין דער יום־כפור׳דיגער שמונה עשרה אויף זיינע גע׳הרג׳עטע פריינד אין די גלות לענדער.

ווי דום, ווי לעבערליך דאָס איז אין צוואנציגסטען יאָהר־הונדערט צו וועלען ווייזען די פרומע, אז כאָטש מען עסט אום יום כפור, פון דעסטוועגען שטארבט מען ניט באלד אויף אָן אָרט. דער גרעסטער פאנאטיק וויים שוין יעצט אז מיט נודעל־זופּ לעבט מען לייגגער ווי מיט סליחות, און אז קאלבס־בראטען זעטיגט מעהר ווי „יעלות“.

עס איז אויך א משוגעת צו קומען אָבזיכטליך נעבען א שול אום יום כפור רויכערען א סיגארעט. דער דאָזיגער מיטעל איז נאָך אלץ ניט קיין בעווייז, אז עס איז קיין גאָט ניטאָ.

אידען גלויבען, אז אמונה מיט רויך זיינען זיך גאָר ניט קיין שונאים... קטורת רויכערען איז א טייל פון אידיש־קייט. אידעלעך שרעקען זיך איצט ניט אזוי שטארק פאר אָן אָנגעצונדענעם פאפּיראָס. עפּעס א קאטאָוועס, מען האָט צו טאָן א רונדען מעת־לעת נאָכאנאנד מיט „שרפים“, מיט ברענענדיגע מלאכים, מיט „אש אוכלי אש“. מיט פייער־דיגע תפלות און טאקע מיט פייער־לייט אויך...

הייגט פרעגט סתם ביי ליאָד א דאָקטאָר וואָס פערשטעהט א קרענק, אויב ניקאָטין איז ניט געפעהרליך און אויב רויכערען איז ניט א שעדליכע ליידענשאפט!

פון דעם דאָזיגען שטאנדפונקט קומט דאָך ממילא אוים, אז עס איז מעהר גבורה צו בעהאלטען די סיגארעטס, איידער אנאָנסירען א פעקלל מאכאָרקע נעבען בית המדרש הגדול. און איז דאָס עסען גופא ניט מעשה בהמה? א פערד עסט דאָך

אויף, און פאסטען קען נאָר דער מענש, צייטענווייז אויף א סלעק־אפּרייטער. טאָ צו וואָס לוינט זיך דאָס צו שטעלען אין מיטען גאס מיט א שטיק לעבער־וואורשט, ווען א קאַץ און א קאָטער קענען מיר נאָכטאָן?

ווען אלע וואָלטען געווען אזעלכע מאָגען־פריינד ווי איך, וואָלט שוין דער מאָגען, און אפשר דער „מגן אברהם" אויך לאנג ארויס פון דער מאָדע... אמווייניגסטענס וואָלט איך אָט דעם בעהאַלטענעם זולל וסובא אָנגעפּייפט שענע עטליכע טעג אין יאָהר און וואָלט דאָס מיך ניט געהונגערט, וואָלט איך זיך מיט איהם אָבגערעכענט טאַקע אום יום כפור. נאָר סיי ווי סיי, ער קען לאנג וואַרטען איך זאָל זיך מיט איהם בעריהמען, איך זאָל שטעלען דעם מאָגען העכער ווי דעם מח אָדער דאָס הארץ.

דער יום כפור־מעדאַל האָט אָבער צוויי זייטען. פון איין זייט איז מיאוס א מויל מיט אן ארויסגעשטרעקטע צונג און פון דער אנדער זייט איז חלשות א מערידאַלניק מיט פויסטען. די קיטעל־אידען דארפען דאָס האָבען אין זינען און זיך ניט לאָזען אויפבורען פון פינסטערע צייטונגס־שאַרלאַטאנעס, וואָס העצען אויף צו פאַגראָמען אויף פריידענקער.

פאסטען איז אפשר א גוטע זאַך פאר דעם, וואָס האָט דער־פון הנאה, פונקט ווי קראַצען זיך, דאָך ווען איינער וויל דאָס ניט איז ער אויך ניט דער ערגסטער.

צו קאָקעטירען מיט'ן פאסטען, זיך איבערנעהמען מיט'ן האקען קאָפּ אָן דער וואנד, מיט פּעטש פאר עליות און גרייזלען קולאַקעס אויף איינעם, וואָס וויל ניט ליגען ראַקום אויף א אומריינע פּאָדלאָגע פון א שול און וויל זיך ניט בוכטשען אין הארצען קיין „חטאתי" — יאָ, זיך בויאַנעווען פון גאָט'ס ווע־

נען איז אויך ניט כדאי, ווייל גאָט דאַרף ניט קיין קאָזאַקען, וואָס זאָלען זיך אָננעהמען פאַר זיין מאָראַל...

די פאַסטער דאַרפען ניט געהן זוכען די ניט־פאַסטער אין די קלאָבס און פעראיינען, ווייל דאָרטען עסט מען ניט אויף להכעיס פונקט ווי אין שול דאַוונט מען ניט אויף להכעיס, און עסען האָט א רעכט יעדער איינער, וואָס האָט נאָר אַפּעטיט.

זאָל דער יום כפור־מחזור ניט אַרויסרופען דעם יום כפור־פּאַמפּעניק אויף א דועל, דער לעצטער האָט דאָס רעכט און די פרייהייט זיך צו ברעקלען (אויב ער האָט נאָר א יוניאָן לייבעל) פּונקט ווי דער ערשטער האָט די חוצפּה זיך צו צושפּרייטען איבער׳ן סטענדער. זיי זיינען ביידע גלייכע יחסנים. אין א פּאַנ־ראָם איז, גלויבט מיר, דער „מראה כהן" פּונקט אזא תקיף ווי די לינקע תפילה זכה, וואָס שרייט „ה" לא היה ולא נברא".

זאָל אויך די יאַרמולקע־ברינגאַרדע וויסען, עס שאַדט ניט, אז די צוקונפט געהערט דעם קאָך־בוך און ניט די סליחה. מען האָט זיך שוין גענוג איבערצייגט אז מיט פאַסטענים קען מען קיין חובות ניט צאָהלען. איהר מעגט פ א ל ע ן טויזענד מאָל כ ו ר ע י ם, וועט איהר דאָך מוזען א ו י פ ש ט ע ה ן און לויפען בעגינען צו דער אַרבייט. אין אמת ערנסטע ענינים העלפט דער יוניאָן־ביכעל מעהר ווי דער מחזור און דאָס רוב ריכטיגע יוניאָן־לייט האָבען פיינד צו פאַסטען הפסקות, דען זאָגסט וואָל־טען זיי זיך ניט פעראייניגט געגען די וואָס צווינגען זי צו הונ־גערען.

משומדים און פרייע דענקער

דער גורל פון ביידע ביי אידען און אנדערע פעלקער אמאל און היינט.

צייט די וועלט געשיכטע האט אנגעהויבען ווארפען איהר ליכט אויף מענשליכע מעשים זעהען מיר א שטארקע שנאה צו די וואס גלויבען ניט, אדער גלויבען אנדערש ווי דער כלל. דער אונגלויביגער, דער אפיקורס איז שטענדיג געווען א פלעק אויף דער משפחה, אן אונגעבעטענער גאסט ביי זיינע קרובים, אן אונגעווינשטער מיטגליעד אין דער קהלה און א פערדעכטיגער שכן ביי זיינע שכנים.

אין די „אלטע גוטע צייטען" ווען פרומקייט האט נאך געטהראנט צווישען די שטערבליכע; די גייסטליכקייט האט נאך געטראגען איהר שלאפראק אויף ביידע ארבעל; רעליגיאן האט איינגעמאהנט איהר חוב ביד חזקה און „דער צוועק האט געהייליגט די מיטעל", — אין יענע צייטען פלעגען זיך די „קטני אמונה", די קליין־גלויביגע אויסריכטען א פינסטערן סוף.

ווען איז געווען דעם, וואס האט זיך ערלויבט צו דיינקען אין אמונה זאכען אנדערש ווי דער כלל, זיין שיקזאל איז דאן געווען צוגעזיגעלט. אט ווי שוואך אידען זיינע געווען זיך

אבצורעכענען מיט א פרעמדען אדער אייגענעם געפעהרליכען שונא, זיינען זיי אבער שטענדיג געווען שטארק געגוג „אנצור־לערנען" אן אפיקורס.

קהל האט זיך ניט געקימערט ווער דער מענש איז געווען, קוים איז ער ניט געשטאנען אויף קיין גוטען פוס מיט די תרי"ג מצוות און האט זיך ערלויבט צו מאכען א זויערע מינע אפילו אויף דעם קלענסטען מנהג האט מען שוין געהאט אויף איהם אן אויג.

ווען מען האט געהאלטען ביי אויפטרעטען געגען אונגלוי־ביגע איז אפילו אזא ליכטיגער שטערן ווי ברוך שפינאזא אויך קיין יחסן ניט געווען. מען האט זיך ניט גערעכענט מיט זיינע אונבעגרענצטע ידיעות און ערהויבענע דעות און חקירות, זאנ־דערן מען האט פערלאנגט פון איהם א פאלשטענדיגע חרטה אויף זיינע פרייע געדאנקען, ווען ער האט ניט געפאלגט, האט מען איהם אריינגעלייגט אין חרם.

אפילו דער רמב"ם אליין האט ביי די פערברענטע פרומא־קעס קיין צורה ניט געהאט, מען האט איהם אויך ניט געשאנע־וועט. ווען עס האבען זיך געפונען רבנים, וואס האבען געזעהען אין רמב"ם'ס ספרים אפיקורסות האבען זיי דעם מחבר מחרים געווען און זיינע ווערק פער'משפט צום פייער.

ווער וויים ניט פון די צרות, וואס א אידישער לעהרעריל, אדער סתם א משכיל פלעגט א מאל אויסשטעהן אין די קליינע אידישע שטעדטלאך פון ליטא, פוילען און גאליציען? מען פלעגט נאכשפירען זיינע טריט און בעטראכטען די בעוועגונג פון זיין שאטען. מען פלעגט וועגען און מעסטען זיינע ווער־טער טאמער וועט מען אין זיי געפינען אפיקורסות. אין א

תענית פלעגט מען היטען אויב ער פאסט, צו „עלינו“ פלעגט מען אכטונג געבען צו ער שפייט אויס, דען די אמאליגע קליינ־שטעדטעלדיגע אפיקורסים פלעגען נאך זאגאר אויסשפייען צו „עלינו“, די יעצטיגע נאטירליך שפייען שוין אויפ'ן גאנצען דאוונען.

בנוגע צו פערפאלגען אונגלויביגע, אדער מענשען, וואס זיינען סתם געווען פעררעכענט אלס „געכאפט אין דער מעשה“, זיינען די אידען קיינמאל ניט געשטאנען אליין. זייערע שכנים האבען דאס נאך פראקטיצירט מיט מעהר הארטנעקיגקייט און אכזריות. איבערהויפט האבען זיך אויסגעצייכענט אין דעם די ליעב־הארציגע קריסטען. די קריסטליכע אינקוויזיציאן צו בע־שטראפען אפיקורסים האט קיין פערגלייך אין דער געשיכטע פון מענשליכע ווילדקייט און בלוטדורשטיגקייט.

די פרומאקעס, די קנאים האבען קיינמאל ניט געוואלט ווארטען ביז גאט אליין וועט איינמאנען זיינע קריוודעס און זיך אברעכענען מיט זיינע אונגעהארכזאמע קנעכט, נאר אזוי ווי די „לינטשערס“ אין זיד אמעריקא, פלעגען זיי שטענדיג נעהמען דאס געזעץ אין זייערע אייגענע הענד אום איינצושפא־רען דעם רבונו של עולם א שטיקעל ארבייט. דער כעס אויף די „ניט־פרומע“ פלעגט זעהר אפט זיין ניט אזוי פיעל פאר זייער ניט פרומקייט ווי דערפאר, וואס דער עולם האט גע־גלויבט, אז צוליעב די אפיקורסים שטראפט גאט אנדערע, אונ־שולדיגע מענשען. צוליעב דעם אפיקורס, האבען זיי געגלויבט, שטארבען קליינע קינדער, קינפעטארענס, שדים כאפען זיך אריין אין שטאדט און פערנארען מוהלים, חתנים און כלות, און שטעלען חופות אין וואלד.

עס איז דערפאר זעלבסטפערשטענדליך געווען א גרויסע מצוה צו פעריאָגען אַן אפיקורס ווי א חיה רעה און איהם אָנטאָן עינוים קשים.

א פיעל בעסערען מזל האָבען אָבער ביי אונז אידען געהאט די משומדים. אָט די זרע מרעים האָבען פאר אונז קיינמאָל קיין מורא ניט געהאט און מיר פלעגען זיי טאקע, ניט נאָר אבטרעטען דעם וועג, נאר דאס רוב אבגעבען גרויס כבוד און מאכען מיט זיי גאנצע פאראדען. אין דער צייט וואָס מיר פלעגען אויסגיסען אונזער גאנצע גאל אויף דעם אפיקורס, אָבוואהל ער האָט זאָנסט געמעגט זיין דער בעסטער און טהייערסטער מענש, אָט אין דער צייט פלעגען מיר ציטערן אויסריידען א שלעכט וואָרט דעם משומד.

דיעזע העפליכקייט אָדער פריינדליכקייט געגען משומד איז ביי אונז אידען ניט געקומען חלילה דערפון, וואָס מיר האָבען איהם שטארק ליעב געהאט. ניט מיט ליעבשאפט האָט דער איד געקוקט אויף דעם בן סורר ומורה, זאָנדערן מיט פורכט, מיט א שטילען אונבעוואוסטען ציטער: „סטייטש א משומד, ווער וויס, וואָס ער קען נאָך א מאָל עפעס אויפטהון געגען אידען". און אידען האָבען אין דעם פרט קיין טעות ניט געהאט, דען די בלוטיגסטע פון די אינקוויזיטאָרען אין שפאניען און אין מאנכע אנדערע לענדער זיינען געווען אידישע משומדים, רבנים זאָגאר. וואָס האָבען זיך גע'שמד'ט אום זיך שפעטער צו קענען באָדען אין אידיש בלוט. דעם איינציגען זכות, וואָס מען האָט געקענט אויף מאנכע משומדים געפינען איז דאָס, וואָס אידען האָבען זיי געטריעבען צום שמד מיט זייער פערפאָלגונג פאר ניטפרומקייט. נאטירליך ווען זיי האָבען שפעטער אָנגענומען די

אמונה פון דער הערשענדער מאכט האָבען זיי זיך נוקם געווען אָן זייערע פערפאָלגער. דער משומד האָט נאָר פערלאָרען א ביסעל פון זיין גלאַנץ אין די פריערע לענדער, וואו אידען פרעגען ניט נאָך זייערע מסירות און בלבולים, דער אפיקורס אָבער איז אפילו אין דיעזע לענדער אויך ניט אין גאַנצען פריי פון רדיפות און אידען האָבען נאָך דאָ אויך מעהר דרך ארץ פאר א משומד, זיי ווילען זיך מיט איהם גיכער חבר'ן, איהם אַנטרויען זייערע ענינים ווי דעם אפיקורס.

— עס — זאָגען זיי — זאָל ער זיין א גוי, אבי ער גלויבט אין עפעס...

אידען לאָזען דאָ געהן זייערע קינדער אין מיסיאָנערסקע שוהלען און „קינדער גארדענס", און עס ארט זיי גאָר ניט, קוים אבער װאלטען זיי זיך דערוואוסט, אז דיעזע שוהלען און „קינדער גארדענס" זיינען פון פריי־דענקער, אפיקורסים, וואָל־טען זיי די קינדער באלד פון דאָרטען צוגעכאפט. די אפיקורסים, וואָס זיינען געבליבען מיט אונז, האָבען אונז שטענ־דיג אָבגעצאָהלט מיט ברכות פאר קללות. מיר האָבען זיי פער־אכטעט, גע'רודפ'ט, פערביטערט זייער לעבען, אוועקגענומען זייער ברויט און זיי האָבען רייך געמאכט אונזער געשיכטע. זיי האָבען פאר אונז געשטריטען אין אלע אונזערע מלחמות, פערטהיידיגט אונז געגען די שונאים און פול געמאכט די וועלט־ביבליאָטעקען מיט אונזערע אונשטערבליכע ווערק. די משומדים אָבער האָבען מיר קיינמאָל ניט געקענט צופריעדען שטעלען. וואָס מעהר מיר האָבען זיך צו זיי מקרב געווען, אַלץ מעהר האָבען זיי אונז געזוכט צו פערשווארצען דעם פנים און ארייג־

לאזען אין אונז זייער געפעהרליכען גיפט, וואס פלעגט אונז ברייננען דעם טויט.

דער אפיקורס איז שטענדיג געווען אונזערער, ער האט שטענדיג געזוכט אונז צופריעדען צו שטעלען און אונז צו פער־אינטערעסירען מיט זיין אויפריכטיגע פריינדשאפט און אידיש הארץ, וועהרענד דער משומד האט נאר געזוכט צו געפעלען אונזערע שונאים. פונקט ווי דער דעזערטיר, וואס אנטלויפט פון זיינע אייגענע רייהען צום שונא אין לאגער, קען זיך נאר ניצליך און פערדיענט מאכען אין זיין נייעם ארט, ווען ער ווייזט דארט אן די שוואכע פונקטען פון זיינע פריהערדיגע קאמעראדען, אזוי קען אויך דער משומד נאר אויסנעהמען ביי זיינע נייע „פריינד" אנווייזענדיג דעם אידענס שוואכקייטען, און דער משומד האט זיי שטענדיג אנגעוויזען פאר דער גאנצער וועלט.

אפיקורס און משומד! עס איז צווישען זיי קיין פערגלייך ניטא. דער רמב"ם און דער אינקוויזיטאר פאולוס, שפינאזא און פעפערקארען, מענדעלזאהן א. ז. וו., א. ז. וו. ווער וועט דאס פרובירען דיעזע מענשען צו פערגלייכען? זעלבסטפער־שטענדליך, אז מען קען צווישען די געפעהרליכע משומדים ניט איינרעכענען אזעלכע, וואס זיינען צוגעשטאנען צו א פרעמדען גלויבען איבער גוואלד. מיר ריידען דא ניט וועגען אנוסים, געגען וועלכע דער שונא האט געהאלטען אין איין האנד די עבודה זרה און אין די צווייטע דעם שווערד. מיר ריידען פון משומדים בכלל, ווי זיי ווערען געוועהנליך פערשטאנען. מיר ריידען פון הפקר יונגען, וואס געהען זוכען ליעבע אין א פרעמ־דען שוים.

דאָך ווי עס שיינט איז דעם משומד'ס צייט אריבער. מענ־שען ווערען אויפגעקלערט, מען גלויבט ניט מעהר דעם גע־שמד'טען, אז ער מיינט ערנסט מיט זיין אויסטויש. זיינע נייע רעליגיאָנס גענאָסען קוקען אויף איהם מיט פערדאכט און איי־לען זיך ניט אזוי גיך איהם צו שיינקען זייער צוטרויען. דאס קומט נאטירליך דערפון, וואָס דער עולם איז יעצט איבערהויפּט ניט מעהר אזוי גלויביג און זוכט אין משומד'ס איבערקעהרעניס אנדערע מאָטיוועז ווי די פערליעבענעס אין א נייעם גאָט און א נייע תורה. די וועלט פאנגט אויך אָן צו קוקען פיעל מילדער אויף דעם אפּיקורס און מענשען „אַטוואזשניקעס" געהען נאָך זאָגאר הערען אפּיקורסישע דרשות און בעצאָלען פאר א בילעט. די צייט האָט אונז געלערנט צו זיין ווייכער און גערעכטער גע־גען די, וואָס זיינען ניט אזוי פערפרומט און דענקען אנדערש ווי מיר. מיר האָבען יעצט אָנגעפאנגען צו זוכען אין דעם מענ־שען דעם מענש, אָבגעזעהען אויב ער עסט אין א יארמולקע אָדער אָהן א היטעל, אויב ער דאווענט מנחה בציבור, אָדער ער איז עטליכע מעת לעת נאָך „ברכו". אמאָל פלעגט מען פרעגען: „איז ער עפּעס א פרומער איד?" און יעצט פרעגט מען: „איז ער עפּעס אן ע ה ר ל י כ ע ר איד?" עהרליכקייט און מענש־ליכקייט הייבען אלץ אָן מעהר צו פערנעמען דעם אָרט פון פרומ־קייט און די מורא פאר דעם אונגלויביגען'ס חטאים האלט ביים פערשווינדען.

אידען און קריסטען,ביידע זיינען יעצט געקומען צום בע־שלום, אז דאָס וואָס מען פלעגט אמאָל רופען „אפּיקורסות" וואָלט גאָר יעצט געווען פרומקייט און עס איז דערפאר א מורא צו פערפאָלגען די יעצטיגע אפּיקורסים, ווייל זיי וועלען נאָך אפשר זיין די נביאים פון דער צוקונפט...

פאַמיליע

רייד מיט אַ אידענע

אַ טענה מיט שפּרינצע די „ארורה״, וואָס פּוילט זיך צו פערקאָמען און אַרומוואַשען, ווייל זי האָט שוין חתונה געהאַט.

שפּרינצע! פאַרוואָס טהוסטו זיך ניט אָן ווי אַ מענש? פאַרוואָס פערקאַמסטו ניט דיינע האָר און קוקסט זיך ניט איין אין שפּיגעל וואָס פאַר אַ פּנים דו האָסט?

— גאָר אַ נייעס, זיך אויספּוצען! אַ מיידעל בין איך, וואָס? איך האָב דאָך שוין אַ לויב צו גאָט, חתונה געהאַט און געפעל מיינעם אַזוי אויך...

— שפּרינצע, דו האָסט אַ טעות. מיר דאַכט, אַז דו געפעלסט איהם שוין גאָר ניט און טאַקע נאָר דערפאַר ווייל דו האָסט שוין חתונה געהאַט...

— משוגע, סאָנע שראָעל, (שונא ישראל) וואָס פּלוידערט איהר?

— דאָס וואָס דו הערסט, שפּרינצע: איך וועל דיר פערטרויען אַ סוד, צווישען אונז ביידען זאָל דאָס בלייבען, זיי ווייסען, שפּרינצע, אַז ווען דו זעהסט ניט, מאַכט דיינער חן'דעלאך צו דער אידענע פון „יענער שטוב״ און צו דער „ווייבעל פון אויבען״.

דו ווייסט פאַר וואָס ער טהוט דאָס?

— נו... נו... סיי ווי סיי, פארוואָס?

— האָב געדולד, שפּרינצע, כאַפּ ניט! איך וועל דיר דער־ציילען „פארוואָס“, אָט טאקע דערפאר וואָס די אידענע פון „יענער שטוב“ ווייס זיך ווי צו טראָגען, און די „ווייבעל פון אויבען“, כאָטש זי איז ניט אינגער און ניט שענער פון דיר, האלט זיך אָבער א סך ריינער, און גיט אכטונג אויף זיך מעהר ווי דו.

נאָר דערפאר געפעלען זיי „דיינעם“.

— ווייס איך וואָס! איך גלויב דאָס ניט אויף מיין מאַן, דאכט זיך, אז ער האָט מיר נאָך קיינמאָל ניט אויסגערעדט.

— און איך זאָג דיר, שפּרינצע, דו זאָלסט דאָס גלויבען. ווען ניט, וועסטו חרטה האָבען. דיר דאכט זיך דאָס נאָר אז „דיינער“ רעדט ניט, ער רעדט שוין גאָר, שפּרינצע, און רעדט ער, מיט באקציינער! אויב ער רעדט ניט צו דיר, רעדט ער צו מיר... ער דערציילט מיר אַלץ, איך ווייס אַלץ, מיר זיינען אלטע גוטע פריינד, אלטע חברים...

אויב איך האָב קיין טעות ניט האָט שוין „דיינער“ דיר אליין אויך א מאָל אויסגערעדט פאר וואָס דו „קוקסט ניט אויף זיך“. פּרוּף זיך נאָר גוט צו דערמאנען! „דיינער“ איז א קלו־גער, שפּרינצע, ער איז דוקא א שטילער און האָט פיינד פיעל צו ריידען, אויב דו פערשטעהסט איהם ניט אויפ׳ן וואונק ביזטו אויף צרות.

— אויף צרות גאָר? צו מיינע שונאים׳ס קעפּ!

— יאָ, יאָ, שפּרינצע, דו ווייסט, אז „דיינער“ איז נאָך גאָר א יונגער מאנטשיק, וואָס זעהט נאָך אויס „נישט צו פער־זינדיגען“: פיינע וואָנצעס און א יונג פּנים׳ל. דו אָבער ביזט

שוין ציעמליך גוט אָבגעבלאקירט, שוין א ביסעל צוגעלעגען. קיין וואונדער, שפּרינצע, עס איז דיר ניט צו פערדיינקען: א פּאָר קינדערלעך, וואשען, ביגלען, קאָכען, סקראָבען, בריהען — דאָס אלץ ליגט זיך אין די ביינער.

— אהא, איהר קומט שוין צום שכל, איהר כאַפּט שוין פערשטעהן אַן עסק.

— דאָס פערשטעה איך שוין פון לאנג, שפּרינצע, דאָך „דיינער" לעקט אויך ניט קיין האָניג. ער זיצט אויך ניט אויפ'ן אויוועז און ווארימט זיך. ער ארבייט, שפּרינצע, ער זעהט אז דו זאָלסט האָבען פון וואנען צו לעבען. די מינוט אָבער, וואָס דיינער איז א היים, מוזטו איהם דאָס לעבען פערזיסען אבער ניט פערמיאוסען.

דו מיינסט, אז ער איז דיינער מוז ער דאָס שטענדיג זיין דיינער אונטער אלע אומשטענדען? ער קען ווערען אן אנדע־רערס אויך ווען דו ועסט קיין שכל ניט האָבען. קיין גוואלד זאכען זיינען ניטאָ אויף דער וועלט, און הלואי זאָל דאָס אזוי ניט טרעפען ווי עס טרעפט!

דו לייענסט א מאָל ציטונגען? אויב דו לייענסט וועסטו געפינען גענוג טראגעדיעס צוליעב אונגעראָטענע ווייבער. דער שלומפּער האָט אָנגעמאכט מעהר גרושות און עגונות ווי ערגעץ א חסרון אין דער וועלט.

— איך פערשטעה דאָס ניט. פארוואָס בין איך מיינעם געפּעלען געווארען פאר דער חתונה? בין איך ניט די זעלביגע שפּרינצע וואָס פריהער?

— געוויס ביזטו די זעלביגע שפּרינצע, און וועסט די זעל־ביגע פערבלייבען ביז אין טויט אריין, א שפּרינצע בייט זיך

ניט איבער... פערלאָז זיך אָבער ניט אויף דעם, וואָס דו ביזט א מאָל „דיינעם" געפעלען געוואָרען.

ערשטענס ביזטו געווען אינגער, און א יונגע שפּרינצע איז גאָר אן אנדער זאך... צווייטענס האָסטו געארבייט מיט דער גאל שונאי ישראל, דיין מאן צו געווינען.

דו האָסט איהם אויפגערייצט מיט א שעהנעם יאקיל, מיט בענדלאך, מיט שפּיצען, מיט א פערפּוצטע הוט, מיט שיכלעך און געלע שנאָלען, מיט פּאטשערקעס, מיט א טול און טאקע מיט א ביסעלע שמינקע און א פלעשעלע פּארפומע. האָסט געזוכט צו שיינען און צו שמעקען.

יעצט אָבער ביזטו א „אידענע", דער אמאָליגער כשוף איז געבליבען אין זאאל, וואו דיינער האָט דיך מקדש געווען. די גאָלדענע ליעבע האָט זיך געענדיגט באלד נאָך די גאָלדענע יויך...

אָט הער, אדרבא, וואָס א גרויסער דייטשער דיכטער האָט א מאָל געזונגען וועגען אלע „שפּרינצעס" און אלע ליעבעס אָהן אן אויסנאהם:

„אך! דעם לעבענס שענסטע פייער ענדיגט אויף דען לע־בענס מאי; מיט דעם גירטעל, מיט דעם שלייער רייסט דער שענער וואהן ענטצוויי". דאָס הייסט אויף פּראָסט מאמע לשון, אין אידישע אידיש: „דער דעקטוך און דאָס חתונה געניי, אָי, נאָך דער חופּה איז א בראָך צו זיי"...

געדיינק דערפאר, שפּרינצע, וואָס איך פערזאָג דיר! דאָס זיינען עטליכע כללים, וואָס דו מעגסט זיי אויסלערנען און גוט איינ׳חזר׳ן אויף אויסענווייניג, זיי וועלען דיר צוניץ קומען אין לעבען.

דו מוזט זעהן צו האלטען ארדנונג אין הויז, דאך פריהער

פון אלץ האלט זיך אליין אין אָרדנונג, ווייל מיט דער הויז האָט דיינער ניט חתונה געהאט, מיט דיר אָבער דאַרף ער פער־בריינגען זיין גאַנץ לעבען. זעה דו זאָלסט איהם ניט נמאס ווערען!

פּראָביר ניט דיינעם אויב ער וועט דיך ליעבען אין א שלומפּער, ווייל ער וועט האָבען א ברירה און דו וועסט שפּעטער חרטה האָבען.

דו דאַרפסט וויסען, אַז די ביליגעסטע זאַכען אין דער וועלט זיינען זייף און וואסער און ווי ווייט דיעזע אַרטיקלען קענען האַלטען דיך און דיין הויז אין אָרדנונג דאַרף איך דיר ניט זאָגען.

האָב ניט מורא צו קוקען אין שפּיעגעל, דו וועסט איהם קיין עין הרע ניט געבען, דאָך שטענדיג זאָלסטו האָבען א קאַם דערביי, קענסט זיך גאַר ניט פאַרשטעלען וואס'ער א ניצליכע זאַך א קאַם איז ווען מען געברויכט דאס נאַר אַזוי אָפט ווי מעגליך.

דו טאָרסט קיינמאָל ניט פערגעסען אַז צאָהן־פּולווער קאָסט אין גאַנצען א קלייניגקייט און איז ניט אָבצושאַצען מיט מי־ליאָנען.

— וואָס! איז דאָס דער גאַנצער צוועק פון הייראַטען? אימער און אייביג זעהן צו געפעלען דעם מאַן, איהם שאַפען פערגניגען און זוכען צו זיין פאַר איהם א קוקלע? אַזא בע־גריף, האָט איהר דאָס מענער, פון א פרוי אפילו יעצט אין די אויפגעקלערטע צייטען? אפשר גאָר אָנטאָן זיך פאַר איהם אין לייב קאָליר און טוליענע קליידלעך ווי א באַלעט טענצערקע? פוי, דאָס איז שענדליך!

— חלילה! דאָס מיין איך ניט, שפּרינצע, דאָך אויב דו מיינסט אז דיין מאן האָט דיך גענומען ווייל ער האָט זיך פערבּיינקט נאָך קינדער, אָדער ווייל ער האָט ניט געקראָגען וואָס צו עסען אָדער וואו צו שלאָפען — האָסטו ווידער אַ טעות.

„דיינער" האָט נאָר ד י ך, דיך אליין גענומען, שפּרינצע, דיך צוליעב דיר אליין, ווייל דו ביסט איהם געפעלען געוואָרען. אויב ער האָט דיך אפילו געהייראט צוליעב דיינע פאָטער, אויב געלד איז געווען דער הויפּט צוועק, דאן וועט זיך דיעזער צוועק שנעל אויסצוועקלען און דער עיקר וועסטו זיין, און דו קענסט זיין דער עיקר דורך דיין האלטונג.

די פרוי מוז שטענדיג זיין אַ שטיקעל חצופה, אָבער נאָר פאר איהר מאן.

— איז דאָס אָבער גוט אזוי? האָט נאָר די פרוי פליכטען און דער מאן גאָר ניט?

— געוויס האָט דער מאן פפליכטען. געוויס, שפּרינצע, דו וועסט הערען וואָס'ר אַ צעטעל איך וועל איהם לייענען, און אנדער מאָל, דאָך חן און זיסקייט זוכט מען ביי דער פרוי. עס איז נאטירליך אז די פרוי זאָל ערשיינען שענער ווי דער מאן, די נאטור האָט איהר שען געמאכט, געגעבען איהר אַ עדעלערע הויט, רייכערע פארבען, פיינערע פאָרמען און גליעדער און דאָס וואָס די נאטור האָט אליין אויסגעצאצקעט זאָל דער מענש ניט פערדארבען.

— יעצט זיי געזונד, שפּרינצע, איך וועל ערגעץ געהן אויפזוכען דיין יעקלען.

—... געהט... געזונד!

מיט יעקעל שפּרינצעס

א וכוח איבער דער פראגע פון „איך מאן, דו ווייב, איך שלאָג, דו שוויג“ און עטליכע ווערטער וועגן פרעמדע ליעבע.

ענדליך, יעקעל, ביזטו דאך „ארויס פון די כלים“ און האָסט דיך צוקריגט מיט דיין שפּרינצען. איז דאָס אָבער אָרענטליך, איז דאָס גוט, איז דאָס מענשליך זיך צו קריגען מיט דעם ווייב, מיט דער לעבענס־בעגלייטערין?

— קריעגען! א ברירה האָב איך געהאט? גאָר, פּינסטער אָב א לעבען מיט אזא שלאק ווי מיינע, גאָר, לעב מיט אזא אי־דענע ווי שפּרינצע די ארורה און האלט דאָס מויל!

נו, און יענעמ'ס „אידענע“, יעקעל, מיינסטו איז אנדערש? עס איז, גלויב מיר, די זעלבע „שפּרינצע“ נאָר מיט אן אנדער נאָמען און דו ביסט א גרויסער לעקעש, במחילה, ווען דו ווילסט דאָס ניט פערשטעהן.

זיי וויסען, אז יענעמ'ס „אידענע“ געפעלט דיר נאָר, ווייל זי איז יענעמ'ס, קוים וועט זי זיין דיינע, וועט זי ווידער ניט טויגען. אין גרונט גענומען געפעלט דאָך דיר ניט נאָר יענעמ'ס אידענע, נאָר אַלץ וואָס עס איז יענעמ'ס איז בעסער ווי דיינע. אָט פּרוביר זיך מיט יענעם ביי־טען וועסטו אויסגעפינען, אז דו האָסט זיך מיאוס אָבגענארט.

— מעגליך, אז דאָס איז אמת, אבער דאָס ווייבעל פון אוי־בען למשל, איז דאָך מעהר מענש ווי מיינע. זי איז דאָך מעהר אויפגעראמט ביי זיך, זי האָט א שענערע האלטונג, א פיינערעס בענעהמען. מיין שפּרינצע מעג זיך כ׳לעבען אויף איהר פּער־קוקען און נאָכפאָלגען איהר ביישפּיעל.

דאָס דאכט זיך דיר נאָר, יעקעל, ווייל זי וואוינט מיט א טרעפּ העכער... מעגליך אפשר, אז דיינע קען זיך ניט אזוי דרייהען אויפ׳ן קנאפּעל, דערפאר אָבער איז זי דיר מעהר געטריי ווי „דאָס ווייבעל פון אויבען״. דאָס מוזטו צוגעבען. און גע־טריישאפט איז א זאך וואָס וואלגערט זיך ניט אויפ׳ן גאס אין אונזער וועלט. און ניט נאָר געטריי אליין איז דיר דיין שפּרינצע, זאָנדערן זי ליעבט דיך אויך, און א מענש, וואָס ליעבט, פער־דיענט געליעבט צו ווערען.

— וואָס קומט אָבער ארויס וואָס זי ליעבט מיך, אז איך ליעב איהר ניט מעהר?

אָבער א מאָל האָסטו דאָך איהר יאָ געליעבט, יעקעל, זאָנסט וואָלסטו דאָך מיט איהר ניט חתונה געהאט. האָב קיין טעות און זיי ניט קיין יעקעלע נאר, זי איז די זעלבע שפּרינצע וואָס פריהער... אויב זי האָט זיך אונטער דער צייט א ביסעל פערענדערט, איז דאָס נאָר דערפאר, ווייל אלץ אין לעבען ענ־דערט זיך און שטעהט ניט אויף אן אָרט.

ביזטו דער אייגענער יעקעל וואָס מיט עטליכע יאָהר צוריק?

עס הויבט זיך גאָר ניט אָן!

עס קען זיין, אז דיינע האָט זיך א ביסעל צוגע׳חן׳דעלט, צוגעפּוצט אום דיר צו געפעלען, דאָס הייסט: זי האָט דיך א ביסעל אָבגענארט. האָסטו אָבער ארויסגעוויזען דיין אמת׳ע גע־

שטאלט פאר איהר? זאָג דעם אמת, יעקעל, שעם זיך ניט! האָסטו זיך געוויזען פאר דיין שפרינצען מיט אלע דיינע חסרונות? דו מוזט מודה זיין, אז דו ביזט אויך ניט כולו צאצקע.

א פערמעגענס, יעקעל, פיעל דיר פעהלט נאָך צו א עכ־טען דזשענטעלמען!

האָסטו דערצעהלט דיין שפרינצען פיעל מיידלעך דו האָסט געקענט איידער דו האָסט זיך פער׳קנס׳ט מיט איהר? האָסטו איהר דערצעהלט וואו דו פלעגסט אלס בחור אָפטמאָל פער־בריינגען גאנצע נעכט...

ניין, יעקעל, דו האָסט דאס איהר ניט געזאגט, דו האָסט איהר אָבגענארט, מיאוס אָבגענארט און יעצט האָסטו נאָך פרע־טענזיעס!

דו רעדסט וועגען „א ווייבעל פון אויבען“, יעקעל, ווייס־טו דען ניט, אז דאָס ווייבעל פון אויבען האָט א מאַן? און זאָל שוין זיין, אז זי וועט אוועקוואַרפען א י ה ר ע ן און געהען וואוינען מיט דיר, קענסטו אויף אזא פרוי א סך בויען? מיט וואס ביזטו זיכער, אז זי וועט שפּעטער דיך ניט אויסבייטען אויף אַן אנדערען?

— אָבער האָט איהר אליין ניט געזאָגט, מיין ליעבער לי־טעראט, אז „יעדע פרוי דארף זיין א שטיקעל חצופה פאר איהר אייגענעם מאַן?“ בכן האַלט איך פון אייער לעהרע און פאָדער דאָס פון מיין שפרינצען.

יאָ, אמת, יעקעל, יעדע פרוי ד א ר ף זיין א שטיקעל חצופה פאר איהר אייגענעם מאַן. געדיינק זשע! זי ד א ר ף דאָס זיין, אָבער זי מ ו ז דאָס ניט זיין. זי ד א ר ף דאָס נאָר זיין אייגענטליך פון שלום בית וועגען, ווען איהר מאַן איז צו

פיעל וואוילער יונג, צו פיעל מפונק, ווייל ער האָט שוין גענאשט פון אלע קיכען, קיכלעך פון פערשיעדענע אויוועגס...

א פרוי, וואָס האָט א לייטישען מאַן, א בעל הבית'ישען מענשען, און ניט קיין „חברה מאַן", קיין דורכגעמאַכטען, דורכ־געטריבענעם יונגאַטש — איז זיך גאָר ניט מחויב אזוי שטאַרק צו פוצען און צו חנ'דלען. א מאַן, אַן אמת'ער, אָרענטליכער, קלוגער מאַן דאַרף האָבען אנשטאנד און שכל גענוג אזא זאך גאָר ניט צו פערלאנגען, ווייל ביי חצופות איז קיין גרונד ניטאָ...

קוים וועט זיך דיין שפּרינצע אָנהויבען שטאַרק צו פוצען און קאָקעטעווען פאַר דיר אליין ביסטו ניט זיכער, אז זי וועט ניט געפעלען א צ ו ו י י ט ע ן. אַן אויסגעפוצטע שפּרינצע געפינט שטענדיג א בעלן... דאָס זיינען זאַכען, וואָס האָבען שוין געטראָפען און טרעפען יעדען טאָג אין יאָהר.

היינט פערשטעה איך סתם ניט דיין בעגריף פון פערהייראַטען לעבען, יעקעל. דו מיינסט, אז דער נאָמען „מאַן" איז שוין א גענוגער תירוץ אויף אלע קשיות. דיין שפּרינצע דאַרף זיין א ווייב, א דיענסט, אַן אם, א בעל־הבית'טע, א מוטער, א ספּעציעלע צאַצקע פאַר דיר זיך צו שפּיעלען ווען דו ביסט גוט געלוינט און אַן עקסטרא „שווארץ יאָהר" צו ווענען דו זאלסט בטלן אלע בייזע חלומות ווען דו קומסט אָפּט מאָל א היים מיט א פערביטערט הארץ. דו ביסט הינטערשטעליג, מיין פריינד, א סך הינטערשטעליג ווען דו האלסט נאָך פון דעם פערשימעל־טען כלל: „איך מאַן, דו ווייב, איך שלאָג דו שווייג" דער עולם־שער ווערטעל פון „והוא ימשל בה, קאָך מיר לאָקשען", איז שוין לאַנג ארוים פון דער מאָדע.

די „שפּרינצעס" זיינען יעצט די זעלבע יחסנים ווי די

יעקעלם, מיין ליעבער יעקעל, דו האסט פפליכטען פונקט אזוי גוט ווי דיין ווייב.

— איך ט ו מיין פפליכט, האב דאס ש ט ע נ ד י ג גע־טאן. איך ארבייט פאר מיין פאמיליע.

נו, און דיין „אידענע" געהט ארום ליידיג? זעה ווי זי זעהט אוים! דאס איז ניט פון צו פיעל וואוילטאג. האט זי אזוי אויסגעזעהען פאר דער חתונה? זאג דעם אמת, יעקעל, וואלסטו איהר „גענומען" ווען זי וואלט געהאט אזא צורה אלס מיידעל? גלויבסטו, אז ווען זי וואלט אזוי אויסזעהען וואלט איהר געהאלפען דאס חן'דלען זיך, די שמינקע מיט דעם יאקעל, די שיכלעך מיט די שנאלען און די הוט מיט די בלומען?

דאס האט זי ביי דיר געקראגען אזא צורה. איך וויים ניט אויב דו ביזט אין גאנצען פעראנטווארטליך דערפאר, איין זאך איז אבער זיכער: ביי דעם מאן, וואס האט איינזעהענים מיט זיין פרוי און בעטראכט זי אלס זיין גלייכען, אדער אלס עט־וואס העכערעס — וועט זי ניט אזוי גיך אבבלאקירען. א פרוי איז די עדעלסטע בלום אויף דר'ערד, מען מוז זיין פארזיכטיג מיט איהר,אויב מען וויל זי זאל ניט אזוי גיך פערוועלקען.

דו האסט עפעס פריהער גערעדט וועגען „ניט ליעבען", יע־קעל, מיינסטו אז דו און דיין „אידענע" זיינען דאס די איינ־ציגע פאר פאלק ביי וועמען די ליעבע קיהלט זיך אב אין עט־ליכע יאהר נאך דער חתונה? פרעג דיינע בעקאנטע און הער־וואס זיי וועלען דיר זאגען!

ליעבע איז א קריעגעלע מיט טייערע פארפומע פון וועל־כען די הייראט נעהמט ארוים די פראפען. פון אנפאנג שמעקט דאס שטארק, גאנץ שטארק, אבער לאנגזאם, לאנגזאם דומפפט

דאָס אוים און עס בלייבט דערפון ניט מעהר ווי א ביסעל אוים־געוועבטע וואסער... אומזיסט זוכסטו דעם פריהערדיגען אראַמאט אין דעם קריגעל. עס איז ניטאָ מעהר. עס איז אויסגעגאנגען ווי א זיסער חלום, ווי א גאָלדענער טרוים אין א זומער נאכט...

אָט וואָס איז ליעבע, מיין פריינד!

— אויב אזוי קומט דאָך אונז אוים צו פערברייננגען א האלבען לעבען אהן ליעבע און קוים שטארבט אב די ליעבשאפט טאָ וואָס בלייבט איבער צו פערבינדען מאן און ווייב?

דאן פערבלייבט די פריינדשאפט, יעקעל, די אינטערעסע, די שותפות'דיגע פערבינדונג אין קינדער. שותפים דארפען זיך ניט שטענדיג ל י ע ב ע ן, זעהר אָפט איז גענוג די טאָלעראנץ, מען דולדעט זיך און מען איז רוהיג.

אָט זיינען עטליכע עיקרים, וואָס וועלען דיר זעהר גוט צו־ניץ קומען אין פאמיליען לעבען.

זיי גליקליך מיט דער פרוי, וואָס האָט דיר איהר ערשטע ליעבע געשאָנקען און האָב אין זינען, אז זי וועט דיר שפעטער דארפען זיין א פריינד. שטעל ניט דיין פרוי צו פיעל פאָדערונגען, ווייל די נאטור האָט איהר שוין גענוג בעשווערט. זיי שטענדיג גערעכט צו דעם שוואכען. קוק ניט אויף דעם, וואָס יענעמ'ס פרוי איז שען, ווייל דו ביסט ניט דער איינציגער, וואָס קוקט אויף איהר און האָבען קען איהר נאָר איינער. ווען א פרעמדע פרוי, באָט דיר אָן איהר ליעבע, טאָ געה אהיים און ליעב דיין אייגענע ווייב, ווייל די בעסטע ליעבע דארף דער מאן געפינען ביי זיך אין דער היים.

פרויען וואָס ווילען „אויסגעפינען"

פערבינדען זיך די צייהן און שרייען, און ברייגען אויס דעם מאַן אָדער דעם חתן געלד, צו הערען וואָס ער וועט זאָגען.

א פרוי איז אזוי איינגעוואוינט צו זיין איהר מאַן'ס צאצקע, אז זי וואָלט וועלען אלע ווייבע אויסגעפינען אויב זי איז איהם שוין ניט מיאוס געוואָרען, אויב זי איז נאָך אלץ זיין שפיעל פויגעלע, זיין ליאלקע, ווי א מאָל.

און אויסגעפינען ווילען דאָס אלע פרויען אָהן אויסנאהם — אלט און יונג. איהר וועט זעהר אָפט בעמערקען ווי עלטערע פרויען, וועלכע האָבען שוין אייניקלעך, זוכען נאָך אלץ זיך איינצושמייכלען ביים מאַן און פּרובירען אויף פערשיעדענע ארטען זיין ליעבשאַפט.

די פרוי איז במעט קיינמאָל ניט זיכער מיט איהר מאַן'ס טריישאַפט, נאטירליך, דאכט זיך דאס איהר אזוי. זי האָט שטענדיג מורא ער זאָל זיך ניט פערליעבען אין א צווייטע, א שענערע, א אינגערע, אָדער א געראָטענערע. כל זמן די פרוי איז נאָך ווירקליך יונג און שען, ארט דאָס איהר ניט אזוי שטארק; זי גיט זיך א קלער: „נישט קשה, איך קען נאָך גע־

פינען א בעלן". קוים אָבער ווערט זי א ביסעל אָבגעבליאקירט, דערשרעקט זי זיך.

גאנץ פערשיעדען זיינען אָבער די פּרוביר־מיטלען, וואָס די פרויען ווענדען אָן צו פּרובירען זייערע מענער. די פראַ־בען קומען לויט די עלטער. אָן אלטע אידענע וועט זיך ניט איינשפּארען, אז זי וויל דוקא א הוט מיט א פויגעל, און א יונגער ווייבעל וועט זיך ניט פערוועלען א „גאנג" נייע תחנות, פרויען האָבען שוין זייערע קאפּריזען דורך וועלכע זיי טאפּען אָן דעם ליעבעם דופק פון זייערע בעשערטע. זייערע פּראָבען זיינען אָבער פיעל מאָל ניט קיין ריכטיגע. זיי פערלאנגען אָפּט פון זייערע מענער אזעלכע זאכען, וואס זיינען שווער דורכצו־פיהרען און ווען זייער וואונש ווערט ניט ערפילט, קלאָגען זיי אויף זייער בייזע מערכה.

איך בין אמאָל געווען א לאָזשער ביי א „מיסעס", אפילו א גאנץ שען ווייבעל, נאר א נאריש, וואס האָט געהאט מאָד־נע מיטלען ווי צו פּרובירען איהר מאנ׳ס הארץ. זי פלעגט זיך פּלוצלונג ארומבינדען א באק און שרייען אויף די ציינער. זי פלעגט איהר מאן, אן אָפּעריטאָר, א „לעקעש", מאכען דעם טויט און ניט לאָזען שלאָפען ביי נאכט. ער פלעגט ארום איהר טאנצען און לויפען ווי א משוגענער און זי האָט געקרעכצט... דערפאר אָבער פלעגט זי איהם אויף מאָרגען מאכען די בעסטע געריכטען און פלעגט זיך האלטען אין איין בעריהמען פאר די שכנה'טעס, אז א י ה ר ע ר איז איין גוטער מאן, און אז ער האָט איהר אזוי ליעב, דאָס ער איז צוליעב איהר אויף גאנצע נעכט. איך האָב שוין געוואוסט, אז ווען דער „מיסעס" דרייען די צייהנער, וועט שוין מאָרגען זיין קרעפּלעך אויף מיטאָג.

מיין „מיסטער“ איז געווען א ליעבהאָבער אויף קרעפּלעך, אז ער וואָלט געצאָהלט א רענדעל א קרעפּעל. ער פלעגט אָבער אויסגעריסען ווערען, איידער זיין ווייבעלע פלגט דאס איהם געבען.

אָפּטמאָל פלעגט זי אויספּרובירען „איהרען“ אויף אן אנ־דער ארט: זי פלעגט זיך עקסטרא אוועקגעהן פון דערהיים און ניט מאכען קיין וועטשערע, און ווען איהר מאן פלעגט קומען פון דער ארבייט, פלעגט ער געפינען פערשלאָסען די טהיר. שפּעטער פלעגט זי קומען מיט א תירוץ, אז זי האָט זיך פער־זאמט. זי פלעגט דאן היטען איהר מאנ׳ס מינעס און וועגען זיינע ווערטער און בעוועגונגען, און ווען ער האָט איהר חלילה אויסגערעדט א וואָרט, האָט זי געוויינט ביז האלבע נאכט...

אויף מאָרגען אָבער פלעגט זיין א ראָסעל פליישׁ מיט קנאָ־בעל יויך און פעטע קניידלאך. מיין מיסטער פלעגט דאָס אויך זעהר שטארק ליעבען, אָבער ער האָט געמוזט פריהער גוט אָנ־קריינקען איידער זיין אידענע פלעגט זיך איהם לאָזען צוכאַ־פּען צו די קניידלאך.

אנדערע ווייבער געברויכען אנדערע מיטעל. זיי רופען דעם מאן ער זאָל געהן מיט זיי אויף א חתונה, אויף א באָלל, אָדער אין טהעאטער דוקא דאן, ווען ער איז ניט אויפגעלייגט דאָס צו טאָן, אָדער ווען ער איז סתם בעשעפטיגט ביי זיין ארבייט. ווען דער מאן טהוט ניט זייער פערלאנג, זיינען זיי איהם מקצר ימים מיט טענות, אז ער האָט זיי שוין „ניט ליעב“ און אז „אי־מיצער אנדערש“ וואָלט איהם געריפען, וואָלט ער געגאנגען.

אָבער ניט נאָר פערהייראטע פרויען פּרובירען די מענער, נאָר מיידלאך אויך. די פרוי הערט אויף צו האָבען צוטרוי צום

שטארקען געשלעכט אזוי גיך ווי זי קומט נאָר צו איהר פולען פערשטאנד. איהר אויג קוקט שטענדיג מיט אַ חשד אויף דעם מאנסביל, וואָס דרייט זיך ארום איהר, עפּעס וויל זי איהם ניט גלויבען, אז ער מיינט ניט איהר רעה.

דאָס קלוגע, איבערשפּיצטע מיידעל זוכט זעהר אפט אבצור־נארען איהר חתן, אום אויסצוגעפינען זיין כאראקטער און זיין ליעבע. זי זאָגט איהם צו צו געהן מיט איהם היינט אין טהע־אטער. ער קויפט צוויי בילעטען און אָפטמאָל דריי, פאַר דער צוקינפטיגער שוויגער אויך, דאָך ווען ער קומט אן אויסגעפּוצ־טער אין עסיג און אין האָניג, געפינט ער איהר זיצענדיג אין מאמעס שפּענצער לעזענדיג אַ ראָמאן.

סטייטש, וואָס איז דער מעהר?

זי פיהלט עפּעס ניט גוט.

זי זוכט איהם כלומרשט איינצוריידען, אז ער זאָל געהן מיט איהר מאמען און ווארט וואָס ער וועט טאָן. אויף אזא אופן מאכט זי א דאָפּעלטע ערפינדונג: ערשטענס, אויב ער האָט איהר טאקע ליעב מיט אן אמת און וועט בלייבען מיט איהר אין דערהיים און צווייטענס — אויב ער איז א קארגער און וועט זיך ערגערען איבער די עטליכע סענט פון די חמץ׳־דיגע בילעטען.

מאנכע מיידלאך זוכען צו מאכען זייערע חתנים אייפער־זיכטיג. זיי מאכען חן׳דלאך צו יונגע לייט, וואָס זיי ליעבען גאָר ניט, אום צו זעהן, וואָס דער חתן וועט רעדען. עס איז אָבער כדאי צו וויסען, אז אָט די אלע פּראָבעס זיינען אָפטמאָל ניט ווערט קיין שמעק טאבאק. דען פונקט ווי דאָס מיידעל מאס־קירט זיך פאר׳ן בחור, אזוי מאסקירט זיך דער בחור פאר דעם

מיידעל, און דעם אמת'ן אמת זעהט מען זיך ערשט ארום נאָך דער חתונה.

די פערהייראטע פרוי האָט אמאָל אויך דעם זעלבען טעות. זי בעטראכט איהר מאנ'ס געדולד אלס א צייכען פון ליעבע; אין גרונט גענומען אָבער, וויל ער ניט האָבען צו טאָן און גיט איהר אלץ נאָך צוליעב שלום בית וועגען. אָבער עס קען טאקע זיין, אז ער האָט ליעב זיין ווייב און האָט זיך ערגעץ נאָך א געליעבטע, וואָס ער האָט אויך ניט פיינד. דאָס קען פונקט אזוי מעגליך זיין, ווי עס איז מעגליך, אז די פרוי זאָל זיך האָבען א שטילען געליעבטען, פון וועלכען דער מאן ווייס ניט.

פרויען האָבען שוין א סך מאָל אויסגעפונען, אז זייער כלל איז קיין כלל ניט, אז די בעסטע מענער, מיט וועלכע מען האָט א גוט לעבען זיינען זיך גאָר אוועק וואוינען מיט אנדערע ווייבער אָדער מיידלאך. געטרייע מענער זיינען אוועק פון אייראָפא נאָך אמעריקא און געלאָזען די ווייבער אייביגע עגונות און מענער מיט וועלכע מען האָט זיך אין דערהיים ארומגעריסען, האָבען שפעטער אראָבגעבראכט זייערע פרויען און לעבען גליקליך צוזאמען.

עס איז אָבער פארפאלען, איהר קענט דאָס א פרוי ניט איינריידען און זי וועט שטענדיג האלטען אין איין אויסגעפינען, וואָס דער מאן דיינקט וועגען איהר, און צו ליעבט ער איהר מעהר פון אלע פרויען.

דאַרפען זיך פרויען פארבען?

די שמינקע ציהט צו די פרויען און שרעקט זיי אָב, מיידלאך וואָס ווייסען ניט, אויב זיי זאָלען פארבען די באַקען אָדער ניט.

דאַרפען זיך פרויען פארבען?

מיינט ניט, אז דאָס איז א פראגע, וואָס מען פטור'ט איינס און צוויי! איהר ועט זיך מיט פרויען שמינקע אזוי גיך ניט רעכענען...

עס וואָלט געווען נאטירליך, אז פרויען זאָלען גאָר אזא פראגע ניט ווען הערען, וויל כאָטש זיי פארבען זיך א ביסעלע צו, געברויכען דעם פּינזעלע, דאָס פּולווער-פּושקעלע און דאָס קעסטעלע פּאָמאדע — ווילען זיי פון דעסטוועגען, אז מען זאָל וועגען דעם ניט ריידען...

פרויען ווילען מען זאָל מיינען, דאָס זייערע ליפּעלעך און בעקעלאך זיינען אבגעפארבט פון דער נאטור, דאס זיי שיינען און שמעקען טאקע מיט אן אמת.

זייענדיג די „רויזען" פון דעם מענשליכען געשלעכט, ווילען זיי זיין אמת'ע רויזען, ניט קיין געפארבטע, ווי די בלומען

אויף א היטעלע. די גרעסטע חרפה, וואָס איהר קענט צואוואר־
פען א פרוי, וואָס פארבט זיך איז, אז ז י פ א ר ב ט ז י ך.

טאָן טוט זי דאָס, נאָר ריידען וועגען דעם וויל זי ניט.

וואָס איז די אורזאכע?

די מענער וויעדער האָבען ליעב צו בערײדען א מײדעל, אָדער א ווייבעל מיט אן אָבגעפארבטען פנים, אין אמת'ן אָבער לויפען זיי נאָך ווי משוגעים נאָך א געפארבטע צורה'קעלע און נאָך א פארפומירטען שפענצער...

מען דארף די פרויען אָט דעם סוד ניט דערצעהלען, זיי ווייסען דאָס גאַנץ גוט אליין. ערפאהרונג האָט זיי געלערנט צו פערשטעהן, וואָס מענער האָבען ליעב און זיי ווענדען אָן אלע מיטעל דעם מאן צו געפעלען.

די נויטינקייט פון פארבען און שמירען דעם קערפער מיט שמעקעדיגע זאלבען האָט, זעהט זיך, די פרוי שוין זעהר לאנג געוואוסט. איבערהויפט זיינען די מיטעל גענוצט געוואָרען אין די הארעמס, אין די פרויען בודוארען, פון די קעניגע און הער־שער אין די עלטעסטע צייטען פון דער מענשהייט.

ווען מען האָט געוואָלט, אז דער אלטער פערסישער בעל עבירה אחשורש זאָל ווארפען אן אויג אויף מרדכי'ס פלימע־ניצע אסתר, דערצעהלט די מגילה, האָט מען איהר „אָנגע־פארבט" און איינגעריבען אין „עסיג און אין האָניג" און זי איז טאקי געפעלען געוואָרען.

שמינקע ווערט געברויכט ביי די ווילדע פעלקער און ביי די הויך ציוויליזירטע. אומעטום זוכט די פרוי צו געפעלען, אומעטום זוכט זי אונטערצוהעלפען די נאטור און אונטערצוקווי־פען דעם מאן מיט א שען פנים'ל...

וויסענדיג דאָס אַלץ פרעגט זיך אָבער די פראַגע: פאַר־וואָס שעהמט זיך די פרוי דערמיט? פאַרוואָס וועט אַ געוועהנ־ליכע בעל הבית׳ישע פרוי אָדער מיידעל זיך ניט איילען אָב־צופאַרבען דעם פנים? מאַנכע פרויען ליידען בעסער דעם אונ־אנגענעהמען געפיהל פון ניט שען זיין איידער זיי זאָלען שמינ־קען זייערע באַקען.

ווי עס שיינט, בעשליסט זיך אַ פרוי ניט אַזוי לייכט צו פאַרבען איהר געזיכט. ניט שנעל ווערט אַ מיידעל אַ מחותן׳עסטע מיט׳ן פינזעלע, ניט לייכט טרויט זי איהם אָן איהר געשטאַלט, ער זאָל עס פערבעסערען און פערשענען. אָט ווי שטאַרק דער געפיהל פון שענהייט איז ביי אַ פרוי, אָט ווי גרויס איהר חשק איז צו געפעלען און אויסזעהן שטענדיג פריש ווי אַ ערשט געעפענטע קאָנספע, פון דעסטוועגען זעהען מיר דאָך דאָס ניט יעדע פרוי פועל׳ט ביי זיך אָבצושמירען איהרע ליפען און באַקען מיט רויטע פאַרב און אונטערשטרייכען אונ־טער די אויגען און איבער די ברעמען מיט׳ן שוואַרצען צויבער שטעקעלע.

פאַרבען דאָס געזיכט ערוועקט אין מאַנכע פרויען אַ ניט ריינעם געדאַנק און עפּעס אינסטינקטיוו פיהלען זיי דערפאַר אַ מורא און אַן עקעל. אַ מיידעל פאַנגט אָן איבערצוטראַכטען, וואָס פאַר אַ ווירקונג איהר געפאַרבטער פנים וועט האָבען אויף אַ יונגען מאַן. אַן אינוועניגסטע שטימע זאָגט איהר אונטער, אַז מיט אַ ביסעלע רויטערע ליפּעלעך און שפּיץ בעקעלעך וואָלט זי געמאַכט אַ סך אַ בעסערען איינדרוק אויף מ א נ כ ע יונ־גע לייט. אָבער נאָר אויף מ א נ כ ע. זי ווייס בעשטימט אַז ניט אויף אַלע. אַנדערע, ווייס זי, האָבען דאָס פיינד...

יעצט פרעגט זי זיך די פראגע אויב עס לוינט איהר די „מאנכע״ צו געפעלען. עפּעס זאָגט איהר דאָס הארץ, דאָס די יונגע לייט, וואָס קוקען בעסער אויף געפארבטע פּנים'לאך און אָבגעשוואַרצטע ברעמען, זיינען ניט די בעסטע. זי וואָלט בע־סער געוואָלט געפעלען אָהן שמינקע.

אין אמת'ן קען זיך דען א פרוי אייביג פארבען אום צו געפעלען? וואָס לוינט דאָס זיך אליין צו נארען?

די בעשיידענע, מיושב'ע פרוי אָדער מיידעל ווערט קיינ־מאָל ניט קיין חבר'טע מיט דער פארב־פּושקעלע. זי האָט מורא פאר איהם פּונקט ווי דאָרט וואָלט געזעסען דער טייפעל... אין גרונד גענומען זיינען געפאַרבטע פרויען ניט די ערגסטע. מאנ־כע ווייבער און מיידלאך זיינען איינגעוואוינט זיך אביסעלע א פארב צו טאָן, צו בעשטרייכען גאנץ דין די באקען מיט א ראָ־זאָווע פארב, אָבער זיי טוען דאָס מיט א גאנץ אונשולדיגע כונה. זיי זיינען גוטע ווירטהינס אין הויז, גוטע, געטרייע פרויען צו זייערע מענער און פיינע, אָרענטליכע כלה'ס, א ברכה פאר זייערע חתנים, א גליק פאר די, וואָס קענען מיט זיי שטעהן אונטער דער חופה.

דער טייפעל ליעגט ניט אין קעסטעלע פארב און ניט אין דער פלעשעלע פּארפומע, דאָס רוב ליעגט ער אין קאָפּ, אָדער אין הארצען. אויב די געדאנקען און געפיהלען זיינען ניט פער־טייפעלט וועט זיי די שמינקע ניט שאדען.

איך ווייס פון א פאַל, וואָס א מיידעל, א כלה האָט זיך נעקריעגט מיט דעם בחור, וואָס האָט איהר אויסגעביטען אויף א צווייטע. זי האָט נעשאָלטען און בעליידיגט דאָס צווייטע מיידעל דערפאר וואָס זי פארבט זיך. זי האָט איהר גערופען

מיט מיאוס'ע נעמען און האט געוואָרפען א חשד אויף איהר עהרליכקייט. דאס איז אבער געווען א ליעגען. דאס מיידעל, וואס האט זיך אביסעלע צוגעפארבט, איז געווען א גאנץ פיין קינד און איהר איינציגער פערברעכען, אויב דאס איז א פער־ברעכען, איז נאר געווען דאס ביסעלע פארב און ניט מעהר.

איך קען א יונג ווייבעל אן אלמנה, א חן'עווריג שען קינד, זי מוז אבער נעבאך געהן ארבייטען. אָט די אלמנה פארבט זיך אביסעל. דער פארמאן אין שאפ האט דאס געהאלטען פאר א בעוויז אויף עפעס, וואס זיינע מיאוס'ע מחשבות האבען איהם דערצעהלט, ער האט אבער שנעל דערפיהלט זיין טעות ווען די יונגע אלמנה האט איהם אראָבעגלאָזט צוויי פייערדיגע פעטש, אז ער האט דערזעהן פאר זיך דעם בארג סיני, מיט משה רבנו, מיט די לוחות און די עשרת הדברות מיט דעם בע־ריהמטען „לא“...

געוועהנליך איז דאס אנגענומען, אז געפארבטע פרויען זיינען ניט פון דעם ריינסטען מין. פארב אויף א פרויען באק פערלאנגט א פירוש, אבער ניט אלע מאל איז דער פירוש א ריכטיגער, עס איז טאקע אלץ אמת און עס איז דאך א ליגען.

נו, טא ווי בלייבט? הער איך ווי מען פרעגט, דארף זיך א פרוי פארבען אדער ניט?

זאל זי טאן ווי זי פערשטעהט.

גט און קדושן

א בליק אין די נשמה פון פאמאליען־לעבען.

פאפסט פיוס דער צעהנטער האָט ארויסגעלאזט א ווארנונג
צו זיינע מאמינים אים נאָמען פון „טאטען מיט דע־
מאמען מיט'ן בן יחיד", אז אויב דער צלם איז זיי ליעב,
זאלען זיי זיך דערוויטערען פון גט'ן. דער קדוש פון וואטיקאן
רופט אָן זיין ווארנונג „טהרת המשפחה", און ער זאָגט מיט א
טאָן פון „ביט פאָסעמו", אז „איינמאָל חתונה געהאט איז פער־
פאלען, דען דער גט ערמוטהיגט אויסגעלאסענהייט און פער־
ברייטעט זינד".

נאטירליך זיינען דאָס די „געטליכע" ווערטער פון עוואנ־
געליום, וואָס די קירכע זוכט מחזק צו זיין.

דער פאפסט איז אָבער ניט אזוי נאריש אום ניט צו ווי־
סען, אז זיין ווארנונג קען ניט איבערשרעקען דעם גאָט פון ליע־
בע, ווען ער האלט זיך אין פעקלען... אָט ווי דער הייליגער „טאַ־
טע פאָטער" איז אָפיציעל א „בחור", אן אלטער בחור דערצו,
פערשטעהט ער פון דעסטוועגען, אז דעם שטארקען קנופ, וואָס
דער גלח מאכט, קען דאָס לעבען לייכט פאנאנדערקניפען און,
אז א געצוואונגענע „טהרת המשפחה" איז נאָך ערגער ווי אויס־
געלאסענהייט.

אלא וואָס דען?

גאָר ניט!

פאַפסט איז פּאַפּסט און אמת איז אמת.

צוויי בעזונדערע זאכען.

ווען מען זאָל זיך אפילו ווע‌לען א קנייטש טאָן און צונע־בען, אז כריסטוס איז געווען א „רעפאָרמער“, א „רעוואָלוציאָ־נער“, א „ראדיקאַל“, און אפשר גאר אן „אנארכיסט“, מוז מען אָבער דאָך פערדאַמען זיין אונמענשליכען, אוננאטירליכען פּסק געגען גט, און מען מוז מודה זיין, אז אָט אין ד ע ם ענין זעהט ער אוים ווי א קאַרליק געגען א ריעז אין פערגלייך מיט דעם אידישען געזעץ געבער.

כסדר.

וואָס איז הייליגער: די קדושין אָדער דער גט?

לויט תורת משה זיינען זיי ביידע עגאַל הייליג און שטארק: וואָס די חופּה פערבינדט קען דער גט צורייסען און וואָס דער גט צורייסט קען די חופּה וויעדער פערבינדען.

די געזעצען, וואָס רוהען אויף די פונדאמענטען פון ריינעם פערנונפט און האָבען זייערע יסודות טיעף אין דער מענשליכער נאטור, האָבען ניט ארויפגעלייגט קיין שלאָס אויף א פּאָר פּאָלק, וואָס זאָל זיי מ ו ז ע ן אייביג צוזאמענהאַלטען.

דער גרינדער פון דעם אידישען פאָלק איז זיין קאָדעקס האָט געגעבען א שליסעל צו די מעכטיגע פעסטונג פון פאַ־מיליען־לעבען.

אָט דער דאָזיגער שליסעל איז דער ג ט.

דאָס געזעץ, וואָס איז געשטיצט אויף מענשליכקייט וויים, אז דאָס קאַלטע שטיקעל פּאַפּיער פון דער כתובה קען ניט וואַ־

רעמען די הערצער פון אויסגעפּראַגטע ליעבע און דאָרט, וואו דער ווידער־קול פון די „שבעה ברכות" איז פערפלויגען מיט'ן ווינד, יאָ, דאָרט איז די איינציגע ישועה דער גט.

ווי שרעקליך, ווי געפעהרליך, ווי זינדיג וואָלט געווען אזא הייראט, וואָס וואָלט געמוזט צונויפשמידען איבער־גוואלד צוויי קערפּערס אויף אייביג! איך זאג „קערפּערס", ווייל נשמות קען מען ניט „שמידען", אפילו גאָט אליין קען דאָס אויך ניט...

נאָר די קירכע, וועלכע איז דער היפוך פון לעבען און דער מלאך המות פון אמת'ע ליעבע און פרייהייט, קען מאכען די קדושין פאר אן „אוקאז" און די הייראט פאר א שליסעלבורג.

די קירכע, וועלכע זאָגט, אז עס גיבט ניט קיין אנדער לע־בען ווי דער „הימעל־רייך" און קיין אנדער „ליעבע", ווי כריס־טוס, קען פער'משפט'ן הערצער צו א מורא'דיגען גיהנום, וואו זיי זאָלען זיך אייביג בראָטען און צאפּלען, און זיך קיין מאָל ניט בעפרייען.

אונזערע געלעהרטע די חכמי המשנה האָבען געזאָגט: „אף צבת בצבת עשויה". דאָס הייסט, אז צווישען די „צעהן זאַ־כען", וואָס גאָט האָט בעשאפען ערב שבת בין השמשות, פריי־טאָג פאר־נאכט, געפינט זיך אויך „די צוואנג אָנצונעהמען א צוואנג".

דאָס איז איינער פון די וויכטיגסטע אינסטרומענטען, אָהן וועלכע די בריאה וואָלט ניט געווען פערפעקט און די וועלט וואָלט זיך ניט געקענט קיין עצה געבען. אין פלוג האָט זיך גאָט פערגעסען אָן דעם, ער האָט זיך אָבער דערמאָהנט פרייטאָג פאר „ליכט בענשען" און האָט עס אונז בעשאפען...

וואָס פאר א גליקליכער מאָמענט דאָס איז געווען! וואָס

פאר א געטליכע בעגייסטערונג האָט דאָס דעמאָלט אויפגע־וואכט אין דעם בעשעפער פון די וועלטען, צו בעשאפען דאָס נויטינסטע פאר די מענשען!

קריסטענטהום האָט ניט אָט דעם הייליגען אינסטרומענט; זי האָט קיין מיטעל אָנצונעהמען דעם צוואנג פון קדושין און זי שרייט מיט קולי־קולות, איינמאָל אריינגעלייגט דעם צוואנג אין פייער איז פארפאלען. מען קען דאָרט די הענד ניט שטע־קען, עס איז צו געפעהרליך. זאָלען זיך די אונגליקליכע ברע־נען און בראָטען אין די גליהענדע קוילען פון האס און מחלוקות; עס איז ניטאָ קיין צוואנג זיי פון דעם בראנד ארויסצונעמען.

די לעהרע, וואָס האלט אין איין פעראורטיילען מענשען צו אייביגע פערדאמנים, ארט ניט די ליידען פון אונגליקליכע, עס ארט איהר ניט, וואָס א געצוואונגענע חבר'שאפט צווישען מאן און ווייב וועט לאָזען א שווארצען רושם אויף דור דורות.

קריסטענטהום איז אוננאטירליך און זי שטעלט דאָס וואָרט העכער ווי די נאטור.

די קירכע זאָגט אין איהר עוואנגעליום, אז „צום ערשטען איז געווען דאָס וואָרט". אלזאָ, ביי'ם קריסטענטהום שטעהט דאָס „וואָרט" העכער ווי דער, וואָס האָט דאָס „וואָרט" גע־רעדט, און יודענטהום זאָגט: „הפה שאסר הוא הפה שהתיר". דאָס מויל, וואָס האָט פערבאָטען קען ווידער מתיר מאכען, דער מענש איז דער בעל הבית פון וואָרט און ניט דאָס וואָרט פון מענשען.

דאָס איז דער יסוד פון פאָרטשריט, דער סוד פון פרייהייט.

די פראגע פון א אונגעראָטענעם זיווג איז ביי אידען פער־ענטפערט געוואָרען — דער גט!

דאָס, וואָס קען ניט זיין זאָל ניט זיין.
דאָס, וואָס איז אוננאַטירליך איז אונמענשליך.
קיין טורמע פאַר דער זעעלע, קיין צוואַנג פאַר הערצער,
קיין שלאָס פאַר געפיהלען און קיין פאַסטקע פאַר'ן גייסט!

דאָס מויל, וואָס האָט געזאָגט „איך ליעב דיך ווי מיין לעבען" מעג זאָגען „איך האס דיך ווי דעם טויט", אויב דאָס הארץ פיהלט נאָר אַזוי. און די ליפּען, וואָס האָבען געזאָגט „מיר וועלען ביידע וואָהנען צוזאמען ווי צוויי טייבעלאך", מעגען, מיט הארץ'ס ערלויבענים, זאָגען „מיר מוזען זיך שיידען און ווייכען איינע פון די אנדערע וואו פעפער וואַקסט".

קאַלטע ליעבע קען מען ניט אָנוואַרעמען אויף דער סקאָוורּאָדע פון נייעם טעסטאַמענט.

וואָס אונז וואַרפט זיך נאָר אין די אויגען ווען מיר קוקען אויף דעם אידישען דין וועגען גט און וואָס אונז, אַלס ציוויליזירטע מענשען, קען ניט און דאַרף ניט געפעלען, זיינען די ווערטער „כי ימצא בה ערות דבר", דאָס הייסט „אויב ער וועט עפּעס אויסגעפינען אין איהר א חסרון זאָל ער איהר געבען א גט". לויט דעם טרוקענעם פשט פון די דאָזיגע ווערטער איז ער דער בעל־הבית איבער איהר. די גמרא פערבעסערט נאָך דעם עסק און זאָגט „אפילו שקדחה את תבשילה", דאָס מיינט, „אויב זי האָט נאָר אפילו איבערגעזאַלצען דאָס געקעכטס" איז שוין גענוג אורזאַכע, אז דער מאַן זאָל איהר אָב'גט'ן און אוועקשיקען.

אידען זיינען אָבער ניט קיין שקלאַווען צו ווערטער, ניט

צ ו פ י ע ל שקלאוועז, און זיי האבען אט דעם דאזיגען דין צימליך גוט „צוגעפיקסט", דען עס איז אבסאלוט ניט פאראן א רב, וואס זאל ניט זיין מוכן ומזומן צו גט'ן א פאאר פאלק צו יעדער צייט, וואס זיי זיינען ביידע איינשטימיג דערצו. א פרוי האט ביי'ן בית דין דאס זעלביגע רעכט אבצוגט'ן איהר מאן, ווי א מאן זיין פרוי.

לויט אידישקייט און מענשליכקייט איז די חופה א הימעל און ניט קיין נעץ. די פערהייראטע מענשען זיינען פ ר י י ע מענשען און זיי דארפען נאר לעבען צוזאמען אזוי לאנג ווי זיי האבען איינע צו אנדערע קיין ערנסטע פרעטענזיעס, און אין די צוויי הערצער פלאנטערט זיך ניט א דריטע אדער א פערטע און די ליעבע בלייבט אזוי הייליג ווי אין דעם מאמענט פון די קדושין.

אין גרונט גענומען קומט נאר דער גט אבצובינדען דעם לעצטען פאמיליען־קניפעל, וואס איז שוין סיי ווי סיי לויז גע־ווארען, דען די קדושין ווערען אייגענטליך בטל באלד נאך דער ערשטער קללה, אדער נאך דער ערשטער קריעג צווישען מאן און ווייב, היינט ווער שמועסט שוין וועגען דעם ערשטען קלאפ?

די פראפאגאנדא פון דער קירכע צו פערוועהרען דאס גט'ן זיך איז אן אנגריף אויף מענשליכקייט, א פויסט געגען דעם ווילען פון פרייע מענשען. פאר די קאטוילישע גלחים, וואס זיינען אלע „בחורים", קען אפשר לוינען בעסער אויפצוהאלטען די אונצופריעדענע פאמיליען־לעבענס צוליעב כמה טעמים... דער פארטשרים אבער לאכט פון זיי.

דער גט איז פונקט אזוי הייליג ווי די קדושין.

אַרטיקלען און פעליעטאנען

די אינדיקעס און די רויטע

(געדאנקען וועגען „טהענקס גיווינג דעי", ווען די אמעריקאנער עסען אינדיקעס).

„טהיינקס גיווינג דעי", דער טאג פון דאנקבארקייט, ווען איך זעה די גרעסטע נקמה אויף דעם אמעריקאנעם אינדיק, וועלכער הענגט און אבגעבריהטער, הויל און אבגעפליקט אין אלע אמעריקאנער יאטקעס.

א אינדיק איז א אינדיק אין דער גאנצער וועלט. ער בלאזט זיך אומעטום און האלדערט מיט כעס, דערזעהענדיג א רויטע פאטשיילקע; דער אמעריקאנער אינדיק אבער בלאזט זיך אויף רויטע, אז ער ווערט שיער צופלאצט, ער ציטערט פאר א רויטען בענדיל, פאר א רויטען פאדים; דערפאר אבער ווען דער הינער עולם געהט דאנקען גאט פאר זיין גנאד און לייטזעלטיגקייט, וואס ער טהוט מיט די „פיער הונדערט" און מיט זייגע רעגיערער און פיהרער, איז די ערשטע כפרה דער אינדיק...

ער בלאָזט זיך און קאָכט זיך ביי'ם לעבען, זעהענדיג אפילו א רויטען בוראַק, דערפאר ווערט ביי איהם דעם ער־שטען רויט אונטערען קאָלנער און ער באקט זיך, בראָט זיך, שמאָרט זיך און פרעגעלט זיך אויף אלע אויוועגס, וואו עס איז נאר דאָ קליין געלד אויף קוליען.

„טהיינקס גיווינג דעי", דער טאָג פון „גאָט צו דאנקען", און אלס אן עכט פאטריאטישער פויגעל ווערט דער אינדיק אויפגעגעסען דער ערשטער און דוקא מיט „קרעמבעררים", א מין רויטע יאגדעס.

איך בין מיט'ן אינדיק א קנאפער מחותן, פונקט ווי מיט זיין פרעסערשען דאנקבארקייטס יום טוב. איך האָב פיינד א פויגעל, וואס קען זיך בלאָזען אנשטאט פליהען, און פלוידערען אנשטאט זינגען... איך האס איהם, פונקט ווי איך האס א יום טוב, וואס הייסט מיר „דאנקען" פאר בעגראָבענע קאָהלען־גרעבער, פאר הונגעריגע „סלעק אפרייטערס", פאר סטרייקענ־דע קבצנים פון כל המינים; פאר טייערע מילך און ביליגעס בלוט...

די גלאָקען קלינגען און רופען אין קירכע, אבער דער קאנסערוואטיווער אינדיק ליעגט מיט'ן ביילעק דערויסען און דאס קאָמישע דערביי איז, וואס די לעבעדיגע אינדיקעס הערען זיך פון דעסטוועגען ניט אויף צו בלאָזען, פונקט ווי עס וואלט גאר קיין זאך ניט פאסירט, דער גלח פרעדיגט און דער אינ־דיק האָלדערט צו. ער זעהט וואס אין די יאטקעס טוט זיך, נאר ער איז פון דעסטוועגען דאנקבאר. ער בלאָזט זיך און האָלדערט, ווייל ער לעבט נאך דערווייליע און קען זיך נאך ביי־זערען אויף רויטע...

איך בין ניט קיין געבארענער, נארא געווארענער אמעריקאנער און אזוי ווי אלע געווארענע האָב איך דא נאָך געוועלט איבערשטייגען די אמת'ע אמעריקאנער, די עכטע יענקים — די אור־אור אייניקלאָך פון די „פילגרימס“, די ערשטע אמעריקאנער אימיגראנטען, וואס האָבען געפייערט דעם ערשטען „טהיינקס גיווינג דעי“ ווען זיי האָבען ענטדעקט אין די ווילדער מחנות ווילדע אינדיקעס, וואס זיינען געווען די ערשטע קרבנות אין דער נייער וועלט.

יאָ, איך האָב אויך געוואלט אויפשטעהן מיט'ן ערשטען גלאָקען־קלונג און אנהויבען דאנקען און לויבען, אבער וואס מעהר איך האָב געוואלט זאגען „אהבתי“, איך האָב ליעב, האָט זיך מיר געפּלאנטערט אונטערען צונג דער „לא לנו“ און דער „בצאת ישראל“... ביז איך בין געקומען צום בעשלוס, אז אמעריקא איז נאָך אויך „לא לנו“, ניט פאר אונז אידען געדאכט; אז דא וועט נאָך אפשר חלילה אויך אמאָל קלינגען דער „בצאת ישראל“, יא, אז ישראל וועט נאך אפשר פון דאנען אויך מוזען אויסוואנדערען, ווי ער האָט אויסגעוואנדערט פון אנדערע מצרים'ס...

דער העלער, ליכטיגער און פרייליכער „אהבתי“ פון הלל האָט זיך מיר אליץ צונויפגעמישט מיט דעם פינסטערען, שרעקליכען „אהבתי“ פון חומש, מיט דעם „אהבתי את אדוני“... וואו דער אונוויסענדער שקלאוו זאגט „איך האָב ליעב מיין בעל הבית און וויל זיך ניט בעפרייען“... דער גערעכטער, געטליכער כעס האָט אויסגעפילט מיין נשמה און אנשטאט צו נעהמען אין האנד דעם סידור האָב איך געוואלט א כאפּ טאָן דעם אָהל און שלעפּען דעם ערשטען בעסטען „אינדיק“ צום

ביישטידעל פון טהיר און איהם דורכלעכערען דעם אויער...
איך האָב איהם געוואָלט זאָגען: „דער אויער, וואס האָט גע־
הערט די „דעקלעריישען אָוו אינדיפּענדענס", וועלכע ער־
קלערט, אז אלע מענשען זיינען פריי און גלייך, זאל זיך ניט
לאזען פערשקלאפען און זיך ניט בלאזען אויפ'ן פרייען :ע־
דאנק"...

ניין! איך האָב ניט געקענט זאגען קיין הלל אויף א לאנד,
וואָס בעשטעהט פון טראסטס און עזעל, וואו דער צלם רוקט
זיך אונטער'ן לעהר־בוך, דער בייטש אונטער'ן הויט און אינ־
דיקעס זיינען די פויגעל פון דאנקבארקייט...

ארומגעהענדיג מיט אזעלכע שרעקליכע געדאנקען, האָט
אין מיר ערוואכט א חשק, זיך פאנאנדער צו טענה'ן מיט א
פּאָר אינדיקעס און הערען וואָס זיי האָבען צו זאגען אויף זיי־
ער אויפגעבלאזענקייט און וואס עס איז דער יחוס מיט זייער
אמעריקא.

נאר געה, טענה זיך אוים מיט א אינדיק!

ערשטענס האָב איך זיך געשטעלט פאר'ן שפּיגעל און
זיך ארומגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס אויב עס זעהט זיך ניט
ארוים ביי מיר עפּעס א שטיקעל רויטע... א רויטער קנעפּעל,
אדער א בענדעל. איך האָב אויסגעטאן מיין רויטע שניפּסעל,
האָב אוועקגעווארפען מיין רויטע טאשענטיכעל, איך האָב גע־
האט איין רויטען האָר אין דער לינקער וואנסע, האָב איך איהם
אויסגעריסען און אויף מיין רויטע בראָדעווקע אונטערען אוי־
ער האָב איך ארויפגעקלעפּט א שווארצען פלאסטער... איך
האָב געהאט א רויטען בים אויפ'ן האנד פון מיינעם אן אומ־
זיסטען שכן, וועלכער וואוינט ביי מיר אין שלאָפצימער און

זייגט מיר אויס דאס ביסעל בלוט, וואס די טראסטס לאזען נאך איבער, האב איך אויף דער האנד אנגעטאן א ווייסע הענד־שקע. דער בים איז אפילו געווען פון אן אמעריקאנער בעשעפע־ניס, פון א „יענקי", אבער איך האב ניט געוואלט רייצען די אינדיקעס און זיי ניט געבען קיין געלעגענהייט זיך צו ערגע־רען...

ווען איך האב געזעהן, אז איך בין אין גאנצען אונשעד־ליך, אהן א שום סימן פון א סטראשיגען פארב און בין גוט גענוג אפילו צו זיין אן אמעריקאנער פרעזידענט, האב איך מיר איין גע'חזר'ט, שטעהענדיג נעגען שפיעגעל, א אייביגען שמיי־כעל אויף די ליפען און בין אוועק זוכען א לעבעדיגען אינדיק, מיט וועלכען איך זאל זיך קענען פערהערען.

דאס איז געווען ניט קיין לייכטע שטיקעל ארבייט.

ענדליך, נאך לאנגען זוכען האב איך געפונען א לעבעדיגען אינדיק, א יונג מיט ביינער, ארומשפאצירען אין א פענסטער פון א ביער־סאלון, דערביי איז געלעגען א צעטעלע דערצעהלענ־דיג, אז דער דאזיגער אינדיק וועט ווערען אוועקגעגעבען אלס מתנה צו דעם בעסטען קונה, וואס וועט קויפען די גרעסטע כאס ביער.

איך האב געוואוסט, אז איך קען איהם ניט געווינען.

דער אינדיק איז ארומגעגאנגען אין פענסטער מיט א צו־שפרייטען עק, שטאלץ און שטייף פונקט ווי ער וואלט בעקו־מען „די פרייהייט פון דער שטאדט ניו יארק"... און ער האט דאס אפשר טאקע געהאט אויך, דען דער פרייסטער ארט אין אמעריקא איז דער ביער סאלון...

איך האָב אנגעקלאפּט אין פענסטער, דער אינדיק האָט אַ קוק געטאָן און דערקענענדיג מן הסתם, אז איך בין ניט קיין סאלון־מענש, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיט'ן עק צו דער גאס און געבליבען שטעהן. ווען איך האָב ווידער אנגעקלאפּט, האָט ער זיך גענומען בלאָזען. אַ אינדיק האָט פיינד מען זאל אירם דאָקוטשען...

—הער נאָר, אינדיק, — האָב איך געזאָגט, — וואָס בלאָזטו זיך אזוי? וואָס איז מיט דיר די שטייפקייט? דו זעהסט גאר ניט איבער'ן וועג ווי דיינע חברה־ברידער און שוועסטער ליעגען הוילע און נאקעטע, ארויסגעפליקט דאָס ביסעל פעדער־רען? וואָס מיינסטו וועט זיין דער סוף מיט דיר? וועסט ארייג־פאלען אין די לאפּעס פון א גרויסען שכור, פון גרעסטען שכור, וואס וועט דיר אראָבהאקען דעם קאָפּ און ארייגרוקען אין אויוועו. וואָס בלאָזטו זיך? מען וועט דאָך דיך אויפעסען סיי ווי סיי!

דער אינדיק האָט פּלוצלונג בעמערקט ביי מיר דורכ'ן אר־בעל, אז איך טראָג אַ רויטע אונטערהעמד און האָט אויפגע־ציטערט, ווי אַ פייער האָט ער אויפגעברענט:

— דו ביסט אַ רויטער, — האָט ער אויסגעהאָלדערט — איך האָב מיט דיר ניט קיין געשעפטען, ביי דיר איז די רויט־קייט בעהאלטען, דאס איז נאָך ערגער... וואָלסטו ערשט איצט געקומען נאָך אמעריקא, וואלט איך געהייסען מיינע עמיגראַצי־אָנס־בעאַמטע זיי זאָלען דיר די מינוט צוריקשיקען... אַ מענש מיט רויטע אונטער־הויזען, במחילה, איז אַ געפאהר פאר'ן לאנד... וואָס איז דיר אייגענטליך דער וואונדער וואָס איך בלאָז זיך? צוליעב מיר מאַכט מען ביזנעס, געשעפט, פער־

שטעהסט? איך ערמוטהיג מסחור, האנדעל, דערצו בין איך א'ן עבטער אמעריקאנער.

„מען וועט מיך אויפעסען זאגסטו, ווער בלייבט אויף דער וועלט ניט קיין אויפגעגעסענער? וואס איז די נפקא מינה, וועלכער שכור עם פערצעהרט מיך; אויב דאס איז די שכור'ניצע די צייט, אדער סתם א שכור פון א ביער־שיינק? מיר זיינען אלע ניט מעהר ווי א שלונג ביי א טרינקער, א צוביים נאך א גלעזעל בראנפען... קודם בין איך א'ן אמעריקאנער אינדיק, ביי מיר אין דער היים בין איך א יחסן, מעג איך זיך בלאזען, איך וועל שטארבען דא, וואו איך בין געבארען געווארען, איך וועל ליעגען מיט מיינע אבות־אינדיקעס. איך וויל בעסער זיין א טויטער אינדיק אין מיין אייגענע יאטקע איידער א לעבעדיגער אדלער אין א פרעמדע שטייג. איך ווער אויפגעגעסען, אבער ביי מיר אין דער היים, אויף מיין אייגענעם באדען, אונטער מיין אייגענע פאהן פון שטערען און שטרייפען, איך בין דער מאלצייט פון מיינע אייגענע גרויסע לייט און יחסנים, מיינע פרומע, גאטספארכטיגע גדולים, א רויטער קען דאס ניט פערשטעהן...

ווער ווייס ווי לאנג דער אינדיק וואלט נאך געהאלדערט און פילאזאפירט, ווען ניט דער שיינקער — א גראבער, אירלענדער גוי מיט א רויטען קארק, א גראבען רויטען פרצוף און א רויטע נאז מיט רויטע ווייפערלאך, יא, ווען ניט דער דאזיגער אומגעלומפערטער פעטער עשיו, וועלכער האט אנגענומען דעם „קלוגען“ אינדיק פאר א שפיץ פליגעל און איהם דערלאנגט צו א שכור'ן גוי, וואס איז געפאלען פון די פיס, אז צוויי אונטערפיהרערס האבען איהם געמוזט צוהאלטען.

ארויסגעהענדיג פון סאלון האָט זיך דער גליקליכער אי־בערגעקעהרט, ארויספאלענדיג אויף זיין טהייערע מתנה... אבער ליגענדיג אויף דער ערד אין בלאָטע, אונטער דעם מיאוס'ען שכור, האָט זיך נאָך דער אינדיק געבלאזען און געקוקט מיט רציחה ביי מיר אין ארבעל...

„טהיינקס גיווינג דעי"...

פארק־טראגעדיעס

דער עלענד פון די „געוועזענע“.

יא, מען זעהט זיך אפטמאל אן
אזעלכע מאָדנע זאכען,
אז מען וויים ניט וואס צו טהאָן —
וויינען אדער לאכען.

ניט אלץ אין א טראגעדיע, וואס ענדיגט זיך אומעטיג, פונקט ווי ניט אלץ איז א קאמעדיע, וואס ענדיגט זיך מיט א געלעכטער.

מענשען האָבען זעהר אפט א טעות. זיי קרימען זיך דארט, וואו מען דארף זיך האלטען פאר'ן בויך לאכענדיג און לאכען דאָרט, וואו עס איז א גאָט'ס רחמנות.

זיי לאכען ווען איינער גליטשט זיך אויס אין גאס און צוברעכט זיך האלז און נאקען, און בליבען ביטער לייענענדיג א שונד ראָמאן.

איך האָב אמאָל געזעהען ווי אן ארימע אידענע איז גע־גאנגען אין אויסגעדרייטע שיך דורך קאנעל סטריט און גע־טראָגען א קערבעל מיט אייער. פלוצלונג האָט זי ארויפגעטרע־

מען אויף א פרישע באנאנא־שאלעכטס און זיך דערלאנגט א ציה אוים אזוי גרוים ווי זי איז געווען.

ווען זי האט זיך קוים מיט צרות אויפגעהויבען איז זי געווען איינגעטונקט פון קאפ ביז די פיס אין איהר צובראכענע סחורה.

קיין „גרינע" איז שוין די אידענע אויך ניט געווען, ־ען כאטש זי האט געלייגט די תוכחה אויף קאלאמבוס'ען, אויף „אמעריקא גנב", זי זאל „פערכאפט ווערען". און אויף די „פי־נענעס". די שטיקער „חלב", וואס „דער שווארץ יאהר ווייס ווי מען נעהמט דאס אין מויל אריין" — דאך איז זי געווען „געל" פון טשעפוק ביז א שטיק איבער'ן פארטוך...

פערשיעדענע „לצים", וואילע יונגען און יונגאטשעס האבען אנגעקוקט די צו'ממית'טע אידענע, וואס האט אויסגעזעהען ווי א רויהער פאנקוכען און האבען זיך געקייקעלט פאר געלעכטער, דאך ווי ווייט דאס איז געווען א קאמעדיע זאל אייך „דער גבאי זאגען".

צו זעהען טראגעדיעס איז אויך ניט דער איינציגער ארט דאס טעאטער, וואו מען קוילעט זיך מיט א פאפירענעם חלף. עס איז אויך ניט דער בית עולם, וואו א „גרינער" קאצאפ גראבט קברים פאר אויסגעגרינטע אידען אויף אמעריקאנער אידישע בית החיים'ס.

זעהר אפט איז דאס אין „דזשעקסאן סטריט פארק", אין „מאונט מאררים פארק", אדער אין א בראנקס פארק — זיצענדיג אונטער א פליכאוואטען בוים מיט קאמארעס, לעזענדיג א מעשה ביכעל, אדער שטופענדיג א קינדער־וועגעלע.

מען דאַרף נאָר מאַכען אַ שפּאַציר אין איינעם פון די דאָזיגע פּאַרקס צו זעהן, אַז דאָרט זיינען דאָ מעהר „טראַגעדיעס“ ווי קאָמאָרעס. יאָ, נייע מאָדנע טראַגעדיעס, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען מיט אַ מנין גרויסע הייזער; מיט רייזעס נאָך אייראָפּאַ; מיט אויטאָמאָבילס; מיט דריי דיענסטען; מיט פינף טויזענד דאָלאַרדיגע וואָהנונגען אַ יאָהר — און האָבען זיך געענדיגט מיט אויסגעלאָפענע „מאָרטגיידזשעס“, היפּאָטעקען און אָנגעלאָפענע פּראָצענטניקעס; מיט צוגענומענע הייזער און מיט אַ זומער וואַקאַציע אונטער אַ יאָלעווען בוים, וואָס קישעט מיט קדחת...

נאָך קיינמאָל, זייט אויסגעקראַכענע בוימער און „ווייסע“ גראָז זיינען עדות פון שבת׳דיגע און זונטאַגדיגע ליעבעס, וואָס ווערען געשלאָסען נעבען טאָרביצקעס מיט ניסלאַך אָדער לעקענדיג „לאָלי פּאָפּס“, — יאָ, נאָך קיינמאָל, זייט נויארקער קהל׳שע האַלב כשר׳ע, האַלב פּאַרעווע שטאָדט־פּאַרקס און „פּאַרקלאַך“ האָבען געהערט און געזעהען ליעבעס טראַגעדיעס, האָבען זיי ניט בייגעוואוינט אַזעלכע טראַגעדיעס, ווי די וואָס ווייזען דאָרט דעם חורבן פון טוידטע זומער פּלעזשורס.

אָט איז נאָך גאָר אַ נישטקשה׳דיג ווייבעל, אַנגעטאָן, ווי זאָגט יענער, גאָר, גאָר אויפ׳ן דרך; די האָר פּערקאַמט נאָכ׳ן לעצטען שניט. זי זיצט אונטער איינעם פון די יאָלעווע בוימער, אָדער ווי זיי הייסען אין גמרא־לשון „אילני סרק“ פון קראָטאָנאַ פּאַרק אין די בראָנקס.

זי זיצט דאָרט און חלום׳ט פון אַטלאַנטיק סיטי; פון לאָנג ברענטש; קיימישאָ לייק און די אַדיראָנדייקס, וואו זי האָט זיך אין די פריהערדיגע זומערס געפּרענעלט פאַר נחת.

דער בוים, אונטער וועלכען זי זיצט, טוט דאס בעסט, וואס ער קען, איהר צופריעדען צו שטעלען: ער שאקעלט זיך איבער איהר; ער בלאָזט איהר אביסעל אונטער; ער קיצעלט איהר מיט א צווייג, אבער זי איז אין כעס, — „אויך מיר א בוים!" — טראכט זי, — „אויך מיר א פּארק; אויך מיר פּעלזשור, מיש־טיינס געזאגט! זעהט נאר די יענטעס ארום! מיט צוויי יאהר צוריק וואלט איך אויף זיי ניט געקוקט; איצט בין איך זייער גלייכען".

פלוצלונג גיט איהר איין קאמארע א ביס אין שפּיץ נאָז; א צווייטע אין אויער; א דריטע אין פּאטילניצע און זי הויבט אן שילטען מיט טוידטע קולות דעם „מארטגעדזשיר", וואס האָט צוגענומען די הייזער און די באנק, וואס האָט ניט געגעבען א נייעם „מאָרטגיידזש".

אנטקעגען זיצט עפּעס א אידענע און בינדט איבער די ווינדלאך ביי איהר קינד... א ניגערקע מיט א מזומן ניגערלאך קומען און זעצען זיך נעבען איהר, דער געפאלענער פּריצטע, אנידער, זיי קוקען איהר גאָר ניט אָן, פּונקט ווי זיי וואָלטען געוואוסט, אז איהר מאן איז וויעדער געווארען א שניידער און זי מוז האלטען לאָזשערס.

אין „מאונט מאררים פארק" געהט אן עלטערע אידענע, שוין שטארק אבגעבליאקירט און שטופּט א וועגעלע מיט א „בייבי". אביסעל ווייטער געהט א יונג ווייבעל און קוקט אויף אָט דער פרוי מיט'ן וועגעלע, און די רציחה קאָכט אין איהר ווי אין א גזלן.

זי איז בייז אויף דער שוויגער, פּארוואס איהר זוהן איז ניט אזוי „אָלל רייט" ווי פאר דער חתונה. זי האָט איהם געגע־

בען פופצעהן טויזענד דאלאר נדן, האפענדיג צו זיין אן „אלל רייטניצע" און איצט איז ניטא אויף דירה־געלד און זי מוז נאך האלטען ביי זיך א שוויגער אין א שייטעל.

זי וואלט געגאנגען צוריק צום טאטען איהרען, איז ער אבער אויך אויף צרות. פון אלע זיינע פריהערדיגע „אייגענע" הייזער פעדעלט ער איצט מיט בראנפען און יאגט זיך נאך טראגעדיגע ווייבער, זיי זאלען ביי איהם קויפען שנאפס אויף „מזל טוב'ס", אדער ברענדי אויף ברית מילות.

אט קייקלען זיך צוויי בעלייבטע אידענעס איבער קלער־מאנט פארק אין די „בראנקס". איינע איז א בעקערקע, די אנדערע — א פישערקע. איידער דער גרויסער קריזיס האט אנגעפייפט דער „האררי אפ"־הצלחה אין בוזים קעשענע, האבען זיי ביידע אוועקגעווארפען די בולקעס מיט די סטינקעס און געפאהרען אין די „קעצענע מייטקעס" (קעטסקעל מאונטיינס). אי, האבען זיי דארט געגעבען א גאב דער „חזיר'שער האטעל קיפערקע" דערפאר, וואס זי האט געלאזען עפעס א שניידערקע טרינקען די מילך פון דער זעלביגער קוה, וואס זיי האבען גע־טרונקען!

„בערעבענט נאר אקארשט די חוצפה דערפון"!

די גאב, וואס זיי האבען דאס אוועקגעגעבען דעם „פאר־מער", ווען די בעט האט זיך פלוצלונג אין מיטען נאכט צו־בראכען און זיי זיינען ביידע ארויסגעפאלען אויף דר'ערד! ווי זיי האבען געסטראשעט דעם פארמער צו פערקלאגען; ווי זיי האבען דאס אויפגעוועקט אלע געסט און אפילו די געסט פון די ארומיגע „האטעלען"!

דער פארמער איז „ארומגעגאנגען א טוידטער" פאר

שרעק. זיין איינציגער תירוץ איז געווען, אז זיי זיינען ביידע צו פעט, אז ער האָט זיי אזוי אבגעפּאשעט, דאָס די בעט האָט זיי ניט געקענט איינהאלטען. „אזא חצוף"! אבער ער האָט גע־האט פאר דאס זייניגע!

איצט קייקלען זיי זיך א גאנצען זומער אין „קלעמענס פּארק" און ראנגלען זיך מיט דער חמימה. זיי דיכען ווי די גענז און גיבען זיך אונטער צו די קאמארעס. פון אלע מאַ־יאָנטקעס איז איינע געבליבען ביי א וואש־טאָפּ מיט סטינקעס און די צווייטע ביי א מולטער מיט בייגעל.

אט דאס זיינען עטליכע פון די זומער „טראגעדיעס" פון די ניו־יארקער פּארקס, וועלכע זעהן אויס ווי קאמעדיעס. קיין דין ווי צו קוקען אויף זיי איז ניטאָ, אז איהר ווילט מעגט איהר שמייכלען...

א פערשפעטיגטער „אשמנו"

די חרטה פון א טויטע שלאנג.

ווען מיר, אידען, ווערען אפט פאר גרוים צער און יסורים שטאלץ אויף אונזער אונשטערבליכקייט, אויף אונזער ביי־קומען אלע אונזערע שונאים, שרייען מיר אוים מיט נצחון: „וואו זיינען בבל, אשור, יון און רוים? וואו זיינען די גרויסע וועלט בעזיעגער? וואו זיינען זייערע טעמפלען, געטער, הערשער, ארמעען און ציוויליזאציאנען? ניטא! ניטא זיי קיינעם, מיר האָבען זיי אריבערגעלעבט, מיר וועלען די יעצטיגע פייניגער אויך אריבערלעבען!"

און אונזער טריאומף געשריי איז א גערעכטער.

מיר האָבען די אלע דערמאָנטע רוצחים אויף אזוי ווייט אריבערגעלעבט, אז עס איז פון זיי אפילו איינער ניט געבליבען זיך צו שלאגען אין הארצען „חטאתי". די געשיכטע האָט זיי צומאָל געשטערט די חרטה. אויסגעגאנגען זיינען זיי אלע, אויס־געגאנגען אהן וידוי... אבגעמעקט מיט אלע זייערע גרויסקייטען.

אלטע, פערזונקענע בית עולם'ס, וואו די פאנטאזיע פער־בלאָנדזשעט נאָר א מאָל אויף קבר אבות; וואו עס ראָיען זיך

די וויסענשאפט־ווערים און די קוריאזיטעט קוקט אין די מוזע־אומס אויף די אויסגעגראבענע טרונעס פון די פערגעסענע טי־ראנען און זייערע הייליגטימער.

איין „גלגול“, נאר פון א סך א שפעטערדיגען שונא אונ־זערען, ראטעלט נאך מיט זיין געביין און גלאצט מיט די אויס־געלאשענע אויגען. ער לעבט נאך כלומרשט, אבער נאר אום צו זעהן די אייגענע מפלה און צו שלעפען דעם טויטען „איך“ מיט ביטערע געוויסענסביסע דורך די דורות.

איין ענטגיפטעטע שלאנג פון די פערשאלטענע פעלקער איז נאך פאראן, וועלכע קלאפט איהר צוהאקטען עק אן דר'ערד פאר חרטה אויף איהר גרויזאמקייט צו די אידען. יא, איין קלאפער־שלאנג, וועלכע א פערבארגענע האנד האט א כאפ־געטאן פאר'ן קאפ און ארויסגעקוועטשט דעם סם המות. זי קריכט יעצט ארום אויף איהר בויך, אין זאמד און שטויב קריכט זי און קאיט די ערד... זי זעהט ווי מיר, איהרע געווע־זענע אפפער, לעבען פונקט ווי פריהער און ווי איהר טויטליכער ביס האט אונז ניט פערניכטעט.

דיעזע אונגליקליכע, פערשאלטענע שלאנג איז קיין אנדע־רע ווי שפאניען. זי לעבט, אבער אך און וועה צו אזא לעבען! שפאניען איז ביז רוסלאנד געווען אונזער אינגסטע רוט, עס איז דערפאר פון גרויסער בעדייטונג פאר אונז און פאר אלעמען צו הערען, וואס זי האט צו זאגען וועגען איהר יעצטיגע לאגע.

ווי מיר וועלען באלד זעהן, זאגט זי זעהר פיעל, א סך מעהר ווי מען האט געקענט ערווארטען. איהר וידוי איז פאלשטענדיג און אפען. איהרע ווערטער זיינען איינפאך און שארף, יעדער איינער קען זיי פארשטעהן און קען קיין טעות ניט האבען אין

זייער וויכטיגקייט פאר אונזערע שונאים פון היינט. שפאניען האט אראבגעווארפען דעם צלם פון הארצען, ער פארנעהמט דארט מעהר קיין ארט ניט, און זי ווייזט איהר אלטע צוטרוי־בירטע חרטה־וואונד פאר דער גאנצער וועלט. זי האט ענדליך ארונטערגעשליידערט די שווערע, דריקענדע לאסט, וואס האט געפרעסט איהר פארפלעקטען געוויסען זייט דעם פינסטערען מיטעל־אלטער; זי האט זיך מודה געווען.

מיר האבען זעהר אפט געהערט ווי שפאניען לאדעט איין צו זיך אידען, ווי זי וואלט ווידער וועלען מאכען מיט אונז שלום. ניט לאנג צוריק האט אפילו אן אמעריקאנער רעפארמיר־טער ראבבינער אן עצה געגעבען די איינלאדונג אנצונעהמען; זיך לאזען איבערבעטען פון די באנקראטירטע שפאנישע קירכע, איהר מוחל זיין דעם הייליגען שייטער־הייפען, די אינקוויזיציע און זיך ווידער אריבערפעקלען אויף די טמא ערד פון בלוט און קללות. אפיציעל אבער האט זיך שפאניען געשעמט צו גע־שטעהן, אז זי ליידעט צוליעב איהר סקאנדאל געגען אונזער פאלק, ביז עס איז איהר דערגאנגען צום ביין און זי האט אויס־געפלאצט אין א היסטערישען „אשמנו“.

דיעזער וידוי הגדול איהרער איז ערשיענען אין די פארם פון א מאגאזין ארטיקעל, געשריעבען פון איינעם פון איהרע גרעסטע און בעריהמטעסטע שריפטשטעלער, סעניאר זשעראני־מא בעקאר, אין דער „נועסטרא טיעמפא“ אין שפאניען. דער שפאנישער „על חטא“ גיסט זיך איבער דאס אידישע הארץ ווי א קוויקענדער באלזאם און פילט אן די מיעדע, אויסגעוויינטע, אלטע אויגען פון דעם וועלט־מארטירער מיט טרעהרען פון פרייד און האפנונג.

„וואס איז מיט אונז געשעהן?" פרעגט סעניאר בעקאר, „פאר וואס זיינען מיר אזוי גיך אויסגעמעקט געווארען פון דעם צעטעל פון די גרויסע און מעכטיגע? פאר וואס האט שפאניען ניט געקענט אויפהאלטען איהר היסטארישע גרויסקייט אזוי לאנג ווי פראנקרייך און ענגלאנד? פאר וואס זיינען מיר פלוצלונג אראב פון דער פעלקער־ביהנע עפעס גראד דאן, ווען מיר האבען נאר וואס אנגעהויבען צו לעבען; ווען מיר האבען ענטדעקט א נייע וועלט?" (אמעריקא).

מען זעהט ווי די דאזיגע שמערצליכע שאלות רייסען זיך פון א שווער געמיטה; פון א צוריסענעם בוזים; ווי זיי ווארפען א קאלטען שוידער אויף די רויטע פריצ'טע פון אמאל, וואס האט קאקעטירט מיט א פרעכען שטאלץ ביי די בעשיצטע ברעגען פון מיטעל־לענדישען ים, פון אטלאנטישען אקעאן און ביי דעם שטארקען וואסער פאס פון גיבראלטאר.

אט איז דער אמת'ער און איינציגער תירוץ, וואס זשעראנימא האט אויף אלע זיינע פייגליכע קשיות:

„מיר האבען זיך איבערגעפיהרט מיט אונזער שלעכטקייט. דאס ארויסטרייבען די אידען האט אונז בערויבט פון אינטעליגענטע סוחרים און מאטעריעלע קוועלען... רעליגיעזע געמיינהייט און צבוע'יאקישע שטיק האט אונז אבגעזונדערט פון דער וועלט; די קירכע האט אונז צושטערט די אחדות און צוריסען דעם צוטרוי פון די פערשיעדענע נאציאנאליטעטען, וואס האבען צונויפגעשטעלט דאס שפאנישע רייך".

אט אזוי האט א קינד פון די אמאליגע מרשעת אויף איהר מצדיק הדין געווען. איהרע איינענע בייזע מעשים האבען איהר בעשטראפט; זי האט זיך אליין אראבגעשטופט פון דער סצענע.

דאָך, ווי עס שיינט, האָט מען גאר בין יעצט ניט געוואוסט ווי שלעכט דער ארימער שפּאניען איז געווען מיט אַ צעהנדליג יאהר צוריק, ביז זי האָט פערלארען דעם לעצטען חלום פון איהר אמאָליגען יחוס אין איהר מלחמה מיט אמעריקא. אָט ווי דער אויסגעשפּיעלטער מלוכה איז יעצט ביטער און טרויעריג, איז, לויט די ערקלעהרונג פון אַ מאדרידער פּראפעסאר, איהר אַ סך ערגער געווען, און אין דער צייט, וואס מען האָט נאָך גע־גלויבט אז שפּאניען איז „עפּעס“, האָט דאָס געהאלטען ביי אַ פּאָהן פון אַ עפענטליכע ליציטאציע איבער מאדריד. אָט דעם סוד האָט מען זיך ערשט יעצט דערוואוסט דורך אַ פּאליטישען ארטיקעל פון פּראפ. לואיס גארציא גואידזשאררא (פון דער שפּאנישער הויפּט שטאדט) אין די „יעיל רעוויו“, אַ זשורנאל פון יעיל קאלעדזש.

דאָס, וואס שפּאניען איז פּטור געווארען פון קובא און די פיליפּינען — שרייבט פּראפעסאר גואידזשאררא — האָט איהר בעפרייט פון אַ קריטישע לאגע און געשטעלט אַ ביסעל פעסטער אויף די פיס. זי האָט מעהר קיין כוח ניט געהאט אנצוהאלטען איהרע קאָלאָניעס, צו וועלכע מען האָט געדארפט צולייגען מעהר ווי געווינען, און נאכמעהר, מען האָט געדארפט צו זיי אין איי־זערנע האנד, — אַ זאך וואס שפּאניען האָט שוין פון לאנג ניט מעהר. דער פּראָפעסאר ווייזט, אז אמעריקא האָט שפּאניען ניט געשלאגען, נאר פארקעהרט: געהאָלפען, אז דער שפּאנישער פערלוסט איז אין גרונד גענומען גאר געווען אַ זיעג. דאס פּטור ווערען פון די צרה'דיגע קאָלאָניעס און די פּאאר צעהנדליג מי־ליאנען, וואס שפּאניען האָט געקראגען פון אמעריקא פאר די

פיליפינען, האָט דער פער'חלש'טער רעגיערונג אביסעל אבגע־מינטערט פון איהר ניט־גוטקייט.

דאָס איז א זיעג, וואס מיר פערגינען שפּאניען פון גאנ־צען הארצען, שוין נאָך אלע איהרע געשטענדניסען. דאס איז איינער פון יענע זיעגען, וואס מיר וואלטען פערגונען רומעניען אויך, און עס איז קיין ספק, אז מיר וועלען דאָס דערלעבען. שפּאניען און רומעניען, דאס זיינען לענדער, וועלכע וועלען קיין מאָל די אידישע סימפּאטהיע ניט ערוועקען.

שפּאניען'ס „אשמנו" איז זעהר א ריהרענדער, אבער ער איז געקומען צו שפּעט, רומעניענס וועט זיין נאָך ריהרענדער, אבער ער וועט קומען נאָך שפּעטער...

סוכות און דער האָדסאָן=פולטאָן פאַראַד

דער דאמפפער און דער גלות.

מיר האָבען היינטיגען סוכות צוויי־ערליי פאַראַדען: אין שוהל און אין דרויסען.

אין שוהל דרייט מען זיך מיט אתרוגים און לולבים, און אויף די גאסען מיט אמעריקאנער און האָללענדער פאָהנעס.

סוכות און דער האָדסאָן־פולטאָן יום־טוב.

ארום באלמעמער דרייען זיך די „ברידער" „פרעזידענטען" און גבאים און דער עולם קוקט זיך איין, און אין בראַדוויי, און אנדערע „וויען", דרייען זיך די ניו־יארקער פאליטיקער און פערשיעדענע קהל'שע שלעק און די מאסען שלעפען זיך נאָך, אדער שטעהען אויף די דעכער און קוועלען...

אבער ביידע עולם'ס: דער עולם פון שוהל און דער עולם פון גאס, טאנצען דאָ אויף פרעמדע חתונות.

די קבצנים פון דער לינקער זייט בימה פרייען זיך מיט די שענע אתרוגים און בכבוד'ע פיטום'ס, מיט וועלכע די גבאים שפאציערען און אליין מוזען זיי בארגען אן „אתרוג בענשען" ביי'ם שמש: און די קבצנים פון דער לינקער זייט געזעלשאפט,

וואס פרייען זיך מיט די ענטדעקונג פון דעם שענעם טייך האָדסאָן און די דאמפף שיף מוזען זיך אפט ארייננווארפען אין האָדסאן פאר הונגער אדער אנטלויפען פון אמעריקאנער „גלי־קען" צוריק נאך רוסלאנד, רומעניען, גאליציען אדער איטאלי־ען אויף א זעגעל־שיף צו אויף אן אָקסען־שיף.

שמחות און ימים טובים זיינען זעהר אפט ניט דאס, וואס זיי שיינען צו זיין: אידישע און אמעריקאנער שמחות איבער־הויפט. גיט א קראץ א אידישע שמחה און איהר וועט געפינען א צרה; קאשערט אויף אן אמעריקאנער פאראד און איהר וועט געפינען פאליטיקע.

און דאך זיינען סוכות און דער האָדסאָן־פולטאָן ספעק־טאקעל ניט שולדיג, וואס מען זוכט זיי צו פערשוועכען.ביידע ימים טובים האָבען געגוג ערנסטע בעדייטונגען, מיט וועלכע מענ־שען און אידען מעגען זיך פרייען.

סוכות און דער האָדסאָן־פולטאָן „סעלעברייישאָן".

ביידע האָבען אין זיך פאטהעטישעס, ריהרענדעס.

ביידע דערמאהנען אן רייזען: אָן וואנדרען... ביידע דער־מאהנען אן מארטירערטהום...

עס שווימען ארויף אויפ'ן געדאנקען דער בעליידיגטער ער־פינדער און דער בעליידיגטער איד; דער גלות און די דאמפף־שיף און ביידע פייערטעג פאסען זיך אין דער זעלביגער צייט, פונקט ווי א הימעלשע האנד וואלט זיי צונויפגעפיהרט אין איין מאָמענט אין די זעלביגע וואָך.

אזוי ווי קאָלאָמבוס האָט ענטדעקט אמעריקא אין דער צייט, ווען די שפאנישע אידען האָבען געדארפט א נייע היים, אזוי האָט ראָבערט פולטאָן ערפונדען דעם דאמפפער, ווען דער

אנטיסעמיטיזמוס פון דייטשלאנד און שפעטער פון רוסלאנד האָבען אנגעהויבען טרייבען אידען איבער די ימים.

דער סוכות דערצעהלט פון א לאנגער, שרעקליכער גלות־נסיעה דורך געווילדען און וויסטעניסען, וואס האָבען געסטראַשעט מיט'ן טוידט, און דער האָדסאָן־פּולטאַן פּאַראַד דערצעהלט אויך פון געפעהרליכע וואנדערונגען איבער טיעפע וואַסערען; איבער ווילדע סטעפּעס פון אונבעקאנטע פלוטען און סכנות'דיגע וואסער־וועלטען, קעמפּפענדיג און זוכענדיג א וועג דורך פּאליעס און געוויטער.

העניר האָדסאָן האָט אויסגעפונען דעם אמעריקאנעם רייהן, דעם פּרעכטיגסטען טייך, וואס פליסט פּארביי די מעכטיגע פיס פון ערהאבענע בערג, וואו רייכע אידען לעבען אין נחת און גדולה, און ראָבערט פולטאן האָט בעשאפען דעם דאמפּפער, וואס פערקירצט דעם גלות איבער די ימים און פערגרינגערט דעם אייביגען וואנדערער דעם שטירמישען וועג צו פערשיעדענע לענדער, וואו ער שלאָגט אויף זיינע „סוכות“...

ניט האָדסאָן און ניט פולטאן האָבען ביי זייערע אונטערנעהמונגען געהאט אין זינען די אידען, דאָך קריעגענדיג שטיינער אנשטאט ליעב און שאנד, אנשטאט כבוד פאר זייערע גרויסע לייסטונגען פאר די מענשהייט, — האָבען זיי, אלס דיינקענדע מענשען, געמוזט א קלעהר טאָן, אז זיי האָבען דעם זעלביגען גורל, וואס דער איד, וועלכער דיענענדיג דער וועלט אזוי געטריי, בעקומט פון איהר דעם ערגסטען חלק.

אויב די צוויי אונשטערבליכע ערפינדער האָבען דאס, אלס קריסטען, דעמאָלט ניט געטראכט, דאן טראכטען מיר דאס היינט. זייער אמאליגע אומזיסטע בעליידיגונג מאכט זיי

פאר מארטירער, פאר אונזערע פריינד, און מיר פרייען זיך דאָפּעלט מיט דער וועלט'ס ערוואכטען געוויסען, וואס קרוינט זייער אנדיינקען מיט די ערדעלסטע בלומען, מיט געוויסענס־בלומען, מיט די רויזען פון חרטה, וואס וועלען קיין מאָל ניט וועלקען, און אום צו מאכען זייער קראנץ פון אונשטערבליכקייט קאמפּליט און גאנץ, פלעכטען מיר אין איהם אריין אונזער אתרוג מיט די הדסים און ערבות...

די ערפינדונג פון דער „נייער וועלט" אפּעליערט צו די אידישע דאנקבארקייט, אבער דיעזע ערפינדונג וואלט אונז ניט אין גאנצען געפרייט ווען אונזערע עמיגראנטען וואלטען גע־דארפט אבפינסטערען זייערע רייזעס אויף זעגעל־שיפען, ציטע־רענדיג פאר יעדען בלאָז פון ווינד, ער זאל ניט פערווארפען די שיף אין געפעהרליכע ערטער, אדער שפּיעלען מיט איהר קאָץ־און־מויז, טרייבענדיג איהר הין און צוריק, און ענדליך בריינ־גען איהרע פאסאזשירען צו א קאניבאלען אינזעל...

און אזוי ווי אונזערע וואנדערונגען איבער די וואסערען זיינען נאך ניט געענדיגט, און אזוי ווי נאָך יעדער וואנדערונג מאכען מיר „סוכות", פייערען מיר היינט א דאפּעלטען יום־טוב.

האָדסאָן און פולטאָן זיינען אונזערע קאָללעגען. פּונקט ווי מיר, זיינען זיי געוועזען ערפינדער און ווי מיר — מארטירער. זייער אנערקענונג איז שוין געשעהן, אבער מיר פערצווייפלען נאָך אויך ניט. די געשיכטע בלייבט קיינעם ניט שולדיג. דער גרעסטער בעל חוב איז זי אונז, אבער מיר טרויען איהר... די מענשהייט נעהמט ביי אונז אויף באָרג, זי נעהמט אויפ'ן ביכעל, אבער מיר פערשרייבען אלץ; מיר וועלען איהר ניט שיינקען. מיר האָבען איבערגעגעבען אונזערע חשבונות צו דער צייט

און צום פאָרטשריט. זיי זיינען די בעסטע אַדוואָקאַטען איינ־צומאַהנען פערלייגגערטע חובות...

די געשיכטע באַנקראָטירט ניט.

דערווייל זיצען מיר אין „סוכות". ווען מיר וועלען איינ־קאַסירען אונזערע שולדען, וועלען מיר זיצען אין ה י י ז ע ר. מיר וועלען דאַן ניט ניצען דעם דאַמפּפער צו זוכען אַ צוקאָ־פּענס, נאָר צו זוכען פערגניגען.

און אונזערע טענות זיינען ריכטיגע.

פולטאָן האָט ערפונדען די דאַמפּף־שיף, מיר האָבען ער־פונדען די פרייהייט.

ביי דעם גרויסען פּאַראַד פון אונזער אַנערקענונג וועלען ניט דונערען קיין קאַנאָנען, ניט פּאַראַדירען קיין שלאַכט־שיפען און קיין געפּאַנצערטע קרייצערס.

פאַראויס וועט געהן אַ גרויסער אַקער־אייזען, געמאַכט פון צושמאָלצענע שווערדען און געפיהרט פון אַ „קוה מיט אַ בער", צוגעלויכטען פון אַ גאַלאַ־פייער פון פערברענטע „צלמים", פּאָליציי־קניפּעלס, שונד־ראָמאַנען און אַנטיסעמיטי־שע ביכער.

און האָבען וועלען מיר אונזער חוב ניט ווי האַדסאָן און פולטאָן, נאָכ'ן טויט, נאָר ביי'ם לעבען, דען דער איד, פּונקט ווי זיין ליעבע צו פרייהייט, וועט לעבען אייביג. זיין „אתרוג" שמעקט נאָך און זיינע „ערבות" גרינען...

סוכות און האַדסאָן־פולטאָן סעלעברייישאַן, — ווי שען זיי האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען!

די צומישענים

א בליק אויף אונזער נאציאָנאלע בויד.

נאָך קיינמאָל, זייט אידען עקזיסטירען, האָט ביי זיי געהערשט אזא גייסטיגע אונרוהיגקייט, אזא תוהו ובוהו פון ריכ־טונגען און אידעען ווי איצט.

די איינגעשלאָפענע, האלב־דערשטיקטע אומה, אין דעם ענגען, דושנעם שלאָף־צימער פון אלט איירָאפּא האָט זיך פּלוצ־לונג אויפגעכאפּט; מען האָט איהר אויפגעוועקט און איידער זי האָט זיך נאָך גוט ארומגעוואשען און אָנגעטאָן, האָט זי גע־נומען לויפען, אָדער בעסער געזאָגט, א נ ט ל ו י פ ע ן.

שלאָפענדיג האָט זי ניט געקענט זעהן וואָס פאַר א פּנים זי האָט. קוים האָט זי האסטיג, מיט איין מאָל א קוק געטאָן אין דעם גרויסען, נייעם שפּיגעל פון דער צייט, האָט זי זיך דערשראָקען פאַר איהר אייגענעם געשטאַלט און האָט גענומען אוועקלויפען פון זיך אליין...

פון איהר אייגענעם פּער׳חושך׳טען, טרויעריג־דערשלאָ־גענעם „איך“ איז זי געלאָפען, ניט וויסענדיג וואוהין, אָבער וואָס מעהר זי איז פון ז י ך אנטלאָפען, אלץ מעהר האָט זי זיך אליין נאָכגעיאָגט, און אזוי האלט זי אין בריקעווען אָהן

א צוועק. זי קען פון זיך ניט אנטלויפען און קען זיך ניט מעהר ווידער כאפען...

צוויי כחות מיט איין מאָל זיינען די וועקער געווען, צוויי שטארקע כחות — דער נאציאָנאלער און אינטערנאציאָנאלער. א צומישטע וועקענים און א צומישטער אויפשטעהן.

אזוי ווי א מעכטיגער, דורכלויפענדער ווינד ברענגט צו־נויף די צווייגען פון דערווייטערטע בוימער איינע צו די אנ־דערע און זיי כאפען זיך ארום מיט א קושעריי, כדי זיך באלד ווידער פונאנדערצוטיילען, אזוי האָט דער שטארקער הערצל׳־שער מזרח־ווינד אריינגעוואָרפען דערווייטערטע אידען איינע די אנדערע אין די אָרעמס אום זיי מיט מעהר קראפט פונאנ־דערצורייסען...

דאָס האָט געטאָן דער ציוניזמוס.

די רוסישע רעוואָלוציאָן אָבער האָט גאָר ניט אָנגעהויבען די אידען צו פעראייניגען.

ווי גיך דער רעוואָלוציאָנערער ווינד האָט א בלאָז געטאָן איבער די סטעפעס פון רוסישען לעבען, האָט ער באלד אוועק־געטראָגען דעם לייכטען, יונגען דור פון דעם אלטען און אָנגע־מאכט א מהומה. די ווערקשטאָט איז באלד געוואָרען א דם שונא די שוהל און דעם בית המדרש. דער יונגער בעל מלאכה איז ניט מעהר געגאנגען בין מנחה למעריב אין קלויז הערען דעם רבי׳ן „זאָגען“, זאָנדערן אין וואלד, הערען דעם אגיטאטאָר. עס איז געווארען א ביטערע פערצווייפעלטע מחלוקות אויף לע־בען און טויט. דער בונדיסט האָט זיך פערמאָסטען מיט מארקס׳ „קאפיטאל“ געגען שומר שבת׳ניק׳ס „אלשיך“ און די מאר־סעליעזע האָט געוואָלט אריבערשרייען דעם „שיר היחוד“...

דער צוהיצטער אידישער רעוואָלוציאָנער האָט געזוכט מיט געוואַלד צו שלעפּען דעם פּרוש אויף די באַריקאַדע. דער יונ־גער דור האָט געוואָלט פּערוואַנדלען דעם עלטערען אין א „רוי־טען", אָבער דער עלטערער האָט שוין מעהר אין זיך קיין בלוט און קיין פייער ניט געהאַט, ער האָט זיי געלאָזען אויף אַנדערע מזבחות... ער איז שוין געווען אַ פערברענטער קרבן, וואָס מען האָט ניט געקענט נאָך אַמאָל מקריב זיין... קינדער פון דרדקי חדרים האָבען גענומען קנעלען מיט זייערע מלמדים לאַסאַל'ס „אייזערנע געזעצע", עס איז געוואָרען אַן איבערקעהרעניש. אָבער ניט אַלע קינדער זיינען געווען בונדיסטען, סאָציאַליסטען־רעוואָלוציאָנערען און סתם סאָציאַליסטען, אַנדערע האָבען זיך אָנגעשמעקט מיט די אויבערפלעכליכקייט פון פערשיעדענע נאַ־ציאָנאַלע פראַקציאָנען און דער ווילדער בבל האָט זיך אָנגע־פאַנגען שוין באַלד אין חדר.

אַט אַזוי איז דאָס אידישע געמיט צופליקט געוואָרען אין רצועות און יעדער רצועה בעזונדער האָט אונז אָנגעהויבען שלאָגען אָדער סתם פערוויקלען און פערפּלאָנטערען הענד און פיס, מיר זאָלען זיך ניט קענען א ריהר טאָן. אַט וויפיעל גאַ־סען און געסלאַך אין די אידישע „גהעטאָס" אַזוי פיעל געטער האָבען מיר איצט. און יעדער גאָט האָט זיך זיין בית המקדש, יעדער בית המקדש זיינע כהנים, יעדער כהן זיין מזבח און יעדער מזבח זיינע קרבנות...

מיר האָבען תרי"ג בעוועגונגען, וואָס לאָזען זיך דעם פאָלק ניט בעוועגען. די סיבה דערפון איז פשוט: א וואָגען, וואָס האָט איינגעשפּאַנט פערד פון אַלע זייטען קען זיך ניט ריה־רען פון אָרט. העכסטענס, וואָס ער קען, איז צוריסען ווערען

אין שטיקער. אונזער נאציאָנאַלער „וואָגען“ אונזער „בויד“ איז לײדער אויף אזא מטושטש׳ן אופן אײנגעשפּאַנט. מיר האָבען אזוי פיעל „פערד“ פון אלע זײטען, אז מען זעהט דעם וואָגען ניט ארויס און יעדער אײנער פון זײ וויל זיך געהן זײן וועגס, פיהרען, וואו זײן צוטראָגענע פאנטאזיע הײסט איהם און דער וואָגען שטעהט אין געהאקטע וואונדען אויף אײן אָרט... די פּארשוינען, וואָס זיצען אינעווייניג, ווייסען צייטענווייס ניט וואָס צו טאָן, אויב זײ זאָלען ווארטען דער געשפּאַן זאָל זיך נעהמען ריהרען, אָדער זײ זאָלען איהם פערלאָזען אין גאַנ־צען... דער בײמש אָבער, דער פאָרטשריט, לאָזט ניט שטעהן, ער שמײסט די „פערד“, זײ הירזשען, טופּען מיט די פיס, האַ־קען מיט די קאָפּיטעס און קלאַפּען מיט די גרויסע, פערדישע קעפּ אײנע די אנדערע... שפּרינגען מיט צושוימטע מײלער אין דער הויך און שפּאַלטען דעם באָדען אונטער זיך, עס איז א שרעקליכע סצענע אָנצוקוקען...

דאָ, אין אמעריקא, וואָלט מען אפשר פון די רמ״ח קלײז־לאַך און שס״ה בעוועגעכצען ניט געליטען, ווען ניט די נײי־אריבערגעקומענע. אין אמעריקא, וואו עס פעהלט די קדושה און דער ערנסט פון גרויסע אידעאַלען, האָט דער ציוניזמוס, למשל, אפילו אין זײן גלאַנץ־פּעריאָדע אויך ניט געטראָגען די הײליגקײט, וואָס אין דער אלטער וועלט. דער ציוניזמוס איז דאָ שטענדיג געווען א מיטעל פאר עטליכע מאכער צו זוכען פּאָפּולאַריטעט און שווימען פון אויבען.

דער היגער אָרטאָדאָקסישער יודענטום האָט נאָר א פּאָב־ריצירטע ממשות; ער איז שוין לאַנג „ניט דאָס“. דער אלטער, פרומער דור שטאַרבט אָב און דאָס יונגוואַרג ווײס נאָר, אז

אידען טאָרען יום כפור ניט עסען ביי זיך אין דערהיים, נאָר אין קריסטליכע רעסטאָראַנטען...

די רעפאָרמירטע „יאהודים" פון די גאָלדענע גהעטאָ, וואָלטען זיך שוין לאנג מיט אידען ניט געחבר'ט, כאָטש עס איז אָך און וועה צו אזא חבר'שאפט, ווען זיי וואָלטען ניט געדארפט אָנקומען צום אידישען קווארטאל נאָך שטימען פאר זייערע פאָליטישע צוועקען און איבערהויפּט ווען זיי וואָלטען ניט געדארפט זוכען ביי די איינגעוואנדערטע דאָס ביסעל עהרע, וואָס זיי קענען ניט קריעגען ביי די אמעריקאנער.

די אידישע סאָציאליסטען האָבען צו טאָן בלויז מיט די סאָציאלע און עקאָנאָמישע פראגען. ספּעציעלע אידישע שאלות איז זיי נאָר אויף אזוי ווייט נוגע, ווי ווייט זיי האָבען אַ שייכות מיט זייערע לעהרען א. ז. וו.

דער כלל, אין אמעריקא, וואָלט גאנץ רוהיג געווען, דען וואו עס איז ניטאָ קיין ליעבע איז ניטאָ קיין אייפערזוכט און עס וואָלט געווען שאַ, שטיל ווי אין א מויזען־לאָך. די ארטאָדאָקסען וואָלטען מיט דער צייט געוואָרען רעפאָרמער, די רעפאָרמער — גוים, ווען מען וואָלט זיי נאָר ניט ארויסגעטריעבען פון די קריסטליכע האָטעלען. זיי מאכען סיי ווי סיי חן'דלאך צום צלם; שפּעטער וואָלטען זיי זיך מיט איהם פער'קנסט און עס וואָלט געווען שלום ושלוה.

אָבער אידען קענען קיין שלום ניט האָבען... און די אמעריקאנער בני ישראל האָבען איצט אלץ, וואָס זייערע ברידער אין שניפּישאָק, מינסק און ווילנא. אפילו דער נארישער סכסוך אויב אידיש איז א שפּראך, א „בעלהבית'טע" פאר זיך, אָדער

זי איז בלויז א „מיאוס'ע דיענסט־מויד" איז שוין אויף אריי־בערגעשלעפט געוואָרען אויף דער זייט ים.

עס איז קאָמיש־טרויעריג צו זעהען ווי מאנכע קלאָגעדיגע זשארגאָן פּאטשקונעס און הפקר־יונגען קעמפּפען דאָ אויף טאָ־טערשע אידיש געגען זייער אייגענעם מאמע־לשון; ווי זיי שטשירען זייערע פּעדדישע צייהן פאר שמחה מיט לשון־קודש אָדער ענגליש, וואָס זיי קענען ניט...

אָט די דאָזיגע פּעדער־פּארטאטשעס, וואָס קאָרמענען דעם עולם מיט קובעבע און לאקעריץ, דערציילען, אז אידיש איז ניט מסוגל אויסצודריקען גלייכע געדאנקען אין שענע פאָרמען און איהר פּסק איז צו שטעהן אין קוגע מען זאָל אויף איהר שפּייען. זיי זאָגען דאָס מיט א לייכט געמיט, עס ארט זיי ניט, זיי האָבען ניט וואָס צו בעדויערען, זיי האָבען סיי ווי סיי ניט געשאפען אזוינס, וואָס זאָל זיי אריבער לעבען אפילו איין איינציגען טאָג. אלץ, וואָס זייער מיאוס'ער גייסט, דער פּער־זעהענים, האָט געבאָרען, איז געווען טויט באלד אויפ'ן בראָב־שטוהל. בעדויערען זיי די נעכטיגע וועטשערע, וואָס איז שוין מעהר ניטאָ? זייער שמירעכץ איז שוין אויך ניטאָ.

אבער ביי אונז הערשט א צומישעניש. אט וויל א כאפּטע בניאָקעס דרייען אוים מיט'ן גראָבען פינגער, אויף וועלכען עס שטעקט א שמוציגער נאָגעל, די חרפּה פאר'ן אידיש, האָבען מיר פון דער אנדערער זייט א פּומפּדיתא מיט צודרומשקעטע פילאָזאָפען און חסידים פון אידיש, וואָס ווילען דוקא מזכה זיין אונגעשולטע אידישע בעלי מלאכות מיט א מאגאזין פון די „העכסטע וויסענשאפט" און די ווילדעסטע דעקאדענץ אין פּראָסטען אידיש. די כונה איז א גוטע, שוין צו גוט...

פארפאלען! ניטאָ ביי אונז קיין מיטעל־וועג, ניטאָ קיין בערעכנונג. עס איז אָדער ג אָ ר, אָדער ג אָ ר נ י ט. אָדער מען קען אויף אידיש קיין ידידות־בריעפעלע ניט אָנשרייבען אָדער מען קען אויף איהם שרייבען הומבאָלד'ס „קאָסמאָס". אָט אזוי איז מיט אלע אונזערע „פראגען", מיט דעם גאנצען אידישען לעבען, און אָט מיט אזא צוטומעלטע ארמעע געהט דאָס יעצט ישראל אין דער גרויסער, געפעהרליכער מלחמה פאר זיין קיום. וועט זיך ריהרען די בויד? וועלען מיר פאָהרען וייטער?

די יונגע טערקען

אויף די אראבזעצונג פון טערקישען סולטאן אבדול האמיד און די בעקרעפטיגונג פון דער טערקישער קאנסטיטוציע.

רעדט וואס איהר ווילט, איך בין א יונגער טערק!...

איך קען ניט קיין טערקיש, איך ווייס ניט גענוי וואס עס געהט פאר אין טערקיי, די צייטונגען זיינען פול מיט סברות, אז די הריגות אין יענער מדינה זיינען ניט פאר פולע פרייהייט און גלייכהייט; איך ווייס, אז נאך אלע זיעבען זאכען וועט טערקיי בלייבען מעהר טערקיש ווי מענשיש, דאך פיהל איך מיט די יונגע טערקען.

איך בין א יונגער טערק!

ווען די יונגע רוסען האבען מיט א פאר יאהר צוריק געוואלט מאכען דעם זעלביגען קונץ אין זייער מדינה, בין איך געווען א יונגער רוס און ווען אונזער אמעריקא זאל פלוצלונג קומען צום שכל און ווייזען וואס זי קען טאן, וואלט איך געווען א יונגער אמעריקאנער...

איך גלויב אין די יוגענד.

איך גלויב, אז אלץ וואס איז אלט, צו אלט, איז איבעריג,

ניט נוציג און מוז בלייבען פון הינטען און אלץ וואס איז יונג, ניי און קרעפטיג מוז געהן פאראויס.

ניטשע גלויבט אין שטארקייט, איך אויך. און דער שטארק־סטער עלעמענט אין דער וועלט־געשיכטע איז דער יונגער, ער האט שטענדיג געזיעגט, ער קומט צו ז י י ן, צו פ ע ר ב ל י י־ב ע ן ביז אין זיין הויכען עלטער...

דאס אלטע בלאט מעג זיך ווער ווייס ווי בריה'ן אויף דעם בוים, ענדליך מוז עס דאך מאכען פלאץ פאר דאס יונגע בלע־טיל; דאס וועלקען מוז אבטרעטען פאר'ן בליהען.

די פאנאטישע רעאקציאנערע בלעטער, וואס האבען גראד געטראצט שטורם, רעגען, שנעע און געוויטער און זיינען גע־בליעבען הענגען אויף זייערע ערטער, מיינען אומזיסט, אז זיי האבען גע־ירש'עט די צווייגען, דאך כאטש זיי האבען אויסגע־האלטען די עקשנות פון הערבסט און ווינטער, וועלען זיי ניט קענען וויעדערשטעהן דעם פריהלינג, וועמעס יוגענד עס איז געבארען אויף דעם גרינעם שוים פון נצחון.

די בלעטער שרייבען אלס א וואונדער, דאס צווישען די יונג־טערקען געפינען זיך זעהר פיעל אלטע, גרייז־גראהע גענע־ראלען, פראפעסארען און געלעהרטע.

וואס איז דאס פאר א וואונדער!

ווען דער גייסט איז גראה, דאמאלס איז דער מענש אלט.

יאהרען זאגען גאר ניט ווען די נשמה רעדט.

געטהע איז געשטארבען צו זיין 83־טען יאהר און איז קיינמאל ניט אלט געווארען. זיינע לעצטע שריפטען דופטען מיט די זעלביגע פרישקייט ווי זיינע כתבים פון דער יוגענד.

און ווייסט איהר פארוואס איך פיהל יעצט ווי א יונגער טערק? ווייל איך בין שוין אן עלטערער איד...

וואס עלטער א איד איז, אלץ אינגער ווערט ער; אלץ מעהר געפינט ער אוים, אז ער געהערט צו די צוקונפט...

וואס פינסטערער עס ווערט דער וועג הינטער איהם, אלץ גרעסער איז די ליכט, וואס ווינקט איהם אנטקעגען. דער איד געהט שטענדיג מיט'ן פנים צו מזרח. ער שטעהט שמונה עשרה מיט די אויגען צו דער מארגען-זייט, צו דער יונגער, ריינער ליכט...

און איך זעה א ליכט אין מזרח, איך זעה ווי עס ווערט ליכטיג אין אזיע וואו דער אידישער הימעל איז א מאל געווען דער ליכטיגסטער.

ביז פופצעהן טויזענד קריסטען האט מען אויסגעקוילעט אין טערקיי, אבער דאס האבען ניט געטאן די יונגע טערקען. דאס האט דער קאראן גע'ממית'ט דעם נייעם טעסטאמענט. די יוגענד איז געגאנגען מיט דער קאנסטיטוציע.

א קאנסטיטוציע האט אויך א שווערד, אבער זי שלייפט איהם ניט אויף דעם שארפשטיין פון אמונה.

„איך וויין ניט אויף די געשאכטענע ארמעניער; זיי האבען אויף קישינעוו אויך ניט געוויינט, די וועלט-געשיכטע איז בלוטיג, מיר זיינען שוין געוואהנט דערצו. די קריסטליכע פעלקער ארט דאס אויך ניט; זיי האסען מעהר דעם פארטשריט ווי זיי ליעבען דעם צלם.

זאלען מחמד'אנער מערדערען קריסטען אבי טערקיי זאל ניט האבען קיין פארלאמענט. גלויבען איז דער צעמענט פון די טהראנען און אבדול האמיד האט זיך געזוכט דערמיט צו

בעפעסטיגען; קריסטענטהום איז דעספאָטיזמוס און זי האָט סימפּאטהיזירט מיט דעם טערקישען דעספּאָט.

וואָס מיך פערדריסט, וואָס יעדען פאָרטגעשריטענעם מענ־שען מוז ביי דעם יעצטיגען אויגענבליק פערדריסען איז, וואָס עס ווערט פערגאָסען אזוי פיעל בלוט אין א מלחמה, וועלכע וועט דעם ריכטיגען, גרויסען זיעג ניט ברייננגען.

טערקיי וועט האָבען א סולטאן, א הערשער, און יעדער הערשער מוז האָבען בעהערשטע און בעהערשטע זיינען שקלאַפען.

ענגלאנד האָט שוין זייט דורות אויסגעקאַסירט איהרע אב־זאָלוטע הערשער; זי איז יעצט דער מוסטער פון א קאָנסטיטו־ציאָנעלער מדינה; זי האָט א קאָנסטיטוציאָנעלען מאָנארך, וואָס האָט ניט קיין אייגענעם ווילען; דאָך אין זיינע טהראָן־רעדעס רעדט ער ניט פון זיינע בירגער, נאָר פון זיינע אונטערטהאנען. די „פרייע" ענגלאנד איז אונטערטהע־ניג צו איהר געקרוינטען און זיין „האוז אָוו לאָרדס" האָט דאָס העכסטע וואָרט; די אדעליגע בלייבען דער פריווילעגירטער קלאַס און דאָס פאָלק שפּיעלט אלץ ניט די ערשטע פידעל אין דער רעגיערונג.

עס איז אָבער פערפאלען! דערווייל מוז דאָס אזוי זיין. מיר קומען שטופענווייז אויף'ן שפּיץ לייטער, מען קען ניט שפּרינגען איבער די שטאַפּלען אָהן א סכנה גע'הרג'עט צו ווע־רען. דער קאַמפּף פון די יונג־טערקען איז דערפאַר א קאַמפּף פאר'ן פאָרטשריט און דער טיטעל „יונגער טערק" איז היינט אן עהרענטיטעל.

ניין! א קאָנסטיטוציע איז ווייט ניט דאָס לעצטע וואָרט

אין דעם פרייהייטס־בוך פון דער מענשהייט; מעג די קאָנסטי־טוציע קלעפּען אויף א קעניג, א סולטאן אָדער א פּרעזידענט.

אונזער אייגענע מיטעל־יעהריגע אמעריקא, וועלכע ווערט נעבעך אלט און צוקנייטשט פאר צרות, האָט אמאָל אויך געהאט איהרע „יונגע", אָבער זיי זיינען שוין לאנג געשטאָרבען און איצט ווערען דאָ געבאָרען פארטיגע „זקנים", „אלטע", גאָטס פאָרכטיגע בעלי הבתים, גלויביג, שטיל, צופריעדען און מיושב...

די איצטיגע אמעריקאנער גלויבען, אז זייערע עלטערען האָבען זיי שוין „מוציא" געווען מיט „יונגקייט", אז די אמאָ־ליגע העלדען האָבען שוין געקעמפּפט און געזיעגט פאר אלע צייטען.

די איצטיגע אמעריקאנער גלויבען, אז אויסער „פוטבאָל" און „רייסעס" איז פאר זיי קיין זאך ניט געבליבען.

די אמעריקאנער קאָכען זיך איצט ניט מעהר. האָבען זיי חיונה, איז מה טוב, ווען ניט בעגעהען זיי זעלבסטמאָרד, ווערען זיי משוגע פאר צרות, פילען אָן די וואָרקהייזער, די קהל'שע הקדשים, אָבער אלץ אויף דעם געזעצליכען, פרייהייטליכען, קאָנסטיטוציאָנעלען אופן...

און גערעכט זיינען זיי, די יענקים!

אויף וועמען וועלען זיי זיך בייזערען? קיין קיסר האָבען זיי ניט, דעם פּרעזידענט קען מען ניט בעשולדיגען, זיי האָבען דאך איהם אליין „אויסגעקליבען". אין פיער יאָהר ארום ווע־לען זיי ווידער „אויסקלייבען".

עס איז געוואָרען א קריזיס אין לאנד.
נישט קשה, עס וועט בעסער ווערען.

עס איז געוואָרען א יקרות אויף ברויט.
ווער איז שולדיג? גאָט איז שולדיג!

האָט ער גערארפט בעשאפען די מענשען מיט בולקעס אין די קעשענים, אָדער גאָר אָבגעגעסענע און זיי האָבען נאָר גע־דארפט קומען אויף דער וועלט בענשען...

דעמאָלט וואָלט נאטירליך ניט געוואָרען קיין טראָסט אויף ווייץ און קיינער וואָלט ניט געליטען.

דערפון איז צו זעהן, אז די יונגע טערקען וואָלטען ניט גליקליך געווען ווען זיי וואָלטען זיך אפילו פערוואנדעלט אין רעפּובליקאנער. דעם פאָלק וואָלט א האָר ניט בעסער געגאנ־גען ווי די פראנצויזען אָדער די אמעריקאנער. טערקיי, מאכט יעצט דורך דעם היסטאָרישען חיבוט הקבר, וואָס א סך מדינות האָבען שוין דורכגעמאכט, אָבער אין גן עדן וועט זי נאָכדעם סיי ווי סיי ניט אריין.

וואָס מיר אידען קענען פון דער פעריונגטער טערקיי ער־ווארטען, איז דערווייל אונבעשטימט. אויב די יונגע טערקען זאָלען בלייבען פעסט אין זאָטעל, וועלען א סך אידישע קאפּי־טאליסטען האָבען מיט דער צייט א גוטע געלעגענהייט איינצו־שפּאנען זייערע מיליאָנען אין טערקיי, סיריען און פּאלעסטינא. אָבער די גאולה פון די אידישע קאפּיטאליסטען איז קיינמאָל ניט געווען די גאולה פון אידישען פאָלק.

די „כנסת ישראל“ געהט טאקע שטענדיג א „כשר טאנץ“ מיט דעם געלד־זאק, אָבער זי טאנצט אליין אויף פרעמדע ברע־טער, אויף א פרעמדען באָדען. די בירגער רעכט פון א ראָטה־שילד, א סאסון און א שיף זיינען ניט די זעלביגע וואָס חיים דעם בינגלער'ס — קיינמאָל ניט.

און דאָך פרייה איך מיך מיט די יונגע טערקען. איך קוועל, קוקענדיג ווי דער קוטאס פון דער רויטער, טערקישער יארמולקע שאָקעלט צום אבזאָלוטיזמוס „ניין“, א ליכט געהט דאָך אויף אין מזרח, אפילו דער גרויסער קנופּ פון טורבאן איז ניט דיק גענוג, אז די שטראַהלען פון דער פרייהייטס־זון זאָלען איהם ניט דורכדרינגען, אלטע פעלקער ווערען פעריונגט, פאר־וואס זאָל דער איד אויך ניט האָפען?...

גיט מיר שונאים

(פּאָלעמישעס).

„סבבוני כלבים רבים עדת מרעים". (תהילים).

אידער זאָגט דאָס גליק.

צו אַ ל ע דאַרף מען האָבען גליק, אפילו צו שונאים.

לייט האָבען שונאים איז כאָטש קיין אוס־כבוד זיי צו ענטפערען, זיך מיט זיי צו פערהערען, אדער, אין ערגסטען פאל, זיי אָנצושפייען אין פּנים. מ י י נ ע שונאים אָבער האָבען גאָר קיין פּנים ניט...

שפּיי אויף אַ הויפען מיסט!

אַ סך וועסטו איהם דערמיט פערשעמען. ביי איהם וועט דאָס נאָך גאָר זיין אַ עהרע: ער האָט געקראָגען אַ פּאָעטישען שפּיי... ער וואָלט נאָך געדאנקט די זון זי זאָל דאָס קיינמאָל ניט אָבטריקענען, ניט פערמעקען, די גאנצע וועלט זאָל זעהן זיין יחסנות, ווער עס האָט אויף איהם אַ שפּיי געטאָן...

שונאים קענען אמאָל ארויסברייננגען אַ מענשען פון געדולד אזוי, אז ער זאָל זיי זיין געצוואונגען אָנצורופען ביי זייערע ריכטיגע נעמען. מיינע שונאים האָבען גאָר קיין נאָמען ניט...

מען קען זיי נאָר אין די קליינע קאַליזשעס, וואו זיי פּליושקען זיך.

זיי צו ענטפערען מיינט זיי צו רעקלאַמירען, צו לאָזען ווימען, אז זיי עקסיסטירען, זיי צו מאַכען א שם, און דאָס איז טאקע אַלץ, וואָס זיי ווילען... היינט גערה, קריעג זיך מיט א מחויר דערפאר וואָס ער שמעקט ניט, ווייז די וועלט, אז דו ראנגעלסט זיך מיט א סטינקער, דאָס מיינט זיך אליין צו בלאַמירען, דאָס קען איך ניט...

ביי לייטען שונאים, לוינט זיך אפט צו ווייזען ווי זיי פערשעמען זייער משפחה, ווי זיי זיינען דער פלעק פון זייער פאַמיליע, פון זייער סביבה, מיט מיינע שונאים קען איך אפילו דאָס אויך ניט.

איך קען ניט דערמאָהנען זייער יחוס, זייערע פריינד און חברים אין דער עפענטליכקייט אום ניט צו בעליידיגען די מאָראלישע און עסטהעטישע געפיהלען פון די לעזער.

דער צעטיל פון מיינע שונאים'ס יחוס וואָלט זיך געמוזט ציהען דורך אמעריקאנער תפיסות... דורך טורמעס אין גאליציען... דורך מיאוס'ע הייזער... דורך מחנות משומדים... דורך קאָרטעוויניעס... דורך בערזען־ספּעקולאנטען און פילאנטראָפּישע פּראָצענטניקעס... דורך יאהודים'שע שפּיאָנען... א. ז. וו., א. ז. וו.

ניין! איך קען וועגען מיינע שונאים'ס משפּחות, וועגען זייערע פריינד און זייער אומגעבונג אויך ניט ריידען. דערפאר וואָלט איך זיך אין גאנצען אויסגעלאכט פון זייערע קעפ, ליידער האָבען זיי דאָס ניט... און איהר קענט אויף לומפען קיין קעפ ניט ארויפזועצען, ווייל קעפ־מענשען זיינען ניט אזוי פערדאָר־

בען, אזוי ניעדריג, אזוי נאריש צו זוכ'ען פאפולאריטעט דורך מסירות און זלזולים.

מיינע שונאים טהוען דאס.

אבער דא ליעגט דער טעות פון יענעם קארליק: איהם האט פערדראסען פארוואס דער ריעז איז אזוי הויך, האט ער געזוכט א מיטעל איהם אנצונעהמען פאר די האר און ארונ־טערשלעפען צו זיך, כדי זיי זאלען זיין ביידע גלייך...

האט קיין טעות, רבותי, איך האלט זיך ניט חלילה פאר א ריעז, אפילו ניט פאר איינעם פון מיטעלען הויך... נאר וואס זאל איך טאן, אז מיינע שונאים זיינען אזוי קליין, דאס אין פערגלייך מיט זיי בין איך א גליות הפלשתי...

אלזא זוכען זיי מיר אנצונעהמען פאר די האר, די שונאים מיינע, די קארליקעס. קענען זיי ניט דערגרייכען. בייזערען זיי זיך, זידלען זיי, מסר'ן זיי, קריצען זיי מיט די צייהן. העלפט דאס זיי ניט.

האבען זיי אבער, אט די פיגמעען, די קארליקעס, לאנגע הענד... זעהר לאנגע הענד. וואלטען זיי דוקא וועלען כאטש גרייכען מיינע קעשענעס, דארט אריינשטעקען די לאנגע הענד זייערע און מיך אויף אזא ארט ארונטעררייסען...

צו שטעקען די הענד אין פרעמדע קעשענעס זיינען זיי מזיקים, משונה'דיגע בריות, און איך וואלט אויך ניט געוועזען דער איינציגער וועמען זיי וואלטען דאס געטאן, ווייל דאס איז זייער פרנסה... אנדערע פון זיי טהוען דאס טעגליך... און אנדערע — איין מאל אין וואך... מאנכע טהוען דאס אויף ענג־ליש אין דער 5טער עוועניו... און מאנכע — אויף צוקאליע־

טשעטע אידיש אין דער איסט סייד... קינסטלער צו פינגער־מלאכה זיינען זיי אָבער אלע.

נו, זיינען זיי גראָד איצט געוואָהר געוואָרען, אז איך קען געבען איבער די הענד... פוי! אזעלכע זאכען האָב איך פיינד! אוועק'ט שקצים!

זיי האָבען פערגעסען, די יונגאטשעס, אז איך בין דער אלטער, שטריינגער וועכטער, וועמען די השגחה האָט אוועקגע־שטעלט צו פערהיטען די פאָלקס־קעשענעס פון די פערשיעדענע פינגער־מכשפים, וואָס רוקען זיך דאָרט... זיי האָבען פערגעסען, אז זיי וועלען ניט זיין די ערשטע גנבים וועמען איך האָב גע־פאקט און צוגענגעלט צום שאנד קלאָץ אין פערלויף פון מיין וועכטער־קאריערע...

יא, זיי האָבען דאָס פערגעסען!

איך האָב פיינד לאנגע הענד. מעג דאָס זיין א ווייכע, פוכאָווע, אויסגערוהטע האנד מיט שענע, געפוצטע „מאניקיור־טע" נעגעל און דימענטענע רינגען... מעג דאָס זיין א „שווארצע האנד" מיט שמוציגע נעגעל און ארומגעדרייט מיט רצועות... אָדער סתם אן אונריינע האנד מיט א בלאָטיגע פען... מיט איין וואָרט, אָט די אלע הענד לאָז איך ניט קריכען צום עולם'ס קע־שענע און צו מיינע געווים ניט...

קיינמאָל ניט!

אלץ, וואָס דאָרט געפינט זיך, אין די קעשענעס מיינע, איז מיין אייגענעס, שווער־פערהאָרעוועטעס, בלוטיג־שווערעס געהאלט פאר מיין עהרליכע פראצע, און קיין קעשענע־גנב, קיין פאָלקס־פערפיהרער, מעג עס זיין א „יאהודי" אָדער א מאס־קירטער איד, וועט דאָס ניט דערלעבען צו בעריהרען...

מיינע קעשענעס זיינען ריין, זויבער, אונבעפלעקט, הייליג, און ווען איך וועל שטארבען זאָל מען זיי אויסשניידען, די קע־שענעס מיינע, און זיי מיר מיטגעבען אין קבר.

רעספעקט, קעשעניקעס, פאר מיינע קעשענעס! רעספעקט אפילו איהר אויסגעקלונגענע פילאנטראָפען, וואָס צאָלען גזלה פאר כבוד, פרעמד בלוט און טרערען פאר אונשטערבליכקייט, און פערקויפט „וואסער" אָנשטאָט גאָלד און פערוואנדעלט די רייכסטע נאציאָן אין א מיזעראבעלע בעטלערקע — רעספעקט פאר א קראנקען, אויסגעמוטשעטען, אויסגעזאָרגטען קינד פון א קראנקע, אויסגעמוטשעטע און אויסגעזאָרגטע אומה!

— —

קענען זיי מיר הייסט דאָס ניט גרייכען.

האָבען זיי געפונען אן אנדער מיטעל. איינע אויף די אנדערע האָבען זיי זיך געשטעלט, די קארליקעס. יאָ, איינע אויף די אנדערע. די דיקע, די גראָב־בייכיגע, די אָבגעפרעסענע פון „אויבען־אָן", פון "אפטאון" האָבען זיך אוועקגעשטעלט ראַ־קום אלס פונדאמענטען... אויף זיי האָבען זיך אוועקגעשטעלט די דארע, די הונגעריגע, די שפילקע־קעפעלדיגע, די נבזה'דיגע און אויף זיי — נאָך קלענערע, נאָך מיאוס'ערע, נאָך עקעלהאפ־טערע, נאָר מיט גרעסערע מיילער, מיט מעהר עזות, ביז די ערגסטע יונגאטשעס זיינען אויסגעקומען פון אויבען...

א מין ראקום־לייטער האָבען זיי געמאכט און האָבען גע־מיינט אָט, אָט האָבען זיי מיך שוין דערגרייכט, לאָזט זיך אָבער אויס, אז זיי האלטען מיך נאָר פאר א פיאטע און קיצלען מיך און אָנשטאָט צו פיהלען א סכנה מאכען זיי מיך לאכען... און לאכען וועל איך מן הסתם ביז איך וועל דערלאנגען א בריק

און דער גאנצער קארליק־טהורם וועט צופאלען אין פיץ־פיצלאך און זינקען אין שאול תחתיה.

און שונאים ווילט זיך דאך האָבען.

מענשליכע שונאים, עהרענהאפטע שונאים, מעכטיגע שונאים, וואָס זאָלען טאקע ריכטיג וועה טאָן, א שטאָך טאָן ביז אין סאמע ביין אריין. שונאים וואָס זאָלען שלאָגען מיט'ן אמת און ניט מיט שקרים. דער שקר קראצט און איז עקעל־האפט, דער אמת טהוט וועה און ער איז נאָבעל.

גוואלד גיט מיר שונאים!

אין די יאגדעס-בערג

איך געפין זיך יעצט אויף א פארם, א אידישען פארם, אין קאלאמביא קאונטי, ניו יארק, ניט ווייט פון דעם שעהנעם האדסאן ריווער, צווישען „די בערג פון שווארצע יאגדעס", „האקעלבעררי מאונטיינס".

ווי די מעהרסטע אידישע פארמערס אין אמעריקא, איז אויך מיין פארמער געוועזן א שטאדט־מאן און א בעל מלאכה דערצו: א מאלער פון הייזער, א „פיינטער", און האט אזוי לאנג געארבייט אין שטאדט ביז ער האט זיך ארויפגעארבייט צום רעכטען שפיץ פון א קירכע און איז פון דארט אראבגעפאלען, פון א „סקעפאלד", און זיך צובראכען א פוס. דאס איז מעהר ווי ער האט דורכגעמאכט אלס אמעריקאנישער סאלדאט אין דער שפאניש־אמעריקאנישע מלחמה, קעמפפענדיג צוזאמען מיט רוזוועלט'ען ביי סאן זשואן בארג.

יעצט וואהנט ער מיט זיין פרוי און פיער קליינע קינדער אויף א געדונגענעם פארם און זוכט מיט אלע קרעפטען צו מאכען א לעבען און ער מאכט דאס. מיט די גרעסטע געדולד און אויסדויער, וואס זיינען שווער צו טרעפען ביי אידען, האט דער ארימער מענש געליטען דעם ערשטען יאהר, ניט האבענדיג קיין געצייג, קיין פערד און קיין בהמות דאס לאנד צו בעאר־

בייטען און דאס ערגסטע — קיין געלד די נויטיגע זאכען זיך איינצושאפען.

יעצט האט ער א פערד, א גוטע קוה, א גארטען מיט קאר־טאפעל און אלערהאנד ווערטהפולע גרינוואַרג פאר'ן ווינטער און עס איז איהם ניט שלעכט. דער שטארקער ווילען פון איהם און זיין פרוי האבען דורכגעקעמפפט דעם שווערען ווינטער אין די בערג, און די שרעקליכע אונבעקוועמליכקייט פון אן ארע־מעס לעבען אויף איינזאמע פעלדער.

די גוטע מידות פון אן ע ה ר ל י כ ע ן אידען, ניט קיין פרומער, האבען דעם דאזיגען פארמער געוואונען די גונסט און אכטונג פון זיינע קריסטליכע שכנים און זיי האבען איהם ברידערליך געהאלפען. זיי האבען איהם געוויזען ווי צו בעאר־בייטען דאס פעלד און האבען איהם געבארגט דערצו זייער פארם־געצייג. איידער ער האט געהאט זיין אייגענע קוה האָ־בען איהם מאנכע גוטהערציגע, קריסטליכע פארמערס צוגע־פיהרט אומזיסט גאנצע קאנען מילך.

אויסגעהאלטען האט ער דעם קריזיס פון דעם ערשטען יאהר, ווייל ער האט אביסעל געארבייט מאלעריי פאר די פאר־מערס, אבער דאס אליין וואלט ניט פיעל געהאלפען ווען ער, אדער זיין פרוי וואלט זיך פלוצלונג פערביינגט נאך א אידישען טהעאטער, מוזיק־האלל אדער „מואווינג פיקטשור שאו"; אדער ווען דער פרוי וואלט נעבאך גענומען חלש'ן דאס הארץ צו בע־ריידען דער „אידענע פון יענער שטוב", אדער ווען זי וואלט סתם גענומען גאהרען נאך „מציאות" אויף שטופ־וועגעלאך, „פושקארטס", אדער נאך א רעשטיל פיש אויף שבת; צו נאך א פעטען מארך־ביין, א צולייג צו א האלב פונט פלייש.

אויף א פאָרם האנדעלט מען מיט דער נאַטור, מען קען זיך מיט איהר ניט דינגען. מען קען שרייען פון היינט ביז משיח וועט קומען וועט זי ניט „צולייגען" וואס א האָר איז ווערטה. וואס זי גיט, דאס מוז מען געדולדיג און גוטמוטהיג צונעהמען. גיט זי א גערעטעניס, איז געווים רעכט, חלילה ניט — אין אויך פארפאַלען. מען קען די ערד און דעם הימעל פאַר קיינעם ניט איינ־מסור'ן און זיך מיט זיי ניט פערהערען אין יחוס, דען זיי זיינען עלטער פאַר'ן מענשען לכל הדעות.

אויב דער דאזיגער פאַרמער וואָלט געוועזען אזוי געדולדיג אויפ'ן לאנד מיט א פּאָאַר געזונדע, גאנצע פיס איז ניט גרינג צו זאגען; דאך ניט טויגענדיג מעהר פאַר דער שטאָדט, האָט ער זיך געמוזט צופאסען צו דער נאַטור; ניט קענענדיג מעהר ארבייטען פאַר יענעם, האָט ער זיך בעשלאָסען צו ארבייטען פאַר זיך.

דער מענש קומט זעהר אָפט צום שכל אוים נויט.

געוועהנליך קענען זיך שטאָדט־לייט, בעלי מלאכות אי־בערהויפּט, שווערליך צוגעוואוינען צו אן איינזאַמען לעבען אויפ'ן דארף; פערפרומטע, אַרטהאָדאָקסישע אידען קענען גע־ווים ניט אזוי לייכט ווערען ערד ארבייטער, וואוינענדיג ארומ־גערינגעלט מיט גוים, אהן א בית המדרש, א מקוה, א כשר'ן קצב און א טרפה'ן לענדלאָרד.

ניט ווייט פון דעם ארט, וואו איך שרייב דיעזע ציילען, האט א מלמד געקויפט א שטיקעל פאַרם, ער האָט דאָס גע־טהאָן צוליעב זיין געזונדהייט, אבער ער האָט נאך „גע־קריינקט" מעהר ווי אין שטאָדט. זיין פלונית'טע די מלמד'יכע האָט איהם אין איין טאָג געמאכט א תל פון עטליכע צעהנדליג

פרישע אייער, וועלכע זי האָט אונטערגעלייגט אונטער דער ציעג אנשטאט אונטער די הינער. אזוי ווי א ציעג בריהט ניט אוים קיין הינדלאך, האָט זי נאטירליך צובראכען די אייער און זיך אזוי איינגעשמירט, אז דער מלמד מיט דער רבצין האָבען געארבייט מיט דער גאל ביז זיי האָבען איהר אבגערייניגט און א דארפישער פּאָעט האָט געמאכט דערפון א שעהנעם ליעד, וואס אלע פארמערס זינגען. נישטאָ א גוי אין דעם גאנצען געגענד ארום וואס זאל ניט קענען דעם ליעד פון „די ראבבי ענד די גאָוט" דער „מלמד מיט דער ציעג".

ווי חן'עוודיג דאס ליעד איז קענט איהר זעהן פון דער איבערזעצונג:

דער מלמד און די ציעג.

דער ראבבי האָט געהאט א ציעג
אוי, וועה, אוי, וועה,
האָט ער געזאגט, „אויף אייער ליעג"
אוי, וועה, אוי, וועה,
די ציעג ווי דער ראבבי, ניט געגאָלט,
האָט בריהען הינדלאך ניט געוואלט.
זי האָט צובראכען יעדער איי,
אָ, דומע ציעג, אוי, וועה, אוי, וועה.

ווען איך האָב געהערט דעם דאָזיגען ליעד און די גאנצע מעשה מיט דער ציעג און די אייער, האָב איך פערשוואָרען מיין בעל הבית, ער זאל מיך צופיהרען צום מלמד'ישען פארמער, איך וויל זיך מיט איהם בעקענען. מיין פארמער האָט אבער

קיין צייט געהאט און א קריסטליכער פארמער האט מיך צונגע־ פיהרט אהין.

איך האב די מלמד׳יכע ניט געפונען, זי איז געווען אין ניו יארק אויפ׳ן אידישען בית עולם „פעלד מעסטען״. דער מלמד חיים נחום איז א „איד מיט די ביינער״, אין מיטעלען על־ טער. ווען איך האב איהם א טאפ געטהאן מכח „האדעווען היה־ נער״ האט ער מיר דערצעהלט זיינע צרות און האט דערביי בע־ מערקט, אז ער איז ניט דער איינציגער איד ,וואס טויג זיך נים צו א פארם.

— ניט ווייט פון דאנען, האט ער מיר ערקלעהרט, וואוינט א אידישער פארמער, א געוועזענער ניו יארקער שניידער, וואס ניט האבענדיג קיין געצייג צו בעארבייטען די ערד, האט נגאַ־ קערט זיין גארטען מיט א שעהר.

אויף דעם פארם, ביי וועלכען איך וואהן האט אבער דער מלמד מיט דער ציעג און דער שניידער מיט דער שעהר קיין איינפלוס ניט געהאט. ער האט טאקי געאקערט זיין פעלד ווי געהעריג איז און האט ארייגגעלייגט אייער אין א „אינקיובייר־ טאר״ און האט יעצט ביז 440 היהנער און עהנער, וואס לאַ־ זען מיר גאנצע נעכט ניט צו מאכען מיט אן אויג. און איך וויים, אז איך בין אויף א פארם.

אויף אזוי ווייט בין איך אבער נאציאנאליסטיש געשטימט, אז מיך ארט דאס ניט שלאפען, אבי אידישע היהנער האל־ טען מיך וואך...

א פאאר יונגע העהנדלאך האלטען נאכאנאנד אין איין קרייען אויפ׳ן קוויטש און מיר דאכט, אז זיי קרייען מיט׳ן נגון פון „התקוה״... דער אלטער האהן אבער שטעהט מיט זיינע

שטארקע שפּאַרען און גרויסען קאַם נעבען שטאַהל און קרייט זיין הייזעריגען „קוקעריקו״ גאַנץ בעזונדער...

דער פערד און די קוה האָבען, זעהט זיך, גרויס נחת פון איהם, דען זיי ענטפערען איהם מיט אַ הירזשען און מרוקען, די יונגע העהנדלעך אבער מישען זיך מיט איהם ניט און מיר דאכט זיך אויך, אז ער קרייט צו אַלט מאָדיש, צו אומעטיג, ניטאָ עפּעס אין איהם קיין טראָפּען גייסט, קיין התפּעלות. איך האָב שוין געהערט דעם זעלביגען „קרייה״, דעם אייגענעם „קו־קעריקו״ מיט פיער צעהנדליג יאָהר צוריק אין דער ליטא...

דאס איז דעם ערשטען מאָל אין מיין לעבען, וואס איך בין אויף אַ אידישען פּארם, וואו דער איד זאָל זיין מיט אַן אמת צופריעדען צו זיין אַ פּארמער און זאל נאָך צוריידען אנדערע אידען ארויסצוציהען אויפ׳ן דאָרף.

„אין שטאָדט פלעגט ביי אונז אַ גאַנצען הערבסט און ווינ־טער ניט אוועק אַ וואָך מיר זאָלען ניט האָבען אין הויז אַ דאָק־טאָר פאר די קינדער, האָט מיר די פרוי געזאגט, מעדיצין איז געווען ביי אונז אַזא הוצאה ווי דירה־געלד און ווי ברויט. דאָך זייט מיר וואוינען דאָ צווישען די יאַגדעס־בערג, האָט אונז נאָך גאָט צו דאנקען קיינעם קיינמאָל אפילו קיין פינגער ניט וועה געטאָן, ברויט און מילך, קעז, פּוטער און אייער זיינען אונזערע רפואות און זיי העלפען אונז, הלואי ווייטער, מיר זיי־נען אלע געזונד״.

איך האָב ניט געצווייפעלט אין דעם אמת פון איהרע רייד, די רויטע, פּוצעלוואטע בעקלאך פון די קינדער און מיין גע־זונדהייטס צושטאנד אין די עטליבע טעג, וואָס איך בין דאָ, האָבען מיר איבערצייגט, אז מען קען דאָ זיין געזונד און צו־

פריערדען אהן א שטאדט און איהרע איבעריגע געגוסען און ניט־נוציגע ציוויליזירטע לוקסוסען. מיינע ערצטע האבען מיר גע־הייסען אנקומען אין א סאניטאריום פאר נערוועז שוואכע, זיך צו בערוהיגען; אבער דיעזער אידישער פארם איז, גלויב איך, פאר מיר דער בעסטער סאניטאריום.

דער פרישער ווינד, וואס וועהט דא פון די „האקעלבעררי מאונטיינס" האט אין זיך מעהר היילונגס שטאף ווי אלע אפ־טייקען פון ניו יארק צוזאמען. מיין דאקטאר איז די נאטור. די העהנער איבערטרייבען דאס מאנכעס מאל, אבער אידישע העה־נער — איך בין זיי מוחל, וואו האט א אידישער „האהן" די געלעגענהייט צו קרייען אויף אן אייגענעם הויף?... דאס רוב מאכען זיך אונזערע „העהנער" דעם אנשטעל אויף פרעמדע הויפען; זיי פאטשען מיט די פליגעל און וועקען א פרעמדען עולם, קרייענדיג אויף לייטישע מיסט קאסטענס...

דא אבער וועקען זיי אידען...

איבערהויפט בין איך דא ניט קיין לאזשער, דער פארמער האלט ני טקיין זומער־געסט; דער זומער איז שוין סיי ווי סיי באלד אוועק. איך בין דא ווי ביי זיך אין דער היים. איך רוף דא די קוה און דעם פערד ביי זייערע נעמען. די קוה הייסט „באשע" און דער פערד „דיק". אין אמת'ן אבער איז די קוה דיק און דעם פערד קען מען איבערצעהלען די ביינער.

די פעלדער זיינען יעצט אינטערעסאנטער ווי אין מיטען זומער, ווען אלע בוימער זיינען גרין. זיינדיג אזוי לאנג אין אמעריקא, זיינען מיר שוין אבגעוואוינט צו זעהן א וועלט פון

לויטער „גרינע"... יעצט האָט שוין דער וואַלד אַלע קאָלירען: גרין, רויט, ברוין, געל און שווארצלעך. דער הויפּט קאָליר פון די בוימער איז רויט.

איך קוק אויף זיי און דערמאָהן מיך אן דער „רויטער" אידישער גאס... און שפּאַצירענדיג אין די האָקעלבעררי מאָונ־טיינס, בורטשע איך מיר דעם גרויסען „רויטען" ליעד, וואס וועט איבער לעבען די בערג...

דער מלמד און איך

די צרות פון הושענית.

איך פרעה מיך מיט חיים נחום דעם מלמד און זיין „פארם" נעבען די יאגדעס בערג.

איך האב איהם נעכטען ווידער בעזוכט. ער איז מיר אנטקעגען געריטען אין א יארמאלקע. איך בין גראד געקומען אין דער צייט, וואס ער האט געפיהרט דעם פערד טרינקען. דער מלמד האט אויסגעזעהן אויפ'ן גרויסען, מאגערען, ביינער־דיגען פערד, ווי להבדיל, א פליעג אויף א מדרש.

איך האב מיך מיט דעם דאזיגען פארמער גרינדליך צו־שמועסט מכח מלמדות און ערד־ארבייט. דאס הייסט: מכח בעארבייטען די ערד און „ליעגען אין דר'ערד" און ער האט מיר מודה געווען, אז עס שטעקט מעהר מזל־ברכה אין פארמעריי, ווי אין קנעלען. — נאר וואס העלפט דאס? — האט ער געזיפצט, מורא האבענדיג די שקאפע זאל איהם ניט אראפוואַרפען, איך בין, לא עליכם דערצו קיין מענש ניט... טא־קע גאר פשוט א מלמד... אנומעלט האב איך זיך רייטענדיג פערטראכט אויף א מאמר אין „ילקוט"־און דער פערד איז מיט

מיר דערוויי? אריין געריטען אין שטאל, דערלאנגענדיג מיר א פלעם דעם מח אן דעם ביישטידעל פון טהיר, אז איך האב שיער דעם קאפ פערלארען.

דא האט דעם מלמד אזוי פערקלעמט דאס הארץ, אז עס זיינען איהם ארויסגעטרעטען טרעהרען אין די אויגען.

— נו, און אייער „אידענע"? — האב איך איהם תמ־עוואטע א טאפ געטהאן.

— פרעגט שוין גאר ניט — זי טויג לחלוטין גאר ניט. א אידינע ממש, נור צו זאגען ברכה...

— וואס איז, א בת תלמיד חכם? — האב איך אונטערגע־כאפט.

— א שאלה! א מלמד'ס א טאכטער פון דרישקיניץ.

אזוי ריידענדיג האב איך בעגלייט מיין העלד אויפ'ן סוס ביז צום טייכעל. דארט האט דער פערד ארייגעלאזט דעם קאפ אין וואסער און דער מלמד איז געבליעבען אויף איהם רייטען. ער האט פערריכט די יארמולקע און האט מיר גענומען דערצעה־לען, אז די לאנקע מיט'ן טייכעל געהרען צו איהם און אז די לאנקע שוויבעלט און גריבעלט מיט הושענות...

— וואס רעכענט איהר איצט מיט זיי צו טהאן? — האב איך איהם געפרעגט.

— וואס זאל איך טהאן? — האט ער מיר געענטפערט מיט א בעזארגטע קשיא — גאר, פערקויף תפילין ביי דאנסקע קאזאקען! — האט ער ווייטער געזאגט, טהו, מאך, אז דא וואה־נען לויטער גוים.

— א, ווען אייער לאנקע מיט די הושענות וואלט זיך

איצט געפונען אויף ראָטגערס סקווער, ניו יאָרק! — האָב איך אויסגעשריען.

— אהא! — האָט דער רייטענדער מלמד אויסגעקרעכצט, און גענומען קראַצען די האַלב שוואַרצע, האַלב שיווע קאָזע־בערדיל — וואָס וואָלט דער בלינדער געזאָרגט, ווען ער וואָלט געזעהן דעם וועג! — האָט ער געענדיגט מיט אַ טיעפען זיפץ.

עס האָט מיר פשוט דאָס האַרץ געריהרט, איך האָב אויף דעם מענשען גרויס רחמנות געהאַט. אין אמת'ן, מען זאָגט דאָס גלות! האָט שוין אַ איד אַ שטיקעל פאַרם דאַרף דאָס גאָר זיין הונדערט תחום־שבת'ן פון ניו יאָרק... ערגעץ אויפ'ן מיטען פעלד... העט, אזש אין קאָלאָמביא קאַונטי... טאָמער האָסטו אַזאַ טהייערען אַרטיקעל ווי הושענות, האָסטו דאָס גאָר ניט וואו צו פערקויפען, ניטאָ אויף דעם קיין ריכטיגער מאַרק ביז עסעקס סטריט...

אַך, גלות! גלות!...

— און בערעכענט נאָר די גבורות הבורא! האָט דער מלמד צוגעזעצט, אַרויסרייטענדיג פון זומפּ, — בערעכענט נאָר! אַלע צמחים דאַרף מען פלאַנצען. למשל, קנאָבעל, ציבעלע, רעטאַך, אוגערקעס, קירבעס, מעהרען, חריין און בוריקעס מוז מען פער־זייען און הושענות וואַקסען פון זיך אַליין... אַ נאָט'ס זאַך...

— און איהר גלויבט, אַז זיי וועלען דאָ אַלע מוזען צו־פוילט ווערען? — האָב איך איהם ווידער מיט רחמנות גע־פרעגט.

— אַ ברירה וועלען זיי האָבען? — האָט דער אָרעמער, אידישער פאַרמער געמורמעלט — איך מיט מיין אידענע קע־

ען דאך ניט שלאגען הושענות מיט א גאנצע לאַנקע... דער פערד וועט זיי צוטרעטען מיט די טמא פיס...

ווען דער מלמד האָט געזעהן, ווי זיין עלענד ברעכט מיר דאס הארץ, איז איהם ענדליך איינגעפאלען מיר אנצומוטהען איך זאל ווערען זיין קאָמיסיאָנער פון הושענות אין ניו יארק... ער האָט מיר אפילו צוגעזאגט א גרויסע קאמיסיאן, נאר איך וויים עפעס ניט פארוואס איך האָב דעם געשעפט ניט אנגענו־מען און האָב מיך ארויסגעדרעהט מיט א תירוץ, אז איך בין ניט קיין געשעפטס־מאן, אז איבערהויפט האנדעל איך ניט מיט אידישקייט און, אז דאס ביסעלע אידישקייט, וואס איך פערמאג, וואלט איך פאר מיליאנען אויך ניט פערקויפט...

אויף מיין פראגע, פארוואס ער פערקויפט ניט זיינע הושענות אין דער שטעדטעל האָדסאָן, וועלכע האָט א שעהנע נייע שוהל, וואס איך האָב בעטראכט פארבייפאהרענדיג מיט מיין פארמער, ביי וועלכען איך וואָהן, האָט ער מיר געענט־פערט, אז ארום דאס שטעדטעל האָדסאָן וואָהנען עטליכע אידי־שע פארמערס, וואס האָבען אויף דעם דאזיגען ארטיקעל און מען ווארט דאָרט ניט אויף זיין וואארע...

טענה'ענדיג מיט דעם לא יוצלח־פארמער האָב איך זיך דערוואוסט א סך זאכען. ערשטענס, אז עס געפינען זיך איינינע אידישע פארמערס אין דעם געגענד; האָב זיך אויך דערוואוסט, אז זיי מאכען אלע א לעבען און, אז עס וואקסען הושענות ארום האָדסאָן... מיך האָט פערדראסען פארוואס דאָ וואָהנען ניט מעהר אידען, פארוואס בני ישראל מוזען זיך דריקען און שטי־קען אין ענגע, דומפפע גאסען פון דער „איסט סייד”, הארלעם, בראנקס און בראנזוויל. סוכות וואלטען זיי דאך דאָ א סך געלד

איינגעשפּאָרט — הושענות און סך זיינען דאָך אַ הוצאה, פון וועלכער אידען ווייסען דאָ ניט. דערצו וואָלטען זיי דאָ געהאַט אַ גוטען ראש השנה'דיגען און סוכות'דיגען ציטעם פון אייגענע פרישע מעהרען, נאָר וואָס פון גאָרטען... אלס אידישע פּאַר־מערס וואָלטען זיי טאַקע געוואוסט פון חג האסיף...

ווער ווייס ווי לאַנג איך וואָלט מיך אַזוי בעגייסטערט פאַר אידישע פּאַרמעריי, פליהענדיג מיט'ן אידישען אַקער־איי־זען אין די הימלען, ווען דער מלמד וואָלט זיך פּלוצלונג ניט גענומען בעקלאָגען פאַר מיר אויף דעם אונגליק פון אַמעריקאַ־נער „אידישע אידיש“. די דאָזיגע קלאָגע האָט ער געמאַכט ווען איך האָב איהם געפרעגט פון וואַנען ער ווייס כאָטש עפּעס ווי צו בעאַרבייטען דאָס לאַנד. ערשטענס, האָט ער מיר ערקלערט, אז ער אליין בעאַרבייט גאָר ניט, אז ער האָט אַ גרינעם רוסי־שען קאַצאַפּ, וואָס אַקערט, זעעט און דרעשט, און שפּאַנט איין און שפּאַנט אויס דעם פערד, און צווייטענס, אז ער קריעגט צו־געשיקט דורך פּאָסט פון ניו יאָרק אַ „אידישען פּאַרמער“, אַ פּאַפּירענעם, נאַטירליך, וועלכער „מעהנט אפשר גוט, נאָר...“

— הערט אַיין איינפאַל! — האָט דער מלמד אויסגעשריי־ען — מען דרוקט אַ „אידישע“ בלעטיל פאַר גרינע אידישע מענשען, וואָס ווילען לערנען פּאַרמעריי, און קענען ניט קיין ענגליש און מען רעדט צו זיי אויף טאַטעריש. זיי דערצעהלען אייך פון „זימקאַ ראַי און „יאַרקע ראַי“. בכן איז דאָס וואָרט „זימקע“ ר ו ס י ש און „ראַי“ — ע נ ג ל י ש. ממה־נפשך, אָדער מען זאָל דאָס רופען אין גאַנצען ענגליש, אָדער אין גאַנ־צען רוסיש. איצט אבער ווייס איך סיי ווי סיי ניט ווי מען רופט ווינטער קאָרען און זומער קאָרען ניט אויף רוסיש, ווי צו ריי־

דען צו מיין פויער און ניט אויף ענגליש, ווי די ארטיקלען צו רופען, ריידענדיג וועגען זיי מיט אן ענגלישען פארמער. היינט געה לערן זיך מיר פארמעריי אויף טאַטעריש! — האָט ער אויפ־געציטערט פאר כעס.

דער אָרעמער איד איז נעבאך געדעכט געווען און איך האָב איהם געגעבען מיין עהרענוואָרט, אז איך וועל אויפמערקזאם מאכען דעם „אידישען פארמער", ער זאָל עפּעס טהאָן וועגען דעם. איך האָב דעם מלמד ערקלערט, ער זאָל וויסען, אז דער זאַגענאַנטער „אידיש" פון אלע אמעריקאנער „אידישע" צייטונגען איז ליידער ניט פיעל בעסער און אין מאנכע פּרטים נאך ערגער; אז די רעדאַקציעס זיינען שרעקליך נאכלעסיג און מאכען פון דער עלענדער גלות־שפּראך אן אמת'ע פערזועהענים און צווינגען מיט געוואלד צו שפּייען אויף א אידיש וואָרט.

— זעהט למה'ש איהר זאלט דאס ניט פערגעסען די לייט צו דערמאָהנען! — האָט דאס אידעל זיך געבעטען רחמים, ווען איך האָב מיך מיט איהם פעראבשיידעט.

אין אידישען גארטען

די קוקורוזע און דער מלמד.

איך האָב מורא, מען זאָל מיך דאָ ניט „שמר'ן“ אויף א פארמער

מיין אידישער בעל הבית, וועלכער איז אן אנטהוזי־אסטישער ערד ארבייטער, האלט מיך אין איין ארומפיהרען אין זיין גארטען; אין איין ווייזען זיינע געשוואלענע קירבים, אור־גערקעס, טאָמייטאָוס, פאטייטאָוס (קארטאָפעל בלע"ז), בורי־קעס, מעהרען, ריבען, רעטאך קנאָבעל פאסטרנאק, קרויט און פעטרישקע.

ווען ער איז פארטיג מיט'ן ווייזען מיר דעם פעלד־גאָרטען, ווייזט ער מיר זיין פאמיליען־גאָרטען.

— זעהט א פאָאָר באָקען, ווי פאמפושקעס, זעהט קיין עין הרע א בוזים! — ווייזט ער מיר אויף זיין „אידענע“ — וואו האָט איהר אין ניו יארק, אדער אין אן אנדער שטאדט אין אמעריקא אזא מין אידישע פרוי? — זיי זיינען דאָך נעבעך אלע אויסגעדארט ווי א קאטוילישער פרייטאג... און זעהט נאר, אונבעשריען, מיינע קליינע מוציקעס! זיי געהען נעבעך אָהן

שיכלאך, איך האָב אריינגעצויגען אויף מיין פארם אָהן א גראָ־
שען און מוז איצט אויסצאָהלען מיינע חובות. אָבער גאָט צו
דאנק! מיין פאמיליע איז דאָ א סך געזינטער געהענדיג באָרפוס
ווי זיי זיינען געווען אין שטאָדט טראָגענדיג שיך מיט קאלאָ־
שען.

און אזוי ווי ער האָט צו מיר גערעדט איז אריינגעלאָפען
א באָרפוסע מיידעלע אין גאָרטען און אויסגעריסען א רונדע,
פעטע, רויטע טאָמייטאָ, וואס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי איינע
פון איהרע בעקעלאך.

— נו, — האָט ער צו מיר ווידער געזאגט, — קענט
איהר דאָס זעהן אפילו אין קאנעל סטריט, אדער איסט בראָד־
וויי, וואו אונזערע „פיער הונדערט" וואָהנען?

איך האָב איהם מודה געווען, אז ער איז גערעכט.

— און איך פערזיכער אייך — האָט ער ווייטער צוגע־
זעצט — אז אָט דאָס מיידעלע וועט אויסוואקסען געזונד ניט
נאר אין קערפער, זאנדערן אויך אין גייסט. דאָ איז ניטאָ די
גערדיכטע, איבערפילטע גאס מיט איהר מיש־מאַש פון צוויי־
פעלהאפטע כאראקטערען, וואָס זאָל א מיידעל אראבפיהרען
פון וועג; דאָ איז פרעמד די טענעמענט הויז, די פאבריק און
דער געשעפט פון האלטען לאָזשערס אין דער פאמיליע, און דער
פערדאָרבענער איינפלוס פון די אלע זאכען.

ווען מיינע צוויי מיידלעך וועלען גרעסער ווערען, וועלען
זיי האָדעווען עופות און זיך פערדינען אויף נדן. מיינע אינ־
גלאך וועלען מיר העלפען אין פעלד, און איך האָף צו האָבען
מיט מיין פרוי א גליקליכע עלטער. איך האָף אויך צו געבען
מיינע קינדער א גוטע אידישע און וועלטליכע בילדונג. איירא־

פּעאישע אידישע ישוב'ניקעס פלעגען נעהמען צו זיך אויפ'ן דאָרף העברעאישע לעהרער, מלמדים פאר זייערע קינדער. פאר־וואָס קען דאס א היגער פארמער ניט טהאָן? וואו עס איז דאָ א ווילען, איז דאָ א וועג.

איך האָב איהם וויעדער צוגעגעבען, אז ער איז גערעכט, אז זיינע ווערטער זיינען דער אמת אליין.

— איך בין ניט קיין פערפרומטער איד, — האָט ער צור־געזעצט מיט א בעוואוסטען שטאָלץ, — דאָך, מיינע קינדער וועלען קענען אידישע געשיכטע און וויסען אויף וואָס זיי מע־גען שטאָלץ זיין. נישט קשה, מען קען קריעגען גענוג אידעאלי־סטישע יונגע משכילים אין אמעריקא, וואס זאלען פערבייטען דעם פער'סם'ענדען טומעל פון שטאדט אויף דעם שטילען, עהרליכען לעבען אויף א אידישען פארם. זיי וועלען זיך גליק־ליך שעצען צו לעהרנען אמעריקאנער אידישע פארמער־קינדער די רייכע געשיכטע פון זייערע בעריהמטע עלטערן אין דעם לשון פון די פּראָפעטען.

ביי דיעזע ווערטער איז דער פארמער שטאָלץ געווארען ביי זיך, זיין טאָן האָט זיך אנגעפילט מיט א גדלות און צוהיצ־קענדיג אויף זיין צוברָאכענע פוס, האָט ער אויפגעהויבען פון ד'ערד די בייטש און א קנאק געטהאָן:

— אידען זיינען אָלל רייט!...

— אָלל רייט... האָט דאס אבגעקלונגען צווישען די בערג...

דער פארמער איז דאן אוועק אנטרינקען זיין קוה, און איך בין געבליעבען ארומגעהן אין גארטען איינער אליין צווישען די בייטען מיט גרינסען. איך האָב זיך שטארק פעראינטערע־

סירט מיט די פערשיעדענע פראָדוקטען. איך האָב אראָבגעוואר־
פען מיט א ריטעל א וואָרים פון א קאָפּ קרויט...

איך קען ניט זעהן אידישע פראצע א רויב פון ווערים...

דער קיהלער, ערב ראש השנה׳דיגער אבענד־ווינטעל האָט געמורמעלט אומעטיג, עפּעס אין „המלך״־טאָן צווישען די גרינ־סען און געוויעגט די הויכע זאנגען־קערפּערס פון די בעבערדיל־טע קאקערוזע. איך האָב בעטראכט יעדער זאנג, יעדער קאָט־שאָן, יעדער קרייטער בעזונדער, און האָב זיך כמעט ניט גע־גלויבט, אז דיעזער פוללער געבענטשטער גאָרטען איז די אר־בייט פון אידישע הענד...

איך האָב געזעהן אידישע דארע, אויסגעמאטערטע, פער־שוויצטע הענד זיך צאפּלענדיג אין פערשיעדענע ווערקשטא־טען, „שעפּער״ און פאבריקען; איך האָב זיי געזעהן שטופּענ־דיג שטופּ־וועגעלעך, „פּוש־קארטס״, דורך די ענגע, ברודנע גאסען פון ניו יארקער „איסט סייד״, און אין די איבערגע־שטאָפּטע גאסען פון אנדערע גרויסע שטעדט פון אמעריקא און ענגלאנד, איך האָב אבער זעהר ווייניג אידישע הענד געזעהן ביי דער סאָכע, בראָנע, קאָסע, אָדער דרעש־מאשין. איך האָב געזעהן א אידישען לאָמבארד, א „פּאָון שאפּ״, מיט דריי גרוי־סע מעשענע פּילקעס, אבער זעלטען א אידישען גארטען מיט דריי גרויסע אידישע קאווינעס, „וואָטער מעלאָנס״, איך האָב געזעהן ווי איין איד פּאטשט דעם צווייטען פאר א׳ן עליה, אבער ניט ווי א אידישער פארמער פּאטשט א פערד להבדיל אין הינטער־טהייל, במחילה, ער זאל געהן א ביסעל גיכער. מיין נשמה האָט זיך אזוי אנגעזעטיגט מיט גרויסקייט און יחוס, אז

איך בין צוגעגאנגען צו א הויכען קאַקערוזע־קאטשאן, האָב איהם אנגענומען פאר'ן בערדיל און געזאגט:

— נו, דו ימח'שמו'ניק איינער, וואס פעהלט דיר, אז א איד האָט דיר פערזייט? ביזטו ניט אויסגעוואקסען הויך און געזונד? האָסטו ניט א בכבוד'ע בערדיל? זיינען ניט דיינע צייהנער (קערנער) אלע געזונד און קלאהר ווי טאָג־ליכט און אנגעזעצט ווי שורות טהייערע פערל? ווער האָט דאס דיר איינגערעדט, אז דו מוזט זיין א גוי? אז אידען וועלען דיך ניט וויסען צו בעהאנדלען ?.. זעה נאר, בעטראכט דיינע חברים און חבר'טעס אין פעלד און אין גארטען, און זאג, אויב עס איז אויף זיי ניט א ברכה צו מאכען?... וואקס און קוועל דו שעהנער, זאַטער קאָקערוזע־זאנג און זיי א'ן עדות אויף אידישע ניצליכקייט, ענערגיע און עהרליכע ארבייט! וויז וואס אידען קענען טהאָן, ווען מען לאזט זיי נאר!"

פערלאזענדיג די קאָקערוזע האָב איך מיך געווענדעט צו די אנדערע גרינסען, איבערהויפט צו די גרויסע, געראָטענע קעפ קרויט:

— איהר גרויסע, מאסיווע קעפ פון די פעלדער — האָב איך געזאגט, — הויבט זיך אויף אין פראָטעסט געגען די פאלשקייט פון די אידישע שונאים, וואָס ווארפען אונז נאָר צו דעם „שאכער מאכער", דעם „האנדעל, האנדעל" און אנדערע אונרייינע געשעפטען. געדיינקט, אז אין אייערע גרינע טורבאַנען זיינען איינגעוויקעלט דעם אידען'ס כחות, זיין פלייס און אפפערוויליגקייט. פערגעסט ניט, אז איהר זייט די גאָרטען־פרוכט פון א פעראונגליקטען, ארעמען, אמעריקאניש־אידישען שטאָדט־בעל מלאכה, וואס איז געווארען א פארמער מיט

מסירת נפש און האָט זיך דאָך איינגעמושטירט אין זיין נייע דיענסט, נאר דערפאר, וואס ער איז ניט קיין הולטיי, קיין שכור; דערפאר, וואס ער קען ליידען פערשיעדענע שרעקליכע וועטערען, — דערפאר, וואס ער איז א איד!..

ווען איך האָב געהאלטען אין מיטען ריידען מיט דעם אי־דישען גאָרטען איז פּלוצלונג אנגעפאהרען דער מלמד־פּארמער פון אט דעם געגענד:

— אהא! האָט ער אויסגעשריען, — איך הער אייך רייך־דען צו די בערג, איהר ערקלעהרט זיך זיי אין ליעבע... ווי מיר שיינט, האָט אמעריקא געוואונען נאך א אידישען פּארמער.

שטעהענדיג נעבען דעם קאקערוזע־זאנג, וועלכען איך האָב פריהער געהאלטען פאר'ן בערדיל, האָט דער מלמד אויס־געזעהן, ווי דעם זאנג'ס א ברודער, ווי א לעבעדיגער, בעבער־דילטער קאטשאָן.

— וואס איז? — האָב איך דעם מלמד געענטפערט — איהר דארפט דאָ אפשר נאך א אידענע, וואס זאל זעצען א ציעג אויף אייער און נאך א אידען, וואס זאל, טראכטענדיג וועגען א ילקוט, ארייגרייטען אין שטאל זיך צוברעכענדיג דעם מח?

— דאס מיינט מען מיך און מיין פּלונית'טע — האָט דער מלמד א שמייכעל געטהאָן — קיין סכנות! א איד וועט זיך נאך גיכער אויסלערנען צו זיין אפּארמער, ווי א גוי א בלאט גמרא...

ערפינדונגען און מענשען

עס שטרעבט דער מענשליכער פערשטאנד
די אלטע וועלט צו מאכען אינגער.
ער וויל פערלייכטערען די האנד:
וויל מאכען אונזער פראצע גרינגער.

ער רעדט צום שטראהל, ער זאגט איהם „טוה“!
מאשינען ארבייטען און פייפען.
עס „ווערט“, דו ווייסט ניט ו ו י און ו ו א ו,
דו שטוינסט, דו קענסט עס ניט בעגרייפען.

עס לויפען וועגענער אהן פערד,
עס בליצט דאס ווארט אריבער ים'ן.
עס ארבייט ווינד און לופט, און ערד,
און גאָט מיט דער נאטור צוזאמען.

עס שאפט פאר דיר דאס גאנץ בעשאַף,
אָח, מענש, פארוואָס ביסט דו נאָך שקלאַף?

צו די פעראייניגטע אויסגוס־קאָמפאניע.
טהייערע דזשענטעל־לייט לעבען!
שיקט מיר, זייט מוחל, מאָרגען אום זעקס אוהר אין דער
פריה אייער דריי עטאזשיגען פורם און גיסט מיר אויס א

בכבוד'ען מויער, ווייל איך וויל דאָרט טאקע באלד מאָרגען אבענד זיך ארייננקרוויזשקען. גיסט אויך אוים פאראיינס, אויב מעגליך, אן עקסטרא בעד־רום'קע פון הינטען פאר מיין שוויגער און א קליינע רומקע פאר א „באָרדערקע" פון פאָרענט. איך שטעה ניט אום געלד, מיך ארט ניט, אז עם וועט מיר קאָסטען נאָך א „ניקעל"... אויפ'ן ערשטען עטאזש זאָלט איהר מוחל זיין אויסגיסען פון דער זייט א רחבת ידים'דיג צימער פאר א חדר, דען איך בין פערשטעהט איהר מיך א מלמד און דארף האָבען וואו צו קנעלען. גיסט אָן א ביסעל מעהר אויף די טרעפ, די יונגאטשעס זאלען ניט צוברעכען, איהר קענט אויך אויסגיסען אן אלמער פאר ספרים, וואו איך זאָל קענען האלטען מיין שבת־דיגען בגד און מיין צילינדער מיט דער ווייסער שניפסעל, דען איך בין ברוך השם א רביל אין א חברה בין איך. מאכט למה"ש אלץ, וואָס איך בעט אייך, איך וועל מיט כ'טאָר ניט געדיינקענס הילף פאר אלץ בעפרידיגען... דאָ שיק איך אייך דעם פלאן און דעם נומער פון דעם „לאט". איהר קענט דעם פלאן א ביסעלע איבערמאכען לויט מיין פערלאנג, און האָט מיר א גוטען.

פון מיר אייער, אלי בינוש בר' טודרום.

אָט אזוי אומגעפעהר זאָגט דער בעריהמטער ערפינדער טהאָמאס עדיסאָן, וועלען זיך די מענשען א שמועס טאָן גאָר אין דער נאָהענטער צוקונפט.

מען וועט ניט מעהר בויען קיין הייזער. מען וועט זיי גיסען. פונקט ווי מען גיסט איצט וואסער אין מילך, קראָכמאל אין פוטער, אָדער ליגענס אין „געלע" בלעטער. א געגאָסענער מאיאָנטעק וועט אין גאנצען קאָסטען טויזענד דאָלאר מיט די

מאַטעריאַל, מיט דער מלאכה מיט אַלץ מיט אַנאַנדער. דאָס מאַכט אויס אַ פּערציגער אַ עטאַזש און אַ „טינפע" אַ צימער. ביליגער ווי באָרשט.

אין צוועלף שעה וועט מען אויסגיסען אייער דירה. אין פינף מינוט וועט איהר דאָרט אַריינציהען אויף דעם עלעקט־רישען וואָגען, אין אַ רגע וועט איהר אָנזאָגען דורכ'ן דראָטלאָזען טעלעגראַף אייער „בעשערטען", וועלכער איז אַ ביגלער אין אַפ־ריקא, ער זאָל קומען צופליהען מיט אַ שטונדע פריהער אַהיים אייך העלפען „אויסבריהען די בעטען" און צונויפשטעלען די זאַכען...

נישט קשה, דער לופט־באַלאָן וועט איהם ברייגנען פונקט צו דער צייט נאָך העסטער סטרים.

נאָר אַ קשיא אויף אַ מעשה, מען וועט אפשר דאַן גאָר קיין זאַכען ניט דאַרפען, פונקט ווי מען דאַרף זיי יעצט און מען האָט זיי ניט... מען וועט גיסענדיג דאָס הויז, שוין פאַראיינס אויסגיסען אַ פּערענע מיט קישענס, מיט ליילעכער, מיט טיש־טיכער, מיט שלאָפמיצלאַך, מיט מזוזות, מיט דאָבעלטע שיר־המעלות'ן פאַר אַ קינפּעטאָרען, מיט אַלע מכשירים.

מען וועט אפשר דאַן ניט דאַרפען קאָכען אויך. מען וועט אַ דריק טאָן דעם קצב וועט אַרויס אַ פאַרטיגער קאַלבס־בראַטען אָדער אַ געדוויכערטער לעבער. מען וועט אַ קוועטש טאָן דעם רעסטאָראַטער און עס וועלען אַרויס הייסע פּאַמפּושקעס, פּאַס־טעטען, אַ פלוימען־צימעס, לעקעכלאַך מיט יאַנדרעס, גאָרציצען, נייע אוגערקעס, אַ פלעשיל „אָטשישטשינע" און אַ ניגער משרת, וואָס וועט דאָס אַלץ דערלאַנגען.

א „כל ישראל“ אידען וועלען ווידער ארוים די כשרה קישקעס אנגעפילט מיט זוהר, מיט יארמולקע־שמאלץ, מיט פלפול, מיט מים אחרונים, מיט א שבת־גויה אין א שייטעל, וואס וועט דאס אלץ ברייננען צוטראגען און ארויפשטעלען אויפ׳ן טיש. מען קען זיך שוין איצט אויף אלצדינג ריכטען; עס איז ניט פאראן קיין „מען קען נישט“; אלץ קען מען; און שפעטער וועט מען נאך מעהר קענען.

יא, מען קען א סך און מען וועט אלץ קענען, נאר פון דעסטוועגען, רבותים, דארפט איהר זיך מיט די אלע ערפינדונגען ניט צופיעל פרייען. אויב איהר וועט ניט בעצאהלען קיין דירה־געלד, וועט מען אייך ארויסגיסען אין גאס. יא, ארויסגיסען פונקט ווי א נעכטיגע וועטשערע. איהר וועט, איך האב זעהר שטארק מורא, פון די „געגאסענע“ הייזער האבען אזוי פיעל ווי פון די געמויערטע. איהר וועט פון דעם גיס־מאשין האבען אזוי פיעל ווי פון דעם נעה־מאשין, פון זעג־מאשין, פון דרעש מאשין און פון אמעריקאנער פאליטישען „מאשין“, וועלכען איהר גיט אב אייער שטים־רעכט און קריגט דערפאר אייער שטום־רעכט — דאס רעכט צו שטומען, דען אפילו אין אונזער פיעל בעזונגענער און בעקלונגענער מדינה טאר מען אויך ניט זאגען און שרייבען דעם גאנצען אמת.

ערפינדונגען, מאשינען, דאך וואס האט איהר דערפון?

געגאסען צי געמויערט,
געמויערט צי געזעגט,
דאך אייער עלענד דויערט
ביז וואנען איהר פערעקט.

עס האט נאך א מאַשינע
איך קיינמאָל ניט געבראכט
קיין פרייליכערע מינע,
קיין שטראהל אין אייער נאכט.

איהר מוזט זיך איצטער ראנגלען
מיט אייזען און מיט שטאל
כדי איהר זאלט ניט מאַנגלען
און האָבען אויף דאס מאָל.

עס צאַפּלען אייערע לייבער
און דער מאַשינעס געוואלד,
עס צאַפּלען אייערע ווייבער,
עס צאַפּלען יונג און אַלט.

איהר האָט קיין זאַך געגאַסען
פון אונזער גרויסע צייט,
געמוטערט צו געגאַסען,
איהר זייט פון לעבען ווייט.

די דרעש־מאַשין גיט קאָרען,
די שעהר־מאַשינע — וואָל,
דאָך איהר זייט אלץ פערלאָרען
אַט איצטער ווי אַמאָל.

בילדער פון הגדה

אונזערע אייגענע עשר מכות.

איך האָב צוויי הגדות איינע איז א „ליטוואטשקע“, א ווילנער, דער צווייטער׳ס ביאָגראפיע האָב איך ניט געוואוסט ביז איצט.

די ערשטע האָב איך זיך אליין איינגעהאנדעלט, מיט די צווייטע האָט מיר א פריינד מזכה געווען.

איך האָב געליעבט מיט ליטווישע הגדה, האָב פון איהר גרוים הנאה געהאט. זי איז געווען א דאָבעלט בריסטיגע: מיט צוויי וואזשנע פרושים א חוץ עברי־טייטש און דעם דובנער׳ס משלים.

אָבער אזוי ווי אלץ אויף דער וועלט ווערט פערעלטערט און אָבגעניצט איז אויך מיין „ליטוואטשקע“ אלט געוואָרען, פערוועלקט, אָבגעריבען און צוריסען. עס האָט זיך נאָך אפילו ארויסגעזעהן דער „כי לו נאה, כי לו יאה“ און עס האָט נאָך גע׳חנ׳דעלט און געוואונקען: „לך ולך לך כי לך לך אף לך“, אָבער עס האָט שוין קיין טעם ניט געהאט...

איך האָב זיך א וואָרף געטאָן צו דער צווייטער און זעה, זי איז גאָר א יחסנ׳טע. איך גיעב איהר א קאשער אויף דאָס

פאַדער־בלאַט, ערשט זי איז א וויענערין... פון פראַנץ יאָזעף'ס רעזידענץ־שטאָדט. גוט אויסגעביטען, קלער איך מיר און איך בעטראַכט דעם „שער".

איך קוק אויף דעם „טויער", וואָס עפענט זיך צו דער סאמע מעשה פון אונזער אמאָליגע גאולה און עס איז טאקע אינטע־רעסאַנט.

דער דרוק, דערצעהלט מיר דאָס טיטעל־בלאַט, איז פון וויען, מיט „ציורים", צייכענונגען בלע"ז. ניטאָ אפילו דער נאָמען פון דעם קינסטלער, נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? א קלייניגקייט א וויענער ארטיסט!

אַט דאָס הייסט אַן הגדה, טראַכט איך, און איך האָב דאָס גאָר ניט געוואוסט, און זיך געהאַלטען מיט די ווילנערקע, גע־קוויקט זיך מיט איהרע מפרשים.

איך גיעב א מיש...

די ערשטע צייכענונג: „סימן לסדר של פסח". דאָס בילד זאָל אייגענטליך פאָרשטעלען ווי אידען פראַוועו דעם סדר, אָבער איך זעה ניט קיין סדר און זעה ניט קיין מענשען. א אידיש בילד, ווערט ביי מיר רעכט, א אידישער סדר איז אָהן א סדר און אידען זיינען משמעות קיין מענשען ניט... דער צייכנער מוז זיין א סימבאָליקער... איך הויב אָן צו קלערען און מיש ווייטער.

א בילד פון די „חכמים", די „בני ברק" ווי זיי זיצען פער־טיעפט אין די געשעהענים פון יציאת מצרים א גאַנצע נאַכט, ביז א שטיק אין ווייסען טאָג אריין.

קוקענדיג אויף דעם דאָזיגען „בילד" האָב איך צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען דערזעהן, וואָס פאר א פנים „חכמים" האָ־בען ביי אידען... דאָס האַרץ האָט מיר פערקלעמט קוקענדיג

אויף זיי. „כדאי" — האָב איך א זיפץ געטאָן — „זיך צו פּערטיעפען אין אידישע בעפרייאונג מען זאָל נאָכדעם האָבען אזא צורה אין דער ווינער הגדה".

איך מיש ווייטער...

אהא, זיי זיינען דאָ די פיער נאציאָנאלע העלדען אונזערע, די „ארבעה בנים": חכם, רשע, תם און שאינו יודע לשאול. מילא דער חכם איז דער בעוואוסטער „חכם פון מה נשתנה", דער תם האָט מיר דערמאָנט אָן קוני לעמלען און דער שאינו יודע לשאול אָן שמענדריק'ען. דער רשע אָבער איז געווען אַן „אמת'ער" רשע, מיט א שווערד ביי דער זייט און א שפּיעז אין האנד, א ראזבאָיניק...

גוואלד געשריען, פרעג איך ביי זיך אליין. וואו האָבען אידען אזעלכע „רשעים"? א איד איז בעבערדילט, אָבער ניט בעשווערדילט... ביי אידען א רשע גיט פּעטש פאר אן עליה, ער רוקט זיך אונטער מיט א מסירה'לע, ער איז א „געלער" זשור־נאליסט, נאָך „געלער" ווי א גוי'אישער... ער איז מבזה תלמידי חכמים, אָדער ער איז סתם א יונגאטש, א פּאסקודניק. ווי קומט אָבער א אידישער רשע צו כלי זיין? אז א איד וויל הרג'ענען יענעם, ממית'ט ער זיך אליין...

מיט מיין ווילנער הגדה, א ליכטיגען גן עדן זאָל זי האָבען, וואָלט איך זיך פאר אזא זאך צוואווערטעלט, דאָ איז אָבער א מעשה מיט וויען... איך מיש ווייטער.

א „בילד" ווי די מלאכים זאָגען אָן אברהם'ען, אז שרה וועט האָבען א „קדיש". איך קוק אויפ'ן „בילד" און מיר דאכט, אז שרה שמייכעלט און מיר ווילט זיך אויך שמייכלען... באלד אָבער בין איך געוואָרען ערנסט: א בשורה דאָס איז א ביסעל!

הלואי וואָלט זי בעסער געבליעבן אַ בעזדיעטניצע, וואָלטען מיר יעצט ניט געהאַט קיין יודענפּראַגע און קיין הגדות מיט אזעלכע „ציורים“...

נאָר וואָס העלפט דאָס, איך מיש ווייטער.

דאס בילד פון די „רעכטע געדיכטע“! משה הרג'עט דעם מצרי, דעם עגיפּטישען „פּאָרמאַן“, פאַר'ן שלאָגען אַ אידישען ארבייטער, אַ „בריק-לייער“ דאכט זיך... דאס בילד בין איך אייך מוחל, נאָר די מעשה געפעלט מיר, זי פּאַסט פאַר אַ גערשוני...

סאָלאָמאָן סאָלאָמאָן'ס אָדער יאָזעף איזראַעלס וואָלטען נאַטירליך געמאַכט דערפון אַ בעסערעס בילד, אַ שעהנערע שטי־קעל ארבייט, זיי זיינען אָבער פערטאָן מיט אנדערע זאַכען.... איך קוק ווייטער אויף דער צייכנונג: אידען בויען פּתם מיט רעמסס. איך בעטראַכט די אידען און בעטראַכט די בנינים, און איך פערקלער זיך...

האָבען הפנים אידען אַ מאָל עפּעס יאָ אויפגעבויט און דוקא זאַכען וואָס האָבען געהאַט אַ ממשות... איך דערמאָן זיך אָבער באַלד, אז דאָס איז נאָך געווען פאַר מתן תורה און אידען זיינען נאָר דאַן געווען קאַנדיראַטען אויף אידען... היינט האָבען זיי פּתם געבויט פאַר א נ ד ע ר ע, פאַר פ ר ע מ ד ע, אַ זאַך וואָס אידען האָבען שטענדיג ליעב געהאַט צו טאָן און זיי טוען נאָך עד היום... זיי קענען נאָר ניט בויען פאַר זיך; פאַר זייערע שונאים אָבער, פאַר די פּרעה'ס זיינען זיי די גרעס־טע אויפּטהוער. נאָר אפילו דאַן מוז מען אויך שטעהן איבער זיי מיט אַ שטעקען, מיט אַ נאַהייקע, מען טאָר זיי אַ רגע ניט

אַפּלאַזען, ווייל זאָנסט שלאָפען זיי איין ; אָדער זיי ווערען גאָר פּראַצענטניקעס...

איך מיש ווייטער.

א „בילד” פון מופתים. איך קוק זיך איין, אבער איך זעה קיין זאך ניט. דאָס גאנצע בלעטעל איז פערשמירט פון אלע זייטען און איך האָב ווידער טענות צו וויען... סטייטש ! איך געפין אָבער גלייך א תירוץ : מיר זיינען ניט ווערט היינטיגע צייטען צו זעהן די מופתים פון א מאָל... דער דרוקער קען זיין האָט דאָס אפשר געזעהן, אָבער איך בין משמעות צו זינדיג, א אידישער שרייבער, משטיינס געזאָגט !...

איך מיש ווייטער און קום צו דער גרויסער פאָרשטעלונג פון די מכות.

דאָס בילד איז ניט געווען קיין קאָמפּלימענט פאר עסט־רייך'ס מעטראָפּאָלים. עס האָט איהר קונסט ניט געגעבען קיין רעקאָמענדאציע. אמת, איך האָב דאָרט ניט ערווארטעט צו זעהן קיין ריכטיגע „כנים” אדער „שחין”, אין וויען פערשטעה איך זיינען די דריטע און די זעקסטע מכות ניט אזוי פּאָפּולער ווי למשל אין א ליטווישע, גאליציאנער אדער רומעניער שטעד־טעל... א וויענער מאהלער, וואָס זאָלען ווען אזעלכע זאכען פאָרשטעלען ווי געהעריג איז, רעאליסטיש, עס זאָל „לעבען”, וואָלט געדארפט מאכען א „יאזדע” נאָך טראָחאָוואָליע, נאָך מאזשנעביץ אָדער מאמעליגעווע, נאָר פון דעסטוועגען האָבען געמעגט די מכות א סך בעסער ארוים...

דאָך האָב איך דאָס בלעטעל ניט אזוי גיך פערמישט. די מכות האָבען מיך אָנגעהויבען „רופען”, מען קען זאָגען ווער

טאָן. וואָס מעהר איך האָב וועגען זיי געטראַכט אַלץ מעהר האָב איך דערפיהלט, אַז מיר אַליין ליידען פון זיי.

איך מיש ווייטער... די לעצטע צוויי בילדער.

איין צייכנונג ווי אידען „וואַנדערען". ווי זיי געהען, ווי זיי „ציהען" פון רעמסס אין סוכות און... פון סוכות... אין... נאָר וואָס איז די נפקה מינה, וואו אידען געהען? וואו עס איז גוט וועלען זיי קיינמאָל ניט קומען...

די לעצטע צייכנונג: — קריעת ים סוף. אידען מאַרשירען מיט פעקלאַך און „פופקעס" דורכ'ן רויטען ים... זיי זינגען און די שונאים — זינקען, דאָס בילד איז „פלאַך", אָבער די געשיכטע איז א טיעפע...

איך פערטיעף זיך אין איהר... און איך דערמאָהן זיך אָן די פירושים פון מיין אַלטע הגדה... אָן די אָבגעריבענע ליעבע „שמות" און זיסע משלים... איך זעה די „קריעה" און הער די „שירה" און איך פערטראַכט זיך אויף ביידע הגדות...

קנעפּלעך

„וואָס פאר א קלוגע וועלט דאס איז" — האָט א מאָל געזאָגט א „גרינער" בעטראכטענדיג דעם פּאָראַנדעק פון א ניו יאָרקער טענעמענט־הויז — „מען קוועטשט אויבען דעם קנעפּעל עפּענט זיך אונטען די „טהיר".

דער „גרינער" איז אָבער טאקע געווען נאָך גאָר א גרינער. ער האָט ניט געוואוסט, אז מען קען א מאָל קוועטשען דעם קנעפּעל און די טהיר זאָל זיך דאָך ניט עפּענען, ווייל די באטעריע איז קאליע און דער אויבערשטער קנעפּעל מיט דעם אונטערשטען זיינען מעהר קיין „קנעפּלאך" ניט...

איך זאָג דאָס מכח אונזער אמעריקאנער טהיר, וואָס איז געוואָרען שווער צו עפּענען.

מען דריקט און מען דריקט דעם קנעפּעל, מען דריקט זיך אָן א היהנער אויג אויפ'ן פינגער און די טהיר בלייבט דאָך פערמאכט. דריק היינט, דריק מאָרגען, די קנעפּלאך זיינען אוים „קנעפּלאך" און דו בלייבסט אין דרויסען.

די באטעריע איז קאליע!

עס איז זעהר ניט אנגענעהם צו זיין א גאסט פון דער לינקער זייט טהיר, צו שטעהן און קוקען אויפ'ן שוועל מיט גלעזערנע אויגען, ווי א „סלעק־אפּרייטאָר" אויף א בעקער־

שאפּ, און זיין געצוואונגען צו זאָגען דעם פּסוק: „השיבנו נאזאד".

מערקווירדיג איז דאָס אָבער ווי עקסטרעמען טרעפען זיך אמאָל צוזאמען.

ווען עס דרייען די צייהנער גיט מען אייך קנאקען ניס־לאך, ווען איהר האָט מאזאָלעס אויף די פיס פערשמעלט מען אייך די שיך, ווען איהר ווינקט צו דער שכנה דארף גראד אָנקומען דאָס ווייב, ווען איהר גרייזעלט די קולאקעס צו א געשלעג דערלאנגט מען אייך א שמעק טאבאק... ווען איהר קומט מיט אן אדרעס קיין ניו יאָרק האָט גאָר יענער ארויסגע־צויגען אין קאליפאָרניא, ווען איהר אנטלויפט פון רוסישע הור־ליגאנעס טרעפט איהר אמעריקאנער עמיגריישאָן בעאמטע, און ווען איהר דרייט זיך אויס פון קרושעוואנען און פּאָביעדאָנאָס־צעוו בעגעגענט איהר גראד אויף צופוקענים בעלמאָנט'ען מיט גאָמפּערס'ען, די צוויי העלדען פון דער „סיוויק פעדעריישאָן" וואס זיינען געגען אימיגראציאָן.

ביטערע ענטוישונגען!

און אויף קיינעם וואונדערט מיך ניט אזוי שטארק ווי אויף אָט די צוויי אידלאך, בעלמאָנט און גאָמפּערס, די אויס־געריסענע קנעפּלאך פון דער כנסת ישראל'ס זשופּיצע. דאָס הייסט, איינער איז שוין אין גאנצען אויסגעריסען מיט א שטיק סחורה מיט אלעמען, און דער צווייטער האָט געמעגט אויסגע־ריסען ווערען, אָבער ער האלט זיך נאָך דערווייליע אויף א צו־דריבעלטען פאָדים. ניט אויף א „כשר'ן פאָדים" חלילה, ווייל דערפון האָט מען „קרחת" אין אמעריקא...

אָט די צוויי אויסגעריסענע אידען האָבען זיך דאָס אזעק־

נעשטעלט ווי צוויי אבגעריסענע הינד ביי דער היעגער פריי־
הייטס טהיר און לאזען קיין מענשען ניט אריין... איבערהויפט
שרעקען זיי זיך פאר דעם א י ד י ש ע ן אימיגראנט. איך
מיין פאר דעם אידישען ש ט ע ק ע ן, וועלכער קען טויגען
געגען די אמעריקאנער כלבים ווי געגען די רוסישע...

ביידע: אי בעלמאנט, אי גאמפערס, ווייסען, אז רוסישע
אידען לאזען זיך ניט בייסען אהן א פראטעסט און אז די
הינטישע ציינער זייער אין גרויס סכנה אויסגעהאקט צו ווערען,
דערפאר ווילען זיי דאס, די בילער, פאנאנדערבייסען די ספרו־
זשינעס פון מענשען־געפיהל דא אין לאנד, אז די הערצענס־
טהיר פון מיטלייד זאל זיך ניט עפענען פאר'ן אונטערדריקטען
און פרייהייט זאל זיין אויס קנעפעל מיט אידען.

דאס איז דאס טרויעריגסטע, וואס גראד אידען מאכען
דעם גלות אין אמעריקא פונקט ווי זיי העלפען איהם מאכען
אין רוסלאנד. איך בין נתפעל געווארען לעזענדיג אין א פע־
טערבורגער צייטונג, אז דער הויפט מענעדזשער פון רוסלאנד'ס
שווארץ־טומאה, די „נאוואיע ווערמיא", איז א געוויסער הערר
גאלדשטיין.

גאלדשטיין!... גאלדשטיין!... האב איך עטליכע מאל אי־
בערגע'חזר'ט דעם נאמען. דאכט זיך, ניט קיין געבארענער
אירלענדער, קיין גרעק אויך ניט און דארף זיין א שעהנעם
תחום שבת פון א טערק אדער א „סטארא־ווערעץ".

גאלד... שטיין... יא, דאס איז א איד! א איד מיט די
ביינער! פאר ג א ל ד וועט ער ווארפען א ש ט י י ן זיין
אייגענעם טאטען, זיין מאמען, זיין פאלק — זיך אליין! גאלד־
שטיין פון דער „נאוואיע ווערמיא", אדער ער איז שוין אן אבגע־

ריסענער קנעפּעל ווי בעלמאַנט, אָדער ער הענגט נאָך אַן אונז ווי אַן „אָבגענומענער“ גליעד, ווי גאַמפּערס.

קוקענדיג אויף דעם רוסישען גאָלדשטיין האָב איך ערשט ריכטיג דערגאַנגען דעם סוד, אַז ניט אַלץ איז גאָלד, וואָס טראָגט דעם נאָמען. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין דרך ארץ פאַר גאָלד. איך האָב געוואוסט, אַז וואו ג אָ ל ד דאָרט איז ש ט י י ן, ניט איינצובייסען... איך האָב גוט געוואוסט, אַז גאָלד און זילבער קענען אַ מענשען ר י י ך מאַכען, אָבער ניט גוט מאַכען. און וואָלט מען יעצט ניט געדאַרפט האָבען אַזוי פיעל גאָלד צו שיצען און שטיצען די אידען אין רוסלאַנד, און וואָלט איך אַליין ניט געדאַרפט האָבען עטליכע שילינג וואָלט איך געזאָגט אַז מען דאַרף דאָס האָבען אויף כפרות.

יעצט אָבער איז פאַרפאַלען, מען מוז האָבען געלד.

כל זמן מיר האָבען אַ ג אָ ל ד ש ט י י ן אין פּעטער־בורג, און אַ סאַפּירשטיין אין ניו יאָרק, יאָ, כל זמן מיר האָ־בען נאָך אַזעלכע ש ט י י נ ע ר אין וועג, אין וועג פון פרייהייט און פאָרטשריט, אין וועג, אין רעכטען מיטען וועג פון דער מענשליכער ערלייזונג — מוזען מיר האָבען גאָלד די שטיי־נער צו בעזייטיגען.

געגען גיפט פאַר גיפט און גאָלד פאַר גאָלד.

מיר מוזען בעקעמפפען די שטיינער, די שטרויכלונגען אין וועג מיט זייערע אייגענע כלי זין. זיי פערקויפען דעם כלל פאַר גאָלד מוזען מיר זאַמלען גאָלד אונזערע פערקויפער אונשעדליך צו מאַכען, מיר מוזען בעשטרייטען די, וואָס זיינען

ניט מעהר קיין „קנעפלאך“ מיט אונז און די וואָס זיינען צו־פיעל קנעפּלאך.

אָ, די צופיעל קנעפלאך זיינען פיעל שעדליכער!

זיי שטעלען זיך ארויס אלס אונזערע כלל טהוער, אלס אונזערע פערטרעטער, אונגעבעטענערהייד קומען זיי אונז העל־פען — איבערפיהרען! זיי קושען אונז יענעם בעקאנטען הים־טאַרישען עשו־קוש. דעם „וישקהו“ מיט פינטעלאך... זייער קוש איז גנבה און זייער גלעט — איינפּאַכע פינגער מלאכה.

גוואלד, איך האָב פיינד א „קנעפּעל“, איך ליעב שוין בע־סער א „העקעל“. ער איז אפילו אויך טויב ווי די וואנד, אָבער ער האָט כאַטש אויערלאך... ער איז ניט אזוי דורכגעלעכערט, דורכגעווערימט אין רעכטען מיטען הארץ... דער „העקעל“ האָט כאָטש עפּעס א שטיקעל האַצעק אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּען... ווען איין העקעל רייסט זיך אוים בלייבט אם ווענינגסטענס דער אנ־דערער. איז ניט אויערלאך איז האַצעק, איז ניט האַצעק — איז אויערלאך, דער „קנעפעל“ אָבער איז פאלש ווי אן אמעריי־קאנער פּאָליטישען, ווי די רוסישע קאָנסטיטוציע, ווי די פרע־טענזיעס פון א כל ישראל־בלאַט, א קנעפעל איז לייכט צו דרייען אהין און אהער... א אידישער קנעפּעל איז סתם א הפקר־יונג. יעדער איינער קען איהם אָנגעהמען און דערצעה־לען א מעשה און אויף אזא ארט ביסטו קיינמאָל ניט זיכער מיט איהם...

און זעהט נאָר אקאָרשט אידעלאך, קרוינעלאך, וויפיעל „קנעפּלאך“ מיר האָבען דאָס יעצט! ווען עס ווערט נאָר עפּעס א לעכעל אין דעם נאציאָנאלען אידישען „בגד“ בעוויייזען זיך

פלוצלונג די „קנעפלאך". קיינער נייט זיי ניט אָן, זיי נייען זיך אליין אָן אזוי ווי מיט א כשוף. אָדער בעסער געזאָגט, זיי וואקסען אוים ווי בראָדעווקעס, ווי היהנער אויגען, ווי טור־מאָרס, פון דער העלער הויט וואקסען זיי אוים און שפארען זיך, שטופען זיך, קריגען זיך ווי יעקב'ס שטיינער. יעדער „קנע־פעל" וויל זיך ארײנשפארען, ארײנקוועטשען אין דעם אידי־שען רים, אין דעם גוואלד־רים און אונז פערקנעפלען... כאָטש מען דארף דאָרט א לאטע און ניט קיין קנעפעל...

עס פערשטעהט זיך, אז די לעבער, דער רים ווערט נאָך גרעסער, זיי צושפארען, צודריבלען דאָס, און ווען דער רים ווערט פיעל צו גרוים און צו גוואלדיג, באפען זיי זיך אלע אריין און פאלען איינציגווייז דורך... זיי ווערען אויסגעריסען, עס קומט אן אויסרייסענעס אויף זיי און מיר בלייבען מיט אָפענע פאָלעס און א נאקעטע ברוסט געגען שטורם־ווינד...

אָ, קנעפלאך, קנעפלאך! וואָס ווילט איהר פון אונז?

בערל דער פיסקאטער

סאטירע אויף די גראמענפלעכטער פון דער

אידישער גאס.

ערשטער קאַפּיטעל

ווי אַזוי „בעריל דער פּיסקאַטער" האָט זיך אַנגעטראָפען מיט „חיים די געמבע" און ביידע האָבען געקלאַפּט פון איין „ספר" און וואָס פון דעם איז ארויסגעקומען פאר דער וועלט־פּאָליטיק.

א חתונה אָהן א בדחן איז ווי להבדיל א מרחץ אָהן א פּארסטשיק. עס איז טאקע דאָ געגנוג היץ, געגנוג פּאַרע סיי ווי סיי, עס פעהלט אָבער דער ריכטיגער בעל דבר, וואָס זאָל אייך ארויפנעהמען אויפ'ן פּאָל און גוט דורכבעזימען, דורכשמייסען, אז די נשמה זאָל זיך קראצען פאר התפעלות און געשמאקהייט: „אי גוט, גוט, לאנג לעבען זאָלט איהר, גוט, א מחיה... א טעם גן עדן!...

אידען זיינען א פערזויערט פאָלק. קיין צרות פעהלט זיי ניט, אפילו די שמחות זייערע זיינען אויך ניט אזוי ווי ביי לייטען. מען פינסטערט זיך געגנוג אָן, מען פּאדעט, לויפט, טומעלט, מען יאָגט, שונא ישראל פון זיך ארויס די נשמה ביז מען דערלעבט די חתונה, אמעריקאנער חתונות, מישטיינס געזאָגט! און ווען עס קומט שוין צום סאמע שפּיץ, צו די רעכטע גע־

דיכטע, ווי זאָגט יענער, איז אפילו ניטאָ קיין כח צו מאכען א שנאפס. די מענער רוקען זיך נאָך ווי עס איז צו צום פלעשעל, די אָרעמע ווייבער, אָבער, מוז מען געבען גאָר אן אנדער מין משקה.

זיי קען נאָר אָנ'שיכור'ן דער כלי־זמר, דער בדחן, מיט א שענעם „בעזעצענס", א פיינעם „חסיד'ל" אָדער מיט א גע־שמאקען ליעד פון א „בת מלכה", מיט א „בן מלך". א פיעדע־לע און א ליעדעלע זיינען בראנפען פאר א אידעלע, און פאר א אידענע געווים.

דעם הויפט רושם, אָבער, מאכט נאָר דער בדחן, און מעהרסטענס צווישען די עלטערע ווייבער, וואָס זיינען געוואוינט צו איהם פון „דערהיים". ער וואָרפט זיך אום, דער בדחן, מיט די ווייבערשע נשמה, ווי מיט א פילקע און רופט אין איהר ארויס אלערליי שטימונגען. אָט וויינט זי, און אָט לאכט זי. אָט קנייפט ער זי, די ווייבערשע נשמה, מיט א צוואנג פון גראַ־מען און אָט קיצעלט ער זי מיט א פינגער פון וויצען.

דער בדחן איז א מאדים צו מאכען וויינען, אָבער נאָך מעהר צו מאכען לאכען. אויף לוסטיגע שטיקלעך איז ער פשוט א מחבל. ער מאכט, אז א קאַטשערע זאָל קייכען פאר געלעכ־טער, פאר די בייכער זאָל מען זיך האלטען, א וועלט קעהרט ער איבער מיט זיינע גראמען, „נאָז און אויער אוועק צו גע־בען" פאר זיינע פרייליכע איינפאלען און המצאות'לאך.

נו, איז שוין א וואונדער, וואָס אידען דארפען א בדחן אויף זייערע הוליאנקעס? זיי קענען זיך ממש אָהן איהם ניט בעגעהן, ער איז די סאמע צאַצקע, דער הויפט שיינדעל פון

דער שמחה; אָהן איהם איז די פריילִיכקייט א געצוואונגענע, ער רופט ארוים נאטירליכע געפיהלען.

עס איז אָבער א גרויסער אונטערשיעד צווישען דעם „היי־מישען“ בדחן און דעם היגען. דאָרט, אין דער אלטער וועלט, ווערט דער מארשעלעק געבעטען אויף דער שמחה, בשעת דאָ קומט ער אליין. דאָרט מאכט מען פאר איהם א ווארע, א פא־ראד, מען „אכט“ איהם ארויף אויפ'ן רעכטען אויבען־אָן, מעשה מענש, בשעת דאָ, קומט ער מעהרסטענס אליין. א צאצקע איז ער טאקע, אָבער א צאצקע מיט פיס, וואָס קומט אין שטוב גאָר אונגעבעטען. ווי קראָפּאָווע איז ער דאָ, וואו מען זעעט איהם נים, געהט ער אויף.

דער ניו יאָרקער בדחן האָט אויפ'ן רייסטער אלע מעוברת'ע ווייבלאך און ער צעהלט פאר זיי די חדשים... זיי קענען אמאָל א טעות האָבען, ער, אָבער — קיין מאָל ניט, און אויב עס איז א ברית, ווייס ער דאָס גיכער ווי די קינפּעטאָרען, דען ער אר־בייט קאָאפּעראטיוו מיט די העבאמעס, מיט די ווארטס־פרויען, די קוכערס און די מוהלים. ער ווייס וואו עס וועט זיין א תנאים אָדער א חתונה נאָך איידער מען האָט גערעדט דעם שידוך, ווייל ער קען אלע שדכנים און אלע כלי־זמר.

שטארק בעקאנט אין דעם אידישען קווארטאל איז דער „הויכער מיט דער געמבע“. ער איז א מזיק ארייצוקריכען אפילו דורכ'ן קוימען. וואו מען ריכט זיך אויף איהם צום קנאפּסטען, קומט ער אם מעהרסטען, פּונקט ווי אן עין הרע. אָט ווי גרוים און גראָב ער איז, קען ער פון דעסטוועגען אריינ־קריכען ערגעץ אין א קעשענע אָדער אין א קליידער־שראנק און

פלוצלונג וואקסט ער אוים מיט א טעלער אין האנד און מאכט אייך א „מי־שברך"...

דער „גרויסער מיט דער געמבע" איז א זעלטענער קאָמי־קער. ער קען מאכען, אז א קיילעכדיגער סאלון־קיפּער זאָל פּלאַ־צען פאר געלעכטער, און עס זאָל זיך א פליוכע טאָן אומזיסט ביער און בראנפען פאר'ן גאנצען עולם... נאָך אלע זיעבען זאַ־כען איז ער אָבער דאָך ניט דער בעסטער, דען בערל דער פּיס־קאטער שאָקעלט איהם אוים פון ארבעל, ער ווישט איהם אב מיט א גראם.

מיט בערל דעם פיסקאטען האָט די וועלט צו טאָן. ער פּלעכט גראמען ווי קיטקעס און ווארפט גלייכווערטלאך ווי באָב. ער איז דער קאָנטראסט פון „גרויסען מיט דער געמבע". „בערל דער פּיסקאטער" איז אין גאנצען גרוים ווי א מינוט און איז אויך א בריה צו ערשיינען אומגעבעטען. ער קומט אויך פלוצ־לונג, מיט אמאָל, ווי אפּענדיסיטיס, אָט איז ער דאָ און איהר האלט זיך שוין פאר'ן בויך...

איך וועל לאנג געדיינקען דעם איינדרוק, וואָס די צוויי אויבענדערמאָנטע בדחנים האָבען אויף מיר געמאכט, אויף א חתונה. דאָס איז געווען אפּריוואט־חתונה, ניט אין א זאל, נאָר אין א פּראָסטע דירה. אין יענער דירה האָט גראָד לאָזשירט מיי־נער א בעקאנטער און ווען איך בין אין אָבענד געקומען איהם זעהן, האָט מען מיך פערהאלטען ביז איבער דער שמחה.

קיין בדחנים האָט מען דאָרט ניט איינגעלאדען, עס איז דערפאר געווען א גרויסע איבערראשונג פאר אלעמען, ווען עס איז פּלוצלונג, ביי דער ערשטער גלעזעל בראנפען, אויסגעוואק־

סען דער „גרויסער מיט דער געמבע" און האָט געמאכט דעם ערשטען שנאפּס. אין א האלבע שעה שפּעטער האָט מען דער־זעהען „בערל דעם פיסקאטען".ביידע האָבען זיך אָנגעקוקט ווי די העהנער. עס האָט אויסגעזעהען, אז דער „גרויסער" וועט איינשלינגען דעם „פיסקאטען", נאָר ער האָט משמעות מורא געהאט ער זאָל זיך ניט דערווערגען מיט יענעמס שפּיציגע גראמען.

ווי גיך די צוויי לציס האָבען זיך צונויף געטראָפען איז געוואָרען פריילעך. עס איז געווען שען צו הערען ווי זיי האָבען ביידע מיט אמאָל אָנגעהויבען „זאָגען", און ווי עס שיינט, האָ־בען ביידע געזאָגט פון דעמזעלביגען ביכעל. דער עולם האָט זיך געשטיקט פאר געלעכטער. מילא בערל האָט באלד איינגע־זעהען דעם טעות, האָט ער זיך פארקירעוועט אָן א זייט און אָנגעהויבען דרעשען אויף אן אנדער נוסח. דער „גרויסער מיט דער געמבע", אָבער, האָט געהאקט ווי אין קרויט. באלד האָט זיך אָנגעפאנגען א מחלוקת: וועלכער פון די צוויי עס זאָל בליי־בען ביז איבער דער חתונה, און עס איז געבליבען דער „פּיס־קאטער". דער „גרויסער" האָט זיך אָבגעטראָגען מיט א דאָלאר און א זייגעריל...

אז בערל איז געבליבען אליין, האָט ער געוויזען, וואָס ער קען. ער האָט ארויסגעשלעפּט פון בוזים־קעשענע א ביכעל מיט פערשיעדענע גראמען צו אלערהאנדיגע שמחות, וואָס קען נאָר פאָרקומען ביי אידען. גראמען, וואָס פּאסען צו אלע נע־מען, קאָמפּלימענטען צו מחותנים, מחותנת'טעס, חתנים, כלה'ס, קינפעטאָרינס, בעלי ברית'ן, גבאים, רבנים און פּאָליטישענס.

ווי ווייט די גראמען פאסען צו די נעמען און צו די אנגעלע־
גענהייטען קענט איהר אליין זעהן:

להיתומה מרת רייצע.

(בעזעצענס).

אַי, ראַיצע, ראַיצע,
אז אַך און וואַי צו
דיר אין דיעזער שטונד!
דיין טאַטע ליפע,
אַי, ווייך און כליפע,
איז טויט, און זייט צע
מיר אלע געזונד.

נאָך „ר" קומט, נאטירליך, „ש" און אָט האָט איהר נאָך א
פּראָבקע:

להיתומה מרת שאָשע.

(בעזעצענס מיט א קנאַק)

טהייערע כלה שאָשע,
דערפילט איז דיין בקשה,
דיין מאַמע יענטע דוואָשע
האָט זיך אין קבר געמיחט,
ווי איך בין א איד.

אויף א חתן בחור, א יתום, וואס הייסט אברהם'ל, איז פאראן אזא מין זאך:

להחתן היתום אברהם'ל.

(א בעזעצענס עס זאל נעהמען)

אברהם'ל, אברהם'ל,
דו ביסט דאך קיין קעמעל,
קיין עזעל און קיין פערד,
אז מען זאל דיר שלאָגען
דו זאלסט איצטער קלאָגען
אויף דיין טאַטען אין דר'ערד.

צו ווייזען ווי פלינק ער איז צו פערפאסען זאכען, האָט בערל דער פיסקאטער געמאכט א ליעדעל אויף מיר אליין. איך גיעב עס אייך איבער ווי עס שטעהט און געהט:

להשרייבער פון צייטונג חזק,
וואס איז זיך גאָר ניט קיין דוראַק,
גאָט זאל איהם געבען חי־ק"ק,
ער זאל קענען שרייבען געשמאק
אנטגעגען באָסעס און געלד־זאַק,
אנטגעגען לופעק און צופעק,
א געשוויר זיי אין באָק,
און א געזונד איהם אין פופעק.

אָט אזוי האָט בערל דער פיסקאטער אָבגעארבייט ביז נאָכ'ן בענשען, און דער עולם האָט געוויינט און געלאכט. עס

האט אפילו געטראָפען א סיבה: א בלעטעל אין דעם חתן'ס בעזעצענס איז געווען פערוועגדט, און בערל האָט אין מיטען דערינגען אָנגעהויבען צו ריידען וועגען א ברית־מילה, אז עס וועט זיך איהם „איה"ש שנעל פערהיילען", און ער וועט זוכה זיין „געלד צו ציילען", אָבער די ווייבער האָבען זיך דאָס ניט ארומגעזעהען און האָבען געוויינט סיי ווי סיי...

אויף מיר האָט „בערל דער פיסקאטער" געמאכט אזא רושם, אז איך האָב זיך בעשלאָסען צו היטען זיינע שמחות און זיך אָפּטערס מיט איהם צו בעגעגענען.

צווייטער קאפיטעל

בערל דער פיסקאָטער שרייבט ליעבעס־בריוועלאך אין גראַמען, פערשטעהט זיך.

עס איז אפשר ניט אַלעמען בעקאנט, אז אין דעם ים הגדול פון אידישען קווארטאל, וואו עס „ווידמען" און פרוכפּערען, און מעהרען זיך אלערהאנדיגע ברואים — גע־פינט זיך אויך א בריאה, וואָס הייסט „ליעבע־שרייבער". אָט דער דאָזיגער „שרייבער" איז אָנגעגאָסען מיט „ליעבע" ווי א לאָמפּ מיט נאפט און א מטבע איז די שוועבעלע, וואָס צינדט איהם אָן.

וואו עס געפינט זיך נאָר ערגעץ א פערליעבטע נשמה, א פערשמאכט הארץ, וואָס קריינקט אין דער שטיל און רעדט נאָר צו דעם שטומען שלאָפצימער... קומט און צוגיסט זיך ווי א

שבת־יויך פאר דעם „ליעבע־שרייבער“ און ער מאכט דאָס שוין צורעכט אין א בריוועלע צום געליעבטען, אָדער צו די געליעבטע.

געוועהנליך זיינען אין אָט די מלאכה אויך פאראַן עקס־פּערטען, און אַן עקספּערט רייסט אמאָל ארויף נאָך א מטבע אויף א בריוועלע, אָבער דאָס דארף שוין זיין א שטיקעל אר־בייט, וואָס זאָל נעהמען. מען דארף זיך קענען פערליעבען אין די ווערטער גופא, אפילו ווען דאָס מיידעל זאָל האָבען א ריפּ קוכען און דעם בחור זאָל פעהלען א ניר.

אזא מין ליעב־הארציגער שרייבער דארף קענען זיין פלינק אויף א גראם. ער דארף אלע ווײלע קענען ארייננוארפען עט־ליכע גראמען, אָדער א גאנץ ליעדעלע, ווייל גראמען ג ר א מ י־ ר ע ן אזוי די ליעבע אז זי קומט גאָר שענער ארויס... עס איז דערפאר איבעריג צו בעמערקען, אז איינער פון די הויפּט „ליע־בע־שרייבער“ אין דער אידישער גאס און אפשר טאקע אין גאנץ אמעריקא — שוין די פיליפּינען און פּאָרטאָ ריקאָ איינגערע־כענט — איז דער בעוואוסטער בדחן בערל דער פּיסקאַטער.

בערל'ס בריוועלאך קענען צוזאמענברייננגען א וואנד מיט א וואנד, זיי רייסען דעכער און קעהרען איבער קאפּויר די וועלט. ווען א שטעקען זאָל קענען לייענען בערל'ס א ליעבע־בריוועל, וואָלט ער געקראָגען פליגעל ווי א וואָראָבייטשיק; דער אונגליק איז נאָר, וואָס בערל איז כמעט קיינמאָל אין דערהיים ניטאָ, ער איז שטענדיג אויף חתונות און ברית'ן, און תנאים'ס, און „סיום'ס“ און אנדערע שמחות, און זעלטען ווען מען קען איהם כאפּען ער זאָל שרייבען א ליעבע־בריוועלע טאקע ווי ער קען.

אָפּט ווען בערל ווערט אין כעס וואָס מען דאקוטשעט איהם אזוי פיעל מיט פרעמדע ליעבעס, אגב אורחא, בערל דער פּיס־

קאטער איז נאָך א בחור, — מאכט ער די גאנצע ליעבע צו קליין געלד. ער ווישט איהר אָב מיט עטליכע גראמען.

אמאָל האָט איהם אן עלטערע בתולה אזוי שטארק געדו־רעט מיט איהר ליעבע צו אן אלמן, אז ער, בערל ניט דער אלמן, האָט אויסגעשריען מיט כעס:

ליעבעלע, שמיבעלע,
גראבט אייך א גריבעלע,
נאָט אייך א ציבעלע
פאר אלע ליובקעס!
באלד נאָך דער חתונה,
קומט שוין אַזאַ שנאה,
קומט שוין א קוואסנינע,
רייסט מען די טשופקעס.

די פערזעסענע פערליעבטע האָט נעבאך מורא געהאט בערל'ען ארויסצוטרייבן אין גאנצען פון די כלים און האָט איהם געזאָגט, אז זי וועט דערוויילע אונטערוואַרטען ביז ער וועט זיין אויפגעלייגט צו שרייבן איהר בריוועלע, זי האָט איהם ערקלערט, אז זי האָט מורא צו לאָזען דעם שידוך לאנג אין באנק כדי אימיצער זאָל דאָס ניט אויסכאפען...

דאָס האָט בערלען נאָך מעהר אויפגערעגט. זיין געוועהנ־ליכע שנאה צו אלטע מוידען, אלס אלטער בחור און אלס ברחן, האָט זיך אויפגעבלאָזען ווי א פאמפּושקע. אין אמת'ן: דו מיאוס'ע מויד! ביז יעצט האָסטו זיך ניט געאיילט און פּלוצ־לונג איז אויסגעפאלען אויף דיר א בייזע איילעניש!...

און בערל האָט זיך אָבגערעכענט מיט איהר און פאר־איינס

מיט אַלע בעזעסענע בתולות פון א גאַנץ יאָהר. ער האָט ניט לאַנג געוואַרט און גענומען זאָגען:

אלטע מיידען.

א קלאָג צו אייך, אלטע מיידעו,
וואס גערדיינקען נאָך מיין זיידען,
זאל ער האָבען א ליכטיגען גן עדן, —
צו אייך וויל איך איצט טהאָן ריידען:

ווען איהר זייט יונג און נישט קשה,
און מען בעט אייך א בקשה,
האלט איהר אונז א גאַנצע דרשה,
ווי עס וואָלט נאר זיין א י י ן שאָשע.

איצט, ווען איהר זייט קיין בע׳טעס׳טע,
לויפט איהר ארום ווי פער׳סם׳טע,
איהר זוכט בריוועלאך געגראָמטע,
אבי א טאָמטע דעבאָמטע.
זאל זיין זלמן, קלמן, שלמן,
זאל כאטש זיין אן אלטער אלמן,
זאל כאטש זיין אויפ׳ן בית עלמן...

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז נאָך אזא פּאַרציע איז שוין דער בתולה פערגאַנגען דער אַפּעטיט פון חתונה האָבען, און אויסשרייענדיג: „בערל דער פּיסקאַטער“! האָט זי געכאַפּט די קלייד אין האנד, האָט א קלאַפּ געטאָן מיט׳ן טהיר און איז אוועק ווי א „דאָנער וועטער“.

ווי עס שיינט אָבער, האָט בערל זיך ניט געקענט אָבטשע־פען דעם טאָג פון די ליעבע בריוולאך, דען ווי גיך די אלטע מויד איז אנטלאָפען, איז ארייגעקומען א קוילמאן, פערליעבט און איינגעשמירט ביז איבער די אויערן. ער האָט אפילו ניט געהאט קיין צייט זיך ארומצואוואשען. ווען בערל האָט א קוק געטאָן אויף זיין שווארץ חן'עוודיגען קונד, האָט ער זיך עפּעס אזוי ווי דערשראָקען פאר איהם. דער קוילמאן אָבער האָט באלד פערמאכט זיין זאק און געעפענט דאָס הארץ פאר בערל דעם פיסקאטען. מיט טרערען, שווארצע ווי סאזשע, האָט נעבאך דער אָרעמער קוילמאן פערטרויט בערל'ען, אז ער איז פערליעבט אין דער ארעמער „הויזקיפערקע", און אז יעדעס מאָל וואָס ער זעהט איהר קעהרענדיג די טרעפּ קעהרט זיך איהם איבער דאָס הארץ, און ווען זי שטעהט ביי דער פּעסעל מיסט וואָלט ער איהר וועלען ארומנעהמען און איינשלינגען מיט'ן פעסעל מיט אלעמען, — דער כלל, ער וויל איהר שרייבען א הייסען, א ברע־נענדיגען ליעבע בריוועלע, וועלכער זאָל זיך וואָס־מעהר גראַ־מען.

גראַמען, שטראַמען,
כאָפּ דער מאַמען,
כאָפּ דעם זיידען,
כאָפּ אונז ביידען.

האָט בערל א זאָג געטאָן וויזענדיג, אז גראַמען פעהלען איהם ניט און, אז ער וואָלט געקענט אָנקאָרמענען מיט גראמען אלע אידישע צייטונגען און זשורנאלען פון אמעריקא און איי־ראָפּא... און בערל האָט ווי עס שיינט טאקע אמת'דיג רחמנות

געהאט אויף דעם ארעמען קוילמאן, וואָס ליידעט אזוי פיעל און זיך אויספרעגענדיג ביי איהם אלע איינצעלהייטען האָט זיך בערל אוועקגעזעצט און געמאכט אַט דעם דאָזיגען בריוועלע:

דעם קוילמאנ׳ס ליעבע.

צו דיר, מיין געליעבטע באַשע.
דאָס הארץ צוקריכט מיר ווי א קאַשע.
אָ, וואָס זאל איך מאכען אהנע
דיר, דו מיין האלבע לבנה?
דער הימעל שיינט מיר קרעציג
אהן דיר. איך ארמער „יאַכנעציג"!
איך ליג איינגעלייגט אין קעלער,
בעקום פון ליעבע א פעהלער...
ווען איך זעה, דו האלסט דעם בעזים,
וואָלט איך צוריבען ווי קעז איהם!
ווען איך זעה, דו וואשט די טרעפּען,
וואלט איך זיי געלאזען קעפּען.
די אייפערזוכט בייסט ווי וואנצען.
אָ, ווי דיינע אויגען גלאנצען!
איך ברען ווי טהייערע קוילען,
דער פייער שטייגט אזש ביז פוילען.
און שווייגסטו, אויף מיין אמונה
כ׳נעהם איין א מיתה משונה!
פון מיר, דיין געליעבטער מאַטעל,
וואס געהט אום ווי עובר בטול.

ווען בערל דער פיסקאטער האָט איבערגעלייענט אָט דעם דאָזיגען ליעבע בריוועלע צו דער „הויזקיפערקע" האָט דער קויל־מאן געגאָסען טרערען ווי בעבלאך און אַ גאנצער „קוואָדער" מיט א „ניקעל" זיינען געלעגען אויפ'ן טיש און געמאכט חן'דלאך צו בערלען.

ווי אזוי איך האָב געקריגען צו זעהן בערל דעם פיסקאָ־טענס בריוולאך איז א זאך, וואָס איך קען גראד יעצט ניט דערצעהלען, דאס איז א פריוואט זאך און איך מוז דאס האל־טען בסוד סודות. אלץ וואָס איך קען אייך זאָגען איז, אז צווי־שען מיר און בערל'ען זיינען דאָ צווישען געהערס, „גא ביטווינס", ווי דער ענגלישמאן זאָגט, און וואָס ביי בערל'ען זאָל זיך פערמישען אין אן איי קריעג איך באלד צו וויסען.

איך וויים, אז בערל איז ניט נאָר א מאדים אויף צו שריי־בען ליעבע בריעף, נאָר אויך אויף אָבצוזאָגען ליעבעס. פאר אָבזאָגען, אָדער בעסער געזאָגט, פאר צוריקווייזען א ליע־בע אין גראמען איז דער פרייז פופצעהן סענט. בערל מאכט מיט אזעלכע שטיקלאך ארבייט קיין גרויסע שיהות, מיט עט־ליכע שורות פטר'ט ער אָב אפילו א כראָנישע ליעבע, וואָס שלעפט זיך זייט יאָהרען. אלס א פראָבע קען אייך דיענען אָט דער דאָזיגער בריוועל, אין וועלכען א מיידעל זאָגט אָב א קאָ־רעבעלניק, וואָס פאָהרט ארום מיט סחורה אין די פראָווינצען.

אוים שמעלקע.

מיין אלטער, גוטער חתן,
איך האָב זיך דאך בעשלאסען
אייך אבצוזאגען ענדליך,

איהר מעגט מיר געבען רענדלאך,
וויל איך ניט מעהר קיין שמעלקע,
וואס טראגט א קאריבעלקע.
געהט, קלאפט אין אלע קראמען,
ביי מיר וועט איהר ניט „דראמען“.
פון מיר, די שיינע איטקע,
וואס גיט פאר אייך קיין דידקע.

דריטער קאפיטעל

בערל דער פיסקאטער פערפאסט א היסטארישע אפערא נאטירליך איז דאס אין גראמען.

ווען לוסטיגע יונגען האבען איינגערעדט בערל דעם פיסקאטען, אז ער איז דער זוהן פון די בדחנים און זיי־נע חכמות זיינען א שרעק אין דער וועלט, האט ער אנ־געהויבען צו קלערען וועגען דראמאטורגיע. חברה לצים האבען בערל׳ען א נעהם געטאן ער זאל פערפאסען אן אפערא. זיי האבען איהם געגעבען צו פערשטעהן, אז אזוי ווי ער רעדט נאר אין גראמען, וועט ער מאכען א היסטארישע אפערא אי־בער נאכט און וועט פערדיענען 25 דאלאר במזומן, און אומ־זיסטען בילעט אין טהעאטער און — בשותפות מיט אימעצען — א בענעפיס...

אפערע, חראפערע,
קומט „הארי אפ“ עהרע,
געלד און א פאטשעריי.
איך מאך קיין קוואטשעריי,
מיין יעדער גראמעלע
איז אוי, וועה, מאמעלע!

אט אזוי האט בערל געענטפערט זיינע „חסידים“, וואס האבען איהם גענומען אויף זיכער. ער האט זיי בעוויעזען, אז ער קען אויף „הארי אפ“ פערדיענען „געלד“ און „עהרע“, און ווען בערל דער פיסקאטער איז פארטיג געווארען מיט זיין „שמיק“, האבען איהם חברה געבראכט אין דער ליטערארישער קאפע הויז פון דער „איסט סייד“, ער זאל דארט מאכען א פארלעזונג פאר די מבינים און קריטיקער...

איך האב שוין געוואוסט פון דער מעשה מיט א טאג פריהער און בין אויך געקומען הערען בערל'ס פיעסע.

די קאפע הויז איז געווען געפאקט מיט וואיילע יונגען, „גערערים נעהמער“, וואס קוועלען אן ווען עס מאכט זיך זיי נאר א געלעגענהייט צו כאפען א יאלד.

דאס איז געווען אין אבענד. אלע זיינען געזעסען ווי אויף שפילקעס, מען האט געווארט אויף בערל דעם פיסקאטען מיט זיין „קונסט שטיק“ און אז מען ווארט דערווארט מען זיך, און בערל איז ענדליך געקומען אין בעגלייטונג פון צוויי לצים, וואס האבען שוין געוואונקען צו אונז איידער בערל האט נאך אריינגעטראטען אין קאפע הויז. ווי גיך דער קינסטלער איז נאר אריין, האט ער אונז באלד מכבד געווען מיט דער דאזיגער פארציע:

איהר טרינקער פון טהע און קאַווע,
איך האָב אייך געבראכט א פּאַטראַווע,
א אפערע אין גראמען פיינע,
די מעשה דערפון איז דהיינו,
אזוי ווי איהר ווייסט דערפון אלע,
איז זיך דער נאמען פון דער כלה
ניט היגע, ניט גרונע, ניט טאָלצע,
זי איז אונזער תורה די שטאלצע,
א י ה ר שטעל איך פאר אין טהעאטער,
איהר חתן איז דער איד הודאי,
מיט מתנות א גאנצע סטאדע,
און גאט אליין איז דער... קוואַטער...

אָרעמער בערל! ער האָט מן הסתם געוואָלט זאָגען פאטער, האָט זיך איהם ארויסגעכאפּט „קוואטער". עס איז אפילו ניט געווען בערלען צו פערדיינקען, דען קוקענדיג אויף מאנכע „קרי־טיקער", האָט ער זיך דערמאָהנט אָן א ברית מילה און איז נע־באך מיאוס אריינגעפאָהרען...

דער עולם אָבער איז געקראָכען אויף טיש און אויף ביינק צו הערען בערל'ס פּראָלאָג פון זיין נייע היסטאָרישע אָפּערא. הייסע גלעזער טהע און קאפע האָבען זיך געגאָסען אויף דר'ערד. מען האָט געטרעטען אויף קאפעלושען און אויף טעצלאך, מען האָט געקלעטערט אָנצוקוקען דעם נייעם דראמאטורג פון דער „גהעטאָ".

אונזער ערשטע ארבייט איז געווען, נאטירליך, צו טראַק־טירען בערל'ען מיט טהע, צו דערוואַרעמען אין איהם די קונסט, אז ער זאָל טאקע אָנהויבען וויזען מיט אן אמת, וואָס ער קען.

און בערל האָט ניט פיעל געדאַרפט, זייענדיג גרויס ווי א רגע, האָט מען איהם מיט צוויי גלעזער טהע געקענט אָנפּילען פון די שיך ביז'ן קאָלנער.

אָבער ווי עס שיינט, איז בערל ניט געווען קיין גרויסער ליעבהאָבער אויף טהע, דען ער האָט אָנגעהויבען אזוי צו זאָגען:

אז אך איז אייך און אז ווער,
איהר טרינקט קאַלעמוטנע טהע,
איהר גיסט אָן א פולען בויך
מיט אייערע נודנע יויך,
אייער טרונק איז ניט פאר מיר,
איך טרינק מיר... ביער... און... שנאפס...

דאָ האָט זיך בערל ווידער פערפּלאָנטערט און געגראַמט מיט „שנאפס“ אנשטאָט מיט ב י ע ר. די קאפע הויז איז געוואָרען לעבעדיג, בערל האָט ארויסגערופען דעם ערשטען גרויסען אפּלאָדיסמענט. ווען דער „הויכער מיט דער געמבע“ „קאָטאָרי“ וועלכער האלט זיך פאר'ן גרעסטען בדחן אין אמעריקא, וואָלט יעצט א קוק געטאָן אויף בערל'ס כבוד, וואָלט ער זיך שוין מיט איהם אָבגערעכענט ערגעץ אויף א חתונה. ער וואָלט איהם ערגעץ אויסגעכאפּט א ברית, אדער „צוגעדריקט“ זיין „מי שברך געלד...

צום גליק אָבער איז אין קאפע הויז געווען נאָר די אינטעליגענץ, וואָס האָט אָנגעקוואָלען פון דעם זעלטענעם אידעל, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי א באָמבע אָנגעפילט מיט לצנות. דען בערלען האָט מען נאָר געדאַרפט א ריהר טאָן, האָט ער עקספּלאָדירט אין גראַמען. מיר זיינען געוואָרען זעהר אונרוהיג:

„די פאַרלעזונג“, דאָס איז געווען אַלץ, וואָס אונז האָט געאַרט, און די פאַרלעזונג איז געקומען.

בערל האָט ארויסגעשלעפּט פון אונטערן פּאַכווע א בינ־טעל און האָט דאָס גענומען אויסבינדען. ער האָט אראָבגענו־מען דערפון א חלה טישטאַכעל, א ווינדעל, א קינדערשען פאַר־טוכעל און א נעכטיגע צייטונג. דאן האָט ער פון א פּאַפּירענע מאַרבעצקע, וואָס איז געווען צוגעבונדען מיט א ציצה און א שנירעל פון א קאָרסעט, ארויסגענומען א ביכעל...

בערל האָט מן הסתם מורא געהאט זיין היסטאָרישע „כראָ־פּערע“ זאָל ניט כאפּען א צוג, אָדער א „גוט אויג“ און האָט איהר גוט ארומגעבונדען און צוגעדעקט. היסטאָרישע אָפּעראַס האָבען מורא פאר אַן עין הרע, פון א „בעז אויג“ קענען זיי אמאָל אויסטריקענען און גאָר ניט ווערען נאָך איידער זיי קו־מען אויף די ברעטער... דערפאר האָט זיך דער פערפאסער גוט בעוואָרענט...

עס איז איבעריג צו בעמערקען, אז דעם דראמאטורג׳ס פּעי־קעל איז געווען אינטערעסאנטער ווי זיין פּיעסע, און, אז חברה האָבען זיך געשטיקט פאר געלעכטער קוקענדיג אויף בערל דעם פּיסקאטען מיט זיין ציטעריגען גייסטיגען קדיש, וואָס האָט געזאָלט פערטומלען דעם קווארטאַל.

בעשערט אָבער א אידישען מחבר זאָל געהן מיט די פּו־טער אראָב, און בערל האָט אנשטאָט זיין אָפּערא גאָר איינגע־בונדען זיינעם א ביכעל, אין וועלכען עס זיינען פערצייכענט גע־ווען לויט דעם „אלף בית“ און אין גראמען אלע מעוברת׳ע ווייי־בער פון גרויס ניו יאָרק. האָבענדיג א נידעריגע ראיה, האָט דאָס בערל ניט בעמערקט, און זייענדיג צוהיצט און איבער־

ראשט פון זיך אליין, האָט ער פערגעסען וואו ער איז אין דער וועלט און האָט אָנגעהויבען לייענען אויפ'ן קול:

אינהאלט פון ווייבער
מיט שווערע לייבער.

איטקע, פון יאנקעל דעם גראבען,
אין 9טען און דארף באלד האָבען.
בוניע, פון יאָסעל דעם פעטען,
א פיצעל, כיט לאנג פערטרעטען.
געליע, פון ברוך קניידעל,
מסתמא ווידער א מיידעל.
דאברוש, פון הערשקע דרילינג,
עס זעהט אוים צו זיין א צווילינג.
הינדע, פון שמעיה דעם דינעם,
געווים א ברית, נאָר בחינם.
ויכנע, פון מאַקס דעם אָפּערייטער,
ערשט דער חודש דער צווייטער.
זעלדע, פון פייוועקע דעם שדכן,
ווער דארף דארט האָבען א בדחן?
חאַנצע דעם גבאי'ס, פון באָרדער...
אין פערטען, און אלץ איז אין אָרדער.
טאָלצע רחמיאל'ס, פון שכן,
אין גאנצען נאך א פּאָר וואָכען.
יענטע דעם טויבענס, מיט אימפּעט!
זי מוז שוין ליעגען אין קימפּעט!

אַט דער נאַטיץ האָט בערל דעם פּיסקאַטען אויפגעוועקט פון זיין טעות און ער האָט פּלוצלונג דערזעהן וואו ער איז אין דער וועלט, און ווייל מיר האָבען זיך אלע געקייקעלט ממש אויף דר'ערד פאר געלעכטער, האָט זיך בערל אַ פערשעהמטער ארויס־געכאַפּט פון קאַפּע הויז מיט אַ פערביטענעם קאַפּעלוש.

אַט אַזוי האָט זיך געענדיגט די פאַרלעזונג פון אַ היסטאָ־רישע אַפּעראַ.

פערטער קאַפּיטעל

ווי בערל דער פּיסקאַטער ווערט אַ צייטונגס־שרייבער און זיין ביטערער טעות, וועלכער לאָזט זיך אויס אין אַ ווילדען געלעכטער.

כאָטש בערל איז מיט זיין ערשטע פאַרלעזונג אלס דראַ־מאַטורג מיאוס אריינגעפאלען, און האָט זיך שוין געזוכט אבצוטשעפּען פון די וואוילע יונגען, וואָס האָבען איהם שטארק דאַקוטשעט, דאָך טיעף אין הארצען האָט איהם גענאַגט דער וואָרים פון בעריהמטהייט. עס האָט זיך איהם געוואָלט ווערען עפּעס מעהר ווי אַ בדחן...

די נאָהענטע בעקאַנטע, וואָס זיינען געוועזען מעהר פערטרויט מיט בערל'ס געהיימען וואונש, האָבען געזעהן אין איהם אויפ־צובלאָזען דעם בעהאלטענעם פערלאַנג. מאַנכע גאַנץ ערנסטע

בדחנים, וואָס האָבען טאקע ממש געהאלטען זייער פּיסקאטען קאָלעגא פאר א גאון, האָבען איהם נביאות געזאָגט, אז ער וועט נאָך אמאָל פערקלינגען די וועלט, די לצים אָבער האָבען אויס־געניצט די גוטע געלעגענהייט צו נעהמען דעם בדחן אויף זיבער.

זיי האָבען זיך אָנגעטאָן אָן איהם ניט אנדערש און ניט אנדערש בערל זאָל ווערען א צייטונגס־שרייבער...

בערל האָט זיך אפילו געקווייקעלט.

— א צייטונג! ווער ווייס?

אפשר נעהמט מען גאָר ניט אָן זיין שרייבען?

כאָטש ער האָט אין מאנכע צייטונגען געזעהן אָנגענומענע זאכען, וואָס איז ניטאָ וואָס אָנצונעהמען, דאָך האָט ער גע־וואוסט, אז א בלאָט איז ניט א חתונה, וואו צו יעדער גראַם זאָגט מען „באם".

איבערהויפּט האָט בערל געציטערט פאר'ן בריעף־קאסטען.

— וואָס טהוט מען זיי, די כל־בו'ניקעס, ווען זיי גיבען א שטעל אריין אין בריעף־קאסטען אָט אזא מין טאראראם?

„מאכט זיך ניט נאריש, פּיסקאטער,
איהר זייט ניט קיין ליטעראטער,
ניט רוקט זיך ווייטער, ר' בערל,
מיר ווילען ניט אייערע פּערל!
ארבייט זיך ניט אָן קיין האָרב
שאפּענדיג פאר אונזער קאָרב".

האָט זיך אָבער „פּויסט" געקענט ארויסדרייען פון טייפעל?

אזוי האָט בערל דער פּיסקאטער ניט געקענט בייקומען זייז־נע לצים און ער האָט זיך בעשלאָסען זיי צו פאָלגען.

בערל האָט אָנגעשטעלט דעם וועק־זייגער צו וועקען פונקט האלבע נאכט. און ריכטיג צו „חצות", מיט'ן קרעה פון האָהן, האָט ער זיך אוועקגעזעצט אין זיין שלאָפצימער אָנגעטאָן בלויז אין א נאכט־העמד און גאטקעס, במחילה, און האָט קודם אָנ־געשריעבען אָט דאָס:

א תפלה צום רעדאקטער.

צום טהייערען רעדאקטער,
וואס איז אן איינגעבאקטער
אין יעדען'ס הארץ און מח,
וואס האָט א שווארצען כח
צו פערפאסען אנטיקלאך,
וואס מען שלינגט זיינע שטיקלאך
ווי קאָכעדיגע ארבעס,
וואס לעהרנט שקצים תרבות,
צו איהם שיק איך מיין שרייבען.
ער זאל מיך ניט פערטרייבען
מיט מיינע געדאנקען
איבער דעם פלאנקען,
דען מיין ליעד איז א וואוילער,
ווי איך בין א הוילער!
איך זאל פערשפארען פאסטען
דעם בריעף־קאסטען ניט צו זעהן...

ווען בערל האָט אויפגעשריעבען אָט די דאזיגע „תפילה צום רעדאקטער", האָט ער דאָס עטליכע מאָל איבערגעלייענט, אָבער

אין גרוים בעגייסטערונג האָט ער ניט בעמערקט דעם טעות פון זיינע לעצטע צוויי גראַמען.

בערלען איז איינגעפאלען א געדאנק: אפשר מיט דער „תפילה" צושיקען א פּאָר דאָלאר, פּשוט בעצאָהלען דעם רעדאַק־טער ער זאָל דרוקען. בערל האָט עפּעס געהערט מן הצד, אז אין מאנכער רעדאקציע מוזען די שרייבער אראָבגעבען דעם רעדאקטער א פּראָצענט פון זייער פערדיענסט...

אָבער דאָס איז ניט געווען דער עיקר. בערל האָט גע־וואוסט, אז דערווייל האָט ער נאָר אויסגעגאָסען זיין געגראַמטע נשמה אין א געבעט, יעצט אָבער מוז מען שרייבען די פּאָעזיע גופא.

בערל האָט אראָבגעדרייט דעם לאָמפּ און האָט זיך גענומען פערטראכטען אין דער פינסטער... ער האָט זיך פערגעסען, אז ד'רויסען איז א משונה־ווינטערדיג וועטער און זיצענדיג א האלב נאקעטער האָט ער געעפענט דעם פענסטער צו כאפּען א קוק אויף דער לבנה...

א הויפען שנעע איז איהם אריינגעפאלען גלייך אין בוזים...

נים לייכט ווי מען רעדט
ווערט מען א פּאָעט.

האָט בערל א בורטשע געטאָן און האָט האסטיג צוגעמאכט דעם פענסטער.

ער האָט יעצט געזעהן, אז אויף דער לבנה האָט ער ניט וואָס צו האָפּען. פערפאלען! ער קען איהר ניט זעהן און ער האָט אָנגעהויבען צו שעפּען בעגייסטערונג פון זיין אייגענע פאנטאזיע... אָבער אָנהויבענדיג פאנטאזירען אויפ'ן קול האָט ער דערווייל אויפגעוועקט זיין לאָדזשינג מאדאם און זי האָט זיך

אויפגעבאפט מיט א גוואלד פארוואס ער לאזט ניט שלאפען און האט אויפגעוועקט איהר מאן מיט דער בייבי, (דאס קינד).

ביבע, דרייבע,
אייער לייבע
וועט נאך כראפען,
וועט נאך סאפען
און דער קליינער
ממזר׳ק איינער —
וועט נאך פאפען,
לאמיר האפען!

אט אזוי האט בערל דער פיסקאטער אויסגעשריען מיט כעס אויף זיין מאדאם׳ס בעמערקונג.

בערל איז געווען ביי זיך יחסן׳דיג, ווייל זיין לאדזשינג מאדאם האט כמעט געצויגען פון איהם א האלבע חיונה. ער האט ביי איהר ניט נאר לאזשירט, נאר געגעסען אויך און זעהר אפט פלעגט ער ברייגגען פון שמחות פולע טיכלאך גריבענעס, טארט, לעקאך און פירות. „לייבע", זיין לאדזשינג מייסטער, איז געווען א שטיקעל פעדלעריל אויפ׳ן פראווינץ און בערל איז געווען דער גאנצער בעל הבית אין דער היים...

עס איז דערפאר קיין חידוש, וואס בערל האט זיך ניט געקימערט, וואס ער האט אלעמען אויפגעוועקט. „בייבע דריי־בע" וואס ארט דאס בערלען אין א מינוט ווען די גראמען שפארען?

און בערל דער פיסקאטער איז טאקע דאס מאל געווען אמת׳דיג בעגייסטערט. ער האט זיך אוועקגעזעצט מאכען זיין געדיכט מיט דער כונה אז באלד אין דער פריה מיט דער ער־

שטער פּאַסט וועט ער דאָס אוועקשיקען צו א אידישע צייטונג. ער האָט זיך נאָך א ווײלע פערטראַכט און האָט אָנגעשריעבען.

צו חיענקען.

לבנת קרוין, דו חימעלס פּופּעק!
איך קוק דיך אן און בין מסופק
אויב דו האָסט ערגעץ אין די וואָלקען,
וואס שטעהן פּונקט ווי אויסגעמאָלקען, —
געטראָפען מיין געליעבטע חיענקען?
א צאַצקע אוי, אז זאל איך קרייִנקען,
אויב איך קען אויפהערען צו בייִנקען!
די שנעע הערט אלץ ניט אויף צו שיטען,
מיין ליעבע פאָהרט ווי אין א שליטען
אוואו איך געה איז זי אין מיטען...
בעזעץ איך ערגיץ א יתומה,
ערשיינט זי ווי דער מלאך דומה,
איהר נעזעל לייכט מיר ווי עטרות,
פון חיענקעס ליעבע האָב איך כרות!
שעהן איז ציפּקע, נאָך שעהנער רייכעל.
דאך חיענקע איז דאך פּראַסט א מאכל.
די מיסעס איז דאך אויך א בריאה,
נאר חיענקע איז מיר מעהר מציאה,
וואס ארט מיך ווענוס צי שולמית?
איך ווער משוגע ווי אין תמוז...

ענדיגענדיג די לעצטע שורה איז בעריל איינגעשלאָפען פאר זיסקייט. אין שלאָף האָט ער געהאַקט גראַמען ווי אין קרויט.

די מאדאם מיט איהר ליבע זיינען געלעגען און געהערט ווי בעריל דער פיסקאטער גראמט פאר פייער און פאר וואסער, ווי ער פלוידערט נאכאנאנד „חיענקע, סצענקע, רעדאקטער, קאראק־טער" און ווי ער האט אנגעשאלטען צום גראם א פולען קאפ מאדרעס דעם געשטופעלטען, וואס האט איהם לעצטע וואך אויס־געכאפט א „סיום התורה" דערצעהלענדיג, אז ער איז בעריל דער פיסקאטער, און האט זיך אבגעטראגען מיט א פולע בייטעל און א זילבערנע טיטעל נאך שעריף סטרים...

ווען בעריל האט זיך אויפגעכאפט זיינען שוין געשטאנען צוויי וואוילע יונגען, וואס האבען איהם איינגערעדט, אז זיי וועלען געהן מיט איהם צום רעדאקטאר, ביי וועלכען זיי האבען א גרויסע דעה. בערלען איז דאס שטארק געפעלען געווארען. ער האט האסטיג ארויסגעכאפט אויף זיך די תחתונים, במחילה, האט אויסגעטרונקען א פאר שיטערע אייער און צוגעביסען מיט א פאמפעניק.

די אייער האט בעריל געטרונקען צוליעב דער שטימע. חברה האבען איהם איינגערעדט, אז ער וועט מוזען זינגען פאר'ן רעדאקטאר, ווייל אהן א ניגון געהט דאס ניט. נאכ'ן עסען האט בעריל א כאפ געטאן פון זיין טיש א בינטעל כתבים און איז אוועק מיט חברה צום צייטונגס־אפיס.

די וואוילע יונגען האבען אבער ניט געפיהרט בעריל דעם פיסקאטען אין רעדאקציע. זיי האבען איהם ארבגעפיהרט אין „פרעס־רום", האבען איהם צוגעפיהרט צו א הויכען פענסיל־וויינער דייטש, א סטעראטייפער, וועלכען זיי האבען שוין פריי־הער דערציילט די גאנצע מעשה. דארט האבען זיי בערלען פארגעשטעלט פאר'ן „רעדאקטער" און געהייסען זינגען.

דער גערוף פון די הייסע בליי איז אריין בערלען אין די נאַז־לעכער און אין האלז און האָט איהם פערדאָרבען די שטימע. דער פענסילווייניער שייגעץ האָט אָנגעהויבען איינ׳טענה׳ן מיט בערלען, אָבער בעריל האָט איהם ניט פערשטאַנען

— א רעדאקטער, האָט יעצט בערעל געטראכט, איז עפּעס גאָר אן אנדער מין בריאה, עפּעס גאָר ניט ווי אלע מענשען... זיין אידיש איז גאָר קיין אידיש ניט. ווער קען מיט אזעלכען איינ׳טענה׳ן? עס איז דאָך גאָר א גוואלד אין דער וועלט.

ווען דער „רעדאקטער" האָט אָבער געהייסען בערלען פאַר־זינגען זיין געדיכט, האָט געטראָפען די אלטע קאטאסטראָפע.

אין איילעניש האָט בעריל געלאָזען זיין ליעד „צו חיענקען" מיט דער „תפילה" אין דער היים און האָט מיטגעבראכט מיט זיך א נייעם שיר, וואָס ער האָט פערפאסט צו א בר מצוה. ער האָט עס גיך אויסגעוויקעלט און גענומען לעזען פאר דעם הויכען פענסילווייניער גוי, זינגענדיג יעדעס וואָרט מיט א מעלאָדיע:

צום בר מצוה.

הער אויס, דו בר מצוה בחור!
ס׳וועט דיר צוניץ קומען נאָכהער
זאלסט וויסען זיין, אז מיט תפילין
דארף מען וויסען ווי צו צילען.
מען טאר זיך מיט זיי ניט שפּיעלען,
זיי שפּאנען דיר אין אין סאָבע,
מוזט באלד מאכען א ברכה,
אחן זיי קענסטו ניט פארזוכען
קיין ביסעל בראנפען, קיין קוכען,

דו מוזט יעצט בייטען דיין מינע,
דו טאָרסט מעהר ניט שרייען „שיבי“
דו דארפסט ניט שפּילען אין פּערדלאך
ניט רייסען אידישע בערדלאך,
ביסט געוועזען געננג א לויפער,
א שייגעץ גאר אהן אן אויפהער
איצט, מיינע ווערטער שטעה אויף חער!
מעגסט הייסען גימפעל צי חיים
לשנה הבאה בירושלים...

דער סטעראָטייפּער איז געשטאנען די גאנצע צייט, האָט אָנגעקוקט בערלען און געשמייכעלט. די אידישע לצים, וואָס זיינען געוועזען דערביי האָבען זיך געקייקעלט פאר געלעכטער, אָבער בעריל אליין האָט דערזעהן זיין טעות אין די לעצטע ווער־טער און האָט זיך ארויסגעכאפּט פון דער חברה ווי אן אָב־געבריהטער.

פינפטער קאפּיטעל

בערל ווערט פּאָפּולער אין פּראָווינץ, פערשיעדענע חברות פערלאנגען זיין טהעטיגקייט. זיין בריעף צו דער רוסישער רעגיערונג.

זייט איך האָב בערל דעם פּיסקאטען, דעם הויפּט בדחן פון די בדחנים, ארויסגעפיהרט אין דער עפענטליכקייט, האָב איך ניט קיין ריינע טעג. בריעף קומען מיר אָן פון

אלע עקען און זייטען איך זאָל מגלה זיין בערל'ם אדרעס פאַר דער גאנצער וועלט.

דער וויל איהם איינלאַדען אויף א שמחה, יענער וויל מאכען א שמחה מיט בערלען גופא, און אנדערע ווילען ער זאָל זיי שרייבען ליעבעס בריוולאך. אייניגע ליטעראַרישע פער־איינען ווילען איהם איינלאַדען ער זאָל זיי קומען „פאָרלעזען" זיין טהעאטער שטיק און זיינע געדיכטע... ווען ניט, זאָל ער כאָטש קומען הערען ווי אנדערע „בעגייסטערטע יונגע לייט" לעזען פאַר זיינע זאכען...

א שמש פון א „איסט סייד" חברה האָט מיך פערשוואָרען און פער'חרם'ט איך זאָל איהם געבען בערל'ס אדרעס, ווייל ער האָט פאַר איהם א שידוך. „ווי לאַנג איז דער שיעור — שרייבט ער מיר — „א מאנסביל זאָל זיצען אָהן א ווייב, דאָס בריינגט דאך חס ושלום צו אן עבירה"... א ענטוזיאסט פון דער פראווינץ וויל וויסען ווען בערל גיט ארויס זיינע „ווערקע" אין א בוך, און אויב ער שרייבט אויך סקיצען און ערצעהלונגען, עס איז איהם שטארק נוגע, עס געהט איהם גאָר אין לעבען אריין...

א אידישע קהילה פון ליטוואקעס, וואָס וויל זיך „רעפאָר־מירען" פרעגט מיך אויב בעריל דער פיסקאטער וואָלט איהר געקענט האלטען „סערמענעס" אין גראמען. די קהילה־קדושה האָט געמיינט „סערמאָנס", אָדער גאָר פשוט דרשות. דער „ברודער פרעזידענט" גלויבט, אז געגראַמטע „סערמענעס" וואָלט זיין א „נאָוועלטי" און וואָלט אפשר צוגעצויגען דעם עולם צום טעמפעל...

א גרומאדע שמאַטניקעס פון א קאַנטרי שטאָדט וויל דורכ־אוים וויסען אויב בערל דער פיסקאטער קען עפּעס געבען נוטע,

וואַלגע שטיקלאַך אין פּראָזא. אזוי ווי זיי רעכענען אויפצו־
געבען זייערע שמאטע־ביזנעס און ווערען ארויסגעבער פון א
צייטונג ווילען זיי האָבען בערלען אלס רעדאקטאָר. זיי מעלדען
מיר, אז ביי זיי אין שטעדטיל האָט זיך שוין געגרינדעט א פער־
איין פון „סרעקליכע קענערש", וואס ווילען די אונטערנעהמונג
„אונטערסטיטשען".

אין זייערע אייגענע ווערטער לעזט זיך ווייטער זייער ברי־
וועל בזה הלשון:

„מיר ווילען מעהר ניט זשיין קיין רעגש פעדלערש
ווילען מיר ניט, ווילען מיר ארויש געהן פאר'ן עולם מיט
א גוטע זשאך... אזשוי ווי אידען זשענען יעצט סרעקליך
צוקאָכט מיט די רושישע פּאָגראָמען און אלע סיטען זיך
פּשוט אָב מיט טאָלערש, קען מען ביי אונזש אויך מאכען
געלד ווי שמאטעש... ווען מען זשאָל פאַרטרעטען אלעמענש
פּרינטשיפּען... דער פעראיין פון סרעקליכע קענערש איזש
שוים רעדי די צייטונג צו מאכען א שוקשעס, אזש אלע
מאשען און קלאשען זשאָלען האָבען וואָש צו נאשען, און
זשאָלען אונזש טאקע האָלד האָבען אויך זשאָלען זשיי
אונזש, און זשאָלען איהר לעזשען אויך, ווילען מיר מישטער
בערל דעם פּישקאטענש אדרעש ער זשאָל אונזש ראידאקי־
רען זשאָל ער אונזש, פון אונזש אייערע נייע פריינד וואָש
גרישען אייך...

ד ע ר ש ע ק ר ט ע ר.

דער כלל, איך האָב שוין פון די דאָזיגע בריעף שיער גע־
קראָגען דעם קייך־הוסט. אין אמת'ן, וואָס איז דאָס פאר א

חוצפה צו טרובירען א מענשען? אויב זיי וועלען מיך נים אויפ־הערען נודען מים זייערע בריעף, וועל איך זיין געצוואונגען אריינצושרייבען א „שטימע אויסען פאלק" אין די צייטונגען און שטארק פראטעסטירען. דערווייל אבער בין איך מזהיר ומודיע איינמאל פאר אלע מאל, אז איך גיב נים בערל'ם אד־רעס וועז דא זאל זיך אפילו איבערקעהרען די וועלט קאפויר. איך גיב נים, און טהוט מיר עפעס!

ווייטער גיב איך א ווארנונג, אז בערל שרייבט נים און רעדט נים קיין פראזא און הערט אויף אומזיסט צו מוטשען איהם און מיך! וואס האט איהר צו אונז? איך האב אייך איינמאל געזאגט, אז בערל דער פיסקאטער איז דורכאויס גרא־מען, אפילו פון שלאף רעדט ער אויך צום גראם... און ער איז שרעקליך בייז ווען מען פערלאנגט פון איהם אזא פראסטע, אלטעגליכע זאך ווי פראזא.

וואס איז דאס פאר א חעזה
צו בעטען מיר א דאזע
פון חזיר'דיגע פראזע?
איך בין דאך נים קיין קאזע,
צו זיין אזוי קוריאזע,
צו שטיין אין אזא פאזע.
און קענט איהר מיך פער'סמ'ן,
איהר וועט פון מיר נים קאמען
קיין אנדער זאך ווי גראמען...
איך שווער אייך ביי דער מאמען,
איך שווער דאס ביי דער באבען,
גן עדן זאל זי האבען.

אָט אזוי האָט אמאָל בערל א שאָט געטאָן א גאנצע קוואָרט גראמען מיט אמאָל און האָט אויסגעלאָזען כל חמתו צו די „חזיר־דיגע פראָזע". זייט דאן ווייסען בערל'ס נאָהענטע בעקאנטע, אז ער איז ניט „קיין קאָזע" און האָט פיינד פראָזע ווי א קאָזאק געהן צו פוס.

מיט אָט דער דאָזיגער ערקלעהרונג, פיהל איך, איז מיר אראָב א שטיין פון הארצען. איך בין כמעט זיכער, אז יעצט וועט מיר קיינער מעהר ניט פרעגען אויף בערל'ס אדרעס און וועט ניט חלום'ען פון בערל דעם פיסקאטען און פראָזא אין איין נאכט, ווייל דאָס זיינען צוויי בעזונדערע זאכען, פייער מיט וואסער!

איך בין זיך אָבער מודה ומתודה, אז מיט אייניגע טעג צוריק האָב איך בשום אופן ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און האָב געמוזט איינעם געבען בערל'ס אדרעס. דער מאן, וואָס האָט דאָס פערלאנגט, האָט מיר דערצעהלט, אז ער וויל בערל זאָל איהם שרייבען א נויטיגען בריעף פאר רוסלאנד און דאָס בריוועל מוז דוקא זיין אין גראמען און ווייטער זאָל איך ניט פרעגען קיין קשיות...

רוסלאנד, האָב איך געטראכט, איז שוין גאָר אן אנדער זאך. „אפשר עפעס א מין ציוניסטישער רעוואָלוציאָנערער, אפשר א טעריטאָריאליסט, אפשר א טעראָריסט, אדער אן אנ־דער „איסט", האָב איך געקלערט, עפעס א קאטאָוועס רוסלאנד!...

איך האָב ניט פיעל געטראכט און האָב דעם מאן געגעבען די אדרעס. ערשט שפעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אז אָט דער מאן איז געוועזן א וואוילער יונג, א לץ, וואָס האָט גענומען

בערלען אויף זיכער און האָט איהם אבגעשפּיעלט אזא שפּיצעל
אז עס האָט דערמיט געקאָכט דער גאנצער קווארטאַל.

דער חברה־מאן האָט דערצעהלט בערלען, אז ער איז געשיקט געוואָרען צו איהם אלס דעלעגאט פון דער איסט סייד, אָדער בעסער געזאָגט פון דער קאָמיטע אָוו „סעלף דעפענס", זעלבסט־פערטיידיגונג, מיט דעם פערלאַנג, אז ער, בערל, זאָל שרייבען א בריוועלע צום מיניסטער אין פּעטערבורג. דער מאן האָט איהם ערקלערט, אז צו א מיניסטער פּאסט ניט צו קומען מיט דעם לשון, וואָס אלע מענשען ריידען. צו א מיניסטער מוז מען ריידען אין גראמען און בערל איז דער איינציגער איד אין אידישען קווארטאַל, וואָס קען נאָר גראמען און ווייטער גאָר ניט. דער מאן האָט איהם ווייטער פערזיכערט, אז דער בריוועל וועט איבערזעצט ווערען אין רוסיש און א ספּעציעלע קאָמיטע פון אידישע דאָקטוירים, וועלט־בעריהמטע אידיש־רוסישע רעדנער און פילאָזאָפיש־קריטישע און קריטיש־פילאָזאָפישע אינטערנאציאָנאַל־נאציאָנאַלע פּאָלקס בעוועגער, אדוואָקאטען, רעוורענדס, און דאַנסקע קאָזאקען וועלען עקסטרא פאָהרען נאָך פּעטערהאָף איבערצוגעבען דאָס בריוועל.

בערל דעם פּיסקאטען איז די זאך געפעלען. זיינע קליינע שפּיציגע אויגעלאך האָבען אויפגעלויכטען מיט שמחה. עפּעס א קאַטאָוועס מען טרויט איהם אָן אזא גרויסע היסטאָרישע אויפגאבע! היינט וויל ער סתם העלפען די רוסישע אידען... ווער וויל דאָס יעצט ניט העלפען די רוסישע אידען... אפילו די רוסישע מוזשיקעס? זייט עס האָט זיך גענומען קאָטלעווען אין רוסלאנד, זיינען בראָדוויי, קאנעל סטריט און דיוויזשאָן סטריט פערוואנדעלט געוואָרען אין טאָמסק, אירקוטסק און אר־

כאנגעלסק... און מען ווערט פלוצלונג איבערראשט ווען מען טרעפט דאָרט אָן א פעדלער מיט ציצית, יארמולקעס און געבאקטע קארטאָפעל.

רבונו של עולם! ווי קומען קאצאפעס צו אידישקייט?

עס איז דערפאר ממילא מובן, אז בערל האָט זיך באלד דערלאנגט א זעץ אוועק און האָט אָנגעשריעבן אָט דעם דאָזיגען חן'עוודיגען בריוועלע.

אַ איד אַ וויסטער
צום מיניסטער.

צום הארר פון דער רעגיערריי,
וואס איז א גאנצער אַי, אַי, אַי,
וואס איז א גרויסער חכם סתם
און אן אלטער „יאָ טעביע דאָם!"
צו דיר, מיניסטעריל קרוין!
צו דיר ווענדעט זיך יעדער פאַרשוין.
פון ישיבה בחור אין קלויז
ביז אונטער'ן אויוועו די מויז, —
צו דיר גיעב איך זיך יעצט א קעהר,
וואס דארפסטו חלעבען זיין א בער,
זיך דרייען אַהין און אַהער?
און די מעשה פאלט דאך דיר שווער.
פערקעהרט גערעדט: ווער ביסטו, ווער?
א שטיק קאַצאַפ, א אידיאָט!
אסור־חזיר אויב דו ביסט גאָט...
בעהאלטסט זיך אין לאָך ווי א קראָט,

און דער טייוועל נעהמט דיך אָט, אָט!
צו וואס דארפסטו די גאנצע קראָם?
וואָס'ער מאכל איז א פּאָגראָם?
הער אויף דיין אלטע „ניע פּאָטשאָם"!
וועסט האָבען דערפון א חלאת...
געדיינק! א איד קען ווערן אין כעס.
דאן וועסטו כאָרכלען אויפ'ן באס...
עס וועט דיר ניט העלפען קיין קוואס,
אויך ניט די מאמע די מרשעת.
אָט דערפאר, מיין טהייערער הארר!
ניט זיי קיין חזיר און קיין נאַר!
זיי בעסער מבטל דעם גזר!
וואס טויג א לאנד מיט א פערשפאר?
וואס דארפסטו א חופה מיט צער?...
דאס בעט דיך די גאנצע איסט סייד
שוין צייט, חלעבען, צו זיין א לייט...
פערגעס אויך ניט אונזער „אָפּ-טאָן"!
דארט איז ממן קורח פּאראָן...
ווען דו וועסט ניט זיין קיין בולוואן
קענסטו דאָרט דערלאנגען א שפּאן...
אים נאמען פון יעדער פעראיין
ונאמר אמן, אמן ואמן.

זעקסטער קאפּיטעל

מיין בעגעגעניש מיט בערל דעם פּיסקאַטען אויף די קעטס־קיל בערג, וואו איך בין געקומען זוכען געזונד. בערל ווערט בעפאלען פון אויפגעקומענע גבירים און גביר'טעס ער זאָל זיי שרייבען בריף אַהיים.

ווען גאָט העלפט אייך איהר פאָהרט אין די קעטסקיל בערג האָבען פערגעניגען, וועט איהר זיך גאָר ניט פאָרשטעלען ווען איהר קענט דאָרט אמאָל געפינען. איהר שטעהט אויף אין דער פריה צוביסען פון די קאמארעס און דערטאפּט פלוצלינג נעבען פריהשטיק־טיש אייער אמאָליגע דיענסט־מויד. זי קען אייך ניט מעהר... איהר מאן פאבריצירט און זי איז געקומען ווייזען די בערג איהרע דיאמאנטען, זיך רייצען מיט זיי... זי איז זעהר ניט צופריעדען, וואָס דער „פארמער" האָט איהר אוועקגעזעצט נעבען אייך, און זי בעט איהם ער זאָל איהר בייטען דעם זיטץ ביי אן אנדער טיש...

אמאָל קענט איהר זיך גאָר געפינען אין איין בעט מיט'ן קוילמאַן, וועמען איהר זייט נאָך שולדיג פאר אן עמער קוילען פון די „אלטע גוטע צייטען". יעצט איז ער ניט מעהר פערשווארצט, ער איז א לענד־לאָרד, א בעזיצער פון הייזער, איהר זייט פון דעם דאָזיגען „זווג" נים שטארק ענטציקט. איהר זייט געקומען אין די קעטסקילס זיך אָבקיהלען, אָבער ניט ליעגען נעבען אזא ווארעמען בעל הבית...

איהר קענט דאָ אָפט טרעפען אייערען א בעל־הבית, וואָס האָט אייך אמאָל ארויסגעשטעלט די ביסעל בעבעכעס אין גאס

פאר דירה געלד. איהר דערקענט איינע די אנדערע. איהר פיהלט ווי איהר וואלט איהם איצט בעצאהלט די דירה־געלד אפילו אויף די געהעכערטע רענט, מיט אלע געריכט־הוצאות, אבי ער זאל נאר ניט אויסשטעלען אויף אייך אזעלכע מלאך המות־אויגען...

עס קען אויך פאסירען איהר זאלט דא אנקומען פנים אל פנים מיט אייערען א פערציימיגען ארבייט־געבער, א „באס", און איהר גיט א קלער: „נאך לעבט ער"? פון אייערטוועגען וואלט ער שוין ניט געדארפט זיין מיט יענע פופצעהן יאהר צוריק. יעצט מוזט איהר שטעהן ביידע אין איין אידישען פארם, געביסען ווערען פון די זעלבע פליעגען, זיך אויפכאפען פארטאג פון די זעלביגע הינד און היהנער, וואס שטעהען אויף „כעלות השחר" צו זאגען שירה...

איהר וועט זיך דערפאר ניט וואונדערען פון מיין זעלטענע איבערראשונג צו דערטאפען אין די קעטסקילס אונזער אלטען, ליעבענסווירדיגען, פרייליכען גוטען פריינד, בערל דעם פיס־קאטען.

א באנדע אויפגעקומענע האבען אראבגעבראכט איהם אהער אויף א משוגענע הוליאנקע און דערהערענדיג אז איך געפין זיך אין די דאזיגע מקומות איז ער מיר געקומען מבקר חולה זיין...

איך בין נאר וואס ארויס פון א שוועבעל־וואנע און בין נאך געזעסען אין מיין באד־כאלאט ווען די טהיר האט זיך האסטיג אויפגעמאכט מיט דעם דאזיגען פזמון:

לחדיכטער מורונו ורבנו,
בין איך געקומען זאגען „עננו",

ער זאל חלילה ניט ווערען ערגער
אין די משונה'דיגע בערגער,
וואס גרייכען וואָר־וועכלאך
ביז כביכל'ס קנעכלאך,
עס זאלען די שוועבעל־בעדער
אייך שטארקען דאס לעדער...
און היילען די אויגען,
זיי זאלען נאר טויגען
צו לייכטען און קוקען
אויף צו דרוקען ווערק...

בערל! האָב איך א געשריי געטאָן. איך האָב איהם דער־קענט אָן דעם פערדרייטען גראם.

בערל דער פיסקאטער, וואָס האָט מיר צו פערדאנקען זיין גרויסע פאָפולאריטעט, האָט זיך א וואָרף געטאָן צו מיר מיט א זעלטענע שמחה. ווען איך האָב איהם געפרעגט ווי אזוי ער האָט מיר אויסגעפונען אין אזא אָבגעלעגענעם געגענד, ווייט פון פארקסוויל, פון סענטערוויל, פון מאונטיין־דייל און פון לוד־לאָוו סטרים, האָט ער אויף זיין געוועהנליכען אלטען שטייגער דערלאנגט א פליוך:

אויך מיר א טראבעל!
ר' „זושע קנאָבעל"
האָט מיר אין די קעטס־קילס געבראכט, די פעטס
פון מיינע גראמען
זאל איהם בע'טעמ'ען,

בין איך דערגאנגגען
ווי איך צו פאנגגען,
און אט בין איך דא,
אין א מזל'דיגע שעה —
צווישען די בערג,
שטארק ווי א טערק...

איך מוז געשטעהן דעם אמת, אז בערל איז פאר מיר גע־וועזן א מין קרעפטיגונג נאך דער אבשוואכענדער באד. זיינע גראמען, וועלכע איך האב שוין ניט געהערט זייט איך בין קראנק געווארען, האבען ארויסגערופען אין מיר אן אנגענעהמע סענ־זאציאן. א מענש זאל מיר ניט, דיר ניט, קומען אין „ווייט סאלפאר ספרינגס" שיטען מיט גראמען! איך האב איהם בע־דאנקט פאר זיין פריינדליכען בעזוך און האב איהם געפרעגט, וואס עס הערט זיך אין נויארק, אין די אידישע ליטעראטור. איך האב איהם ערקלערט, אז מען האט מיר פערזיכערט, דאס ער און א סך פון זיינע פאך־גענאסען זיינען איצט געווארען זעהר פראמינענט אלס דיכטער... מען לאדט זיי איין אויף לי־טעראַרישע פערזאמלונגען און מען גיט זיי אב גרויס כבוד. קרי־טיקער שטעמפלען זיי אלס נייע, אלס דעקאדענטען, און עס טוט זיך גאר מעשים...

דיכטען, שמיכטען,
סתם געשיכטען,
צו פערניכטען
א געבריבטען...

בערל האָט דערלאַנגט א שלײדער די עטליכע גראַמען עפּעס סתם אין דער װעלט. װי געזאָגט, װײס איך װאָס זײ טשעפּען זיך אָן מיר!

סײ װי סײ, איך האָב איהם געבעטען ער זאָל בלײבען מיט מיר ביז איבער מיטאָג און האָב איהם דערװײל פאַרגעשטעלט פאַר מײנעם א ניו יאָרקער גוטען פרײנד, אלס דעם גרעסטען בריה אין דער גראַם־װעלט, װעלכער האָט גאַנצע קעסטקילס מיט גראַמען און קען מאַכען רעגען־שירעם זיך קײקלען פאַר גע־לעכטער.

איך שװער אײך, אז איך װײס אויף הײנטיגען טאָג ניט װי דאס איז געשעהן, גאַר פּלוצלינג, אזוי ארום פאַר־נאַכט־צײט, האָבען זיך אָנגעהויבען צו קלײבען בײ מיר אין האָטעל אידען און אידענעס פון דער גאַנצער געגענד ארום. דאָס זײנען געװען מעהרסטענס אויפגעקומענע בעלי־בית'טעס פון ניו יאָרק װעלכע האָבען זיך געפונען אין די ארומיגע דאַטשעס. זײ קענען נע־באַך ניט מאַכען קײן צלם פאַר אן אלף און זײנען געקומען בערל דער פּיסקאַטער זאָל זײ שרײבען בריװלאַך אהײם... אי־בערהויפּט זאָל ער זײ פערפאַסען קונציגע, געגראַמטע סאָװעניר־פּאָסטעל־קאַרדס:

> סאָװעניר, קליסטיר,
> געהט, כאַפּט א געשװיר,
> װאָס האָט איהר צו מיר?

דאָס האָט אָבער בערלען ניט געהאָלפען, מען האָט איהם אָנגעהויבען צו קיצלען מיט זילבערנע טאָלערס. אײן ברײטע בעלי בית'טע, װאָס האָט, װי איך האָב ערפאַהרען, פערשפּיעלט אין די קעטסקילס ביז 1000 טאָלער אין קאָרטען, האָט געװיזען

בערלען א גאלד־שטיק. דער כלל, ער האט זיך ניט געקענט פון דער קאפטע ארויסדרייען און פערזשמורענדיג די קליינע אויג־לאך האט ער אויפגעעפענט זיינע לעפצען און געזאגט:

ליעבע גבירים און גבירטה'ס,
וואס איהר קומט און שפאצירט עס
אין די בערג און פערפיהרט עס,
וואס איהר ברעכט און לאקסירט עס
פון טאג און נאכט זיך שטאפען,
אייך עפען איך דעם פראפען
פון מיין געפיללטען זעקעל
און גיעב אייך ביז א ברעקעל,
זאל אייך וואהל בעקומען!
אהער די מזומן!

עס האבען גענומען פאלען זילבערנע טאלערס און איין צולאזענער, אמעריקאניזירטער יונגאטש האט גראד געציעלט און געטראפען בערלען מיט א טאלער אין שפיץ נאז. עס איז געווארען א גרויס געלעכטער. בערל האט זיך אנגעצונדען ווי א חנוכה־ליכטעל פאר כעס. די רציחה האט אויפגערודערט דעם קוואל פון זיינע גראמען. ער האט געשוויעגען, אבער די גרא־מען האבען געקאכט אין איהם און ער איז געפאלען אויף א פלאן זיך אבצורעכענען מיט די ווילדע הולטאיעס.

מען האט גענומען ציהען קניפלאך פאר וועמען בערל זאל שרייבען דעם ערשטען בריעף. און דעם ערשטען קניפעל האט ארויסגעצויגען א גראבע און פערגרעבטע לענד־ליידי, א בעל־הבית'טע פון גרונט אייגענטהום, מיט קורצע פיס און לאנגע

הענד... זי האָט געהייסען בערלען שרייבען צו איהר מאַן, אַז זי איז געזונד און פריילאך און וועט קומען זונטאג אהיים... אבער בערל, וויסענדיג, אַז זי קען ניט לעזען, האָט געטאָן וואס ער האָט געוואלט און האָט געשריעבען:

מיין מאַן, מיין תנא בּאַרע,
זאלסט האָבען לאנגע יאָהרע.
די בערגער זיינען מאבער.
איך ווער דיק ווי א דבר אחר,
איך בעט דיך אום פערציייהען
איך האלט נאָר אין איין קאַיען.
ניט זוך קיין אנדערע באָבעס,
און קום צו מיר אויף שבת...
געדיינק זאלסט מיך ניט נאַרען,
איך קען זיך קוים דערהארען...
איך בין יעצט דיק און פליישיג
און האָב דעם קבצן'ס חשק
צו זעהן דיך, זיסער שמערקע!
פון מיר דיין יענטע מערקע,
דיין ווייבעל, דיין געטריייע,
וואס איז זיך דאָ מחיה.

געלייענט האָט בערל פאר זיין קונד א גאנץ אנדער זאך, ניט דאס, וואס ער האָט פערפאסט. דאן האָט ער פערזיגעלט דעם קאָנווערט, אָנגעשריעבען אַן אדרעס און געהייסען פּאָסטען דעם בריעף... דער פיסקאטער האָט געבאפּט פאר דער ארבייט א שעהנע מטבע און עס איז צוגעגאנגען דער צווייטער קניפּעל. דאס איז געוועזן א שווינדזיכטיגער לענדלאָרד, אַן אלטער בחור,

א געוועזענער בלעכער און גרויסער גראָבער יונג, וואס האָט געוואלט שיקען א סאָוועניער פּאָסט־קארטע צו זיין כלה, א יונגע, שענע מיידעל אין פּיטט סטריט. דער חתן האָט געהיימען שרייבען, אז ער איז געזונד און שטארק ווי אן אָקס, און באלד ווי ער וועט קומען צוריק וועט זיין חתונה. בעריל האָט אָנגעקוקט מיט זיינע אויגעלאך דעם האלב גע׳פּגר׳טען בעל הבית און געשריעבען:

מיין גוטע שארלאָטע,
איך האָב געלד ווי בלאָטע,
נאר איך האָב די סוחאָטע.
איך הוסט און איך חראקע,
עס העלפט מיר א מכה
די רענט, וואס איך העכער
אין שטאדט אויף די לעכער...
איך זופּ מילך און אייער,
דאך וויים איך אויף פרייער
אומזיסט איז מיין זופּען.
איך פיהל שוין דאס שטופּען
פון קרבן אין פּלייצע.
איך שיק דיר אן עצה
פון קעטסקילס אריבער:
פערגעס מיינע שטיבער,
און זוך דיר א זכר,
א קרעפטיגען בחור.
פון מיר חיים טרייטעל
מיט דער פּולער בייטעל.

אויף אזא אופן האָט בערל דער פּיסקאטער זיך אָבגערע־כענט מיט די רייכע גראָבע יונגען. די בריעף און פּאָסט־קארדס זיינען אלע אָבגעשיקט געוואָרען אויף די בעשטימטע אדרעסען און מען קען זיך פארשטעלען וואס עס האָט זיך געטאָן.

בערלען אָבער האָט דאָס געארט ווי די קאַטץ. ער האָט פערדיענט א שלל מיט געלד און איז פערבליעבען אין די בערג קלערען פאר וואָס זיי זיינען אזוי הויך און ער איז אזוי נידעריג...

זיעבטער קאפּיטעל

נאָך אַ שטילקייט פון צוויי יאָהר, בערל דער פּיסקאַטער ווערט אַ קרבן פון אַמעריקאַנער קריזיס אין יאָהר 1907. ער האָט חתונה מיט אַן אלמנה און איז אויף צרות.

דער כלל איך בין פערוואָרפען מיט בריעף איבער די אוי־ערען. פון ארבע פינות קאָלאָמבוס האָט מען צו מיר גימפעל'ס פּרעטענזיעס: בערלען מאָנט מען ביי מיר, בערל דעם פּיסקאטען. דעם עולם איז קאלעמוטנע אויפ'ן הארצען, עס וויל א לוסטיגע פּערזאָן אין דער טראגעדיע...

— גוואלד, וואו האָט איהר ערגעץ אהין געטאָן בערלען?

— גיט אונז בערל דעם פּיסקאטען!

— מיר ווילען בערלען, ווילען מיר!

— וואו איז בערל מיט זיינע גראמען ?

שאט! שרייט ניט! מאכט קיין גוואלדען! איך בין ניט קיין קאניבאל, איך האָב בערלען ניט אויפגעגעסען. איך בין לא עליכם אזוי אויך א דיספעפטיק, פעהלט מיר נאָך ארונטער־צושלינגען א בדחן...

בערל לעבט, הלואי זאָלט איהר אזוי לעבען און געזונד זיין! ער איז גאנץ ווי א שענע קדוש־חלה, ער איז דאָ, פונקט ווי אונזערע צרות, נאָר ער איז א ביסעל טעמפ געוואָרען. א בדחן איז פונקט ווי א מענש, און א מענש ווערט אמאָל פער־ענדערט.

אָרעמער בערל! ער, וואָס פלעגט זיך אמאָל פּרעגלען ווי א יום טוב קרעפּעל אין די פעטס פון גראמען, טרינקט זיך נע־באך איצט ווי א קאקטוס פלאנצונג פון אריזאָנא אין די טרי־קעניש פון פּראָזא. די איבערקעהרעניס אויף דער בערזע, די גרויסע אמעריקאנער פּאניקע פון יאָהר 1907, האָט גע'ממית'ט זיין פרנסה. דער פיעל־געזוכטער לאנד־בדחן קריגט יעצט ניט קיין חתונה אויף א רפואה. פאר גרויסע צרות האָט ער נעבאך אליין חתונה געהאט און זיך אליין בעזעצט... אן אלמנה־גרושה מיט אכט „פופּקעס" האָט ער גענומען: פינף פון דעם טויטען און א מזומן פון גע'גט'ען, און ווי עס איז צו פערשטעהן פון די „יונגע ווייבעל'ס" הויות זיצט בערל אויך ניט ליידיג...

איך בין א פיינע בריה
מיט א גאנצע אומפעריע
באַרוועסע קאַוואַלעריע,
האָב זיי א כאָלעריע!

ווי איהר זעהט האָט שוין בערל חרטה אויפ'ן שדוך, דען מיט אָט דעם דאָזיגען פּזמון אנטלויפט ער אָפּט פון זיין „אימ־פעריע" ווען זי ברעכט פלוצלונג אויס אין רעוואָלט און שרייט „ברויט אָדער טויט!..." עס איז אן אָפּענער סוד פאר גאַנץ גרויס ניו יאָרק, אז בערל איז דער גרעסטער „מזיק" אויף גע־גראַמטע ליעבעס־בריוולעך. נאָר וואו ליעבט מען זיך דאָס יעצט אין גראַמען? א חוץ אין די אידישע צייטונגען זעהט מען דאָס גאָר אין די אויגען ניט אָן... און ער, אונזער בערל אליין, רייסט זיך שוין גענוג די עטליכע האָר פון דעם פליכעוואַטען קאָפּ אויף זיין אייגענע „ליעבע", אין וועלכע ער האָט זיך אזוי מיאוס אריינגעגראַמט. אין אמת'ען, געזעסען אן אלטער בחור ביז אין גרויען באָרד אריין, און צום סוף זיך אויסגעקליבען חתונה האָבען אין א קריזיס! אָט איז וואָס בערל זאָגט וועגען דעם!

ווען עס ברעכען די באַנקען
און ס'לויפען די געדאַנקען
איבער דעם פלאַנקען
מיט צרות פערשיעדענע,
טאָ געה, נעהם א אידענע!

בערעל האָט געמאכט א צווייטע פּראָבע צו ווערען א דראַ־מאַטורג, עס איז איהם אָבער ווייטער ניט געגאַנגען. ער איז א בריה אויף „אָפּעראָס", א קינצלער אויף צו מאַכען געלעכ־טערס אויף דער ביהנע... קען ער אָבער ניט קריגען גענוג „פּאַט־ריאָטען", וואָס זאָלען איהם מאַכען א „בערל דעם פּיסקאַטען'ס קלייזעל" און איהם פּאַטשען אויף דער גאַליאָרקע, ווי דאָס האָ־

בען די וועלט־בעריהמטע, אונפערגלייכליכע און אונאיבערטראָ־
פענע אידישע אקטיאָרען.

בכן, רבותי, איז בערל ניט געשטאָרבען. ער לעבט, און אויב זיין „ליעבע“ וועט איהם ניט גט׳ן און ניט בעגראָבען אין אויב ער וועט פון זיין „באָרוועסע קאוואלעריע“ ניט קריגען „די כאָלעריע“ וועט ער נאָך אריבערלעבען די קריזיס. אָפט גיט זיך בערל אליין האָפנונג און שרייט אויס:

קריזיס, שמיזיס,
גייע ביזים
וועלען קומען
מיט מזומן,
מיט ממתקים
פון מרחקים.

דערוויילע זיינען נאָך אָבער די „ביזים“ פון „מרחקים“ ניט געקומען. אונגליקליכער בערל! נאָך דעם גרויסען, כפל שמונה־דיגען שנעע־שטורם, וואָס האָט שיער געקאָנטשעט בעגראָבען ניו יאָרק, וועלכע ליעגט סיי ווי סיי אין דר׳ערד — האָב איך איהם נעבאָך גאָר געטראָפען אין גאס מיט א לאָפּעטע אין האנד ראמענדיג שנעע. דאָס איז ניט געווען דער בערל פון די חתונות, די ברית מילה׳ס און די סיום התורה׳ס... אין א קורצען, אָבגעלעבטען פּידזשאק און אלטע וואָליקעס איז ער געשטאנען און געראמט די שנעע און מיר האָט זיך געדאכט, אז ער ראמט צום גראם... ראָס הארץ האָט מיר פערקלעמט אויף דעם עלענדען בדחן...

בערלען איז נאָך אָבער בעשערט געווען צו האָבען א פרישטש אויף דער מכה, דען ניט גענוג, וואָס ער איז געקומען צו אזא מדרגה, זיינען נאָך געשטאַנען נעבען איהם א פּאָר מנינים פון זיינע אמאָליגע קונדען, וועלכע ער האָט „בעזעצט" און בעזונגען, אָנגראָמענדיג זיי א גאָלדענע מערכה — און האָ־בען אויך געהאלטען לאָפּעטעס און גערעמט... זאָגסט זיינען זיי פעדלערס און ארבייטער. אין דער צייט פון די וואהלען זיינען זיי גאנצע פּאָליטיקער... זיי מארשירען, טראָגען לעמפּלאך און שרייען „היער, היער!" אנדערע זיינען גאנצע קנאקערס, מיט קאָקאַרדעס אין די לאצען, יעצט האָבען זיי גערעמט דעם שנעע און געקלאַפּט מיט די ציינער...

אָבער א לוסטיגע חברה זיינען דאָס געווען, דען זיי האָבען געהאלטען אין איין דערמאָנען בערלען זיין „בעזעצענעס" און זיינע געגרייזעלטע גראַמען, זיי האָבען זיך ניט שטארק געשעמט... ארבייט איז קיין שאַנד ניט... אגב האָבען זיי א פּאָליטישען „דזשאב"... שבת וועלען זיי אָנטאָן די צילינדער העטס מיט די שניפּסלאך און וועלען זיך פּראַסקען פּאר א מפטיר... זיי האָבען בערלען נערוועז געמאַכט. גראַמען מיט נערוועזיטעט זיינען א שידוך... בערל איז בייז געוואָרען אויף די גראָבע יונגען, און זיין פינסטערען מזל און דעם גוי'אישען אויפזעהער אויף צור־פּוקענים האָט ער זיך אוועקגעשטעלט אין מיטען גאס מיט דער לאָפּעטע אין האנד, האָט פערגלאָצט די אויגען צו די דעבער און זיך אָנלאָדענדיג מיט דער לעצטער ברחנישער גבורה, ווי א מין שמשון הגיבור, האָט ער אָנגעפאַנגען:

די גאס איז גליציג,
דער הימעל שפּיציג,

ווי קענט איהר זיין וויציג
און זיך געבען א פריי?
ווען ס'פעהלט אייך קארטאָפעל
פאנטאָפעל... און... הויזען...
און איהר האלט די שאָוועל
און גראבעלט שנעע
ביי יעדער דריי.
אז וועה... און אָך...

בראוואָ, בערל! האָבען זיך דערהערט קולות פון ביידע זייטען גאס. עס איז געוואָרען א געשפּאר און א געלעכטער. אלע האָבען דערקענט בערל דעם פּיסקאטען. דער גוי, וואָס האָט געהיט די ארבייטער זיי זאָלען ארבייטען, איז געבליעבען שטעהן א צומישטער. ער האָט ניט געוואוסט וואָס דאָ געהט פאָר. ער איז מן הסתם געווען א גלגול פון א „משכיל", ער האָט זיך פערקרימט אויפ'ן זשארגאָן און ווי מען האָט געקענט מערקען האָט ער פיינד געהאט פּאָעזיע... דען ער איז געוואָרען אָן אָנגעצונדענער פאר כעס און ביי יעדער גראם האָט ער א פינטעל געטאָן מיט די אויגען. ענדליך האָט ער א כאפּ געטאָן בערלען פאר א פּוס און האָט איהם ארויפגעהאקט אויפ'ן טרע־טואר. בערל'ס גליק איז געווען, וואָס ער האָט זיך אָנגעשלאָגען אָן א אידישען מוכר ספרים, וואָס האָט צו פערקויפען בערל'ס ליעדער... דער מוכר ספרים איז א הויכער, א שטארקער, א גע־זונדער מענש, א... א גראָבער יונג ווי א קלאָץ, האָט איהם בערל אָנגעכאפּט פאר א כאָליאווע און איז ניצל געוואָרען...

איך בין גלייך געלאָפען, האָב א נעהם געטאָן בערלען צו זיך און האָב איהם ארייגעפיהרט אין א קאפע־הויז. האָב

איהם געהייסען געבען טהעע מיט לעמאָן... א געבאקטען הער־רינג, פּאַמפּעניק מיט א פּאפּיראָס... האָב איהם געטרייסט: „אידישע טאלאנטען, האָב איך געזאָגט, מוזען אלצדינג אויס־שטעהן"... דאן האָב איך זיך אריינגעלאָזען מיט איהם אין א הויכען שמועס מכּח דער פּאניקע אויף דער בערזע, מכּח פּרעזידענט וואהלען, מכּח די מיתה משונה פון דעם פּאָרטוגעזישען קיסר מיט זיין יורש, און מכּח ווייבער, אויב זיי דארפען רוי־בערען ליולקעס. אויף אלעס דעם האָט בערל געענטפערט קורץ און שארף.

מיין ליעבער, זיסער מאָררים,
א שר פון גרויסע שררות,
וואס איז פול מיט עטרות
און זינגט דעם באָס „וכרות"...
און וויל מיט בראָך און צרות
כפּרות... אָבשלאגען...
הערט אויס מיינע השערות!
אט דער איצטיגער קריזיס
וועט ניט האָבען קיין חזות,
און צו דעם גאנצען פּאַניק
וועט באלד נעהמען אן עק.
אויב טאפט אדער ברייען,
אדער גאר אן אנדער שלייען
וועט אין דעם ים הקרח
פון דעם יענקישען תרח
נעהמען פיהרען דעם דרך,
קען איך אייך גור בדחן'ען,

אז זיי וועלען אלע „לאַטכענען"...
וועגען די פּאָרטוגעזער?
א ג'זונד זיי אין די בעזער!
און אויב זלאַטקע צי יולקע
זאל רויבערען א ליולקע,
איז גאנץ גוט אויב זיי קענען,
זאלען זיי אפילו ברענען...

די קאפע־הויז האָט זיך געטרייסעלט פאר געלעכטער. איך האָב געמוזט מיטלאַכען...